שיחות קודש

תש״נ – תנש״א

– השלמות –

•

מאת

כבוד קדושת

אדמו״ר מנחם מענדל

שניאורסהאן

מליובאוויטש

הנחת הת׳ בלתי מוגה

להערות:
SifreiSichosKodesh@gmail.com

פתח דבר

לתועלת הרבים מוצאים אנו בזה ליקוט מקונטרסי השיחות של כ״ק אדמו״ר זי״ע - ההנחות ד״ועד הנחות התמימים״ שיצאו לאור בשעתם. השיחות הם רשימות השומעים בלבד - ולא הוגהו ע״י כ״ק אדמו״ר (מלבד אלו שמצויין אחרת).

*

הוצאה זו היא צילום מההנחות כפי שיצאו לאור בפעם הראשונה, ולא עלה בידינו לתקן טעויות הדפוס וכיו״ב שנפלו בהקונטרסים. ועוד, שלע״ע עדיין לא מצאנו העתק מכל החוברות שהתפרסמו בשעתו, ובקשתינו שטוחה, מכל מי שיש ברשותו הנחה שלא הגיע לידיינו - שימציאה לידינו בהקדם, ע״מ לזכות את הרבים.

*

בשנים אלו – תש״נ-תנש״א – יצאו לאור רוב השיחות מוגהות ע״י כ״ק אדמו״ר, ולכן ספר זה כולל ההשלמות דשיחות המגוהות בלבד) כשחלק המוגה נדפס במקומו - בספר השיחות, בההוספות ללקו״ש, בסדרת תורת מנחם, ועוד).

* * *

ויהי רצון, שע״י ״חידוש הישנות״ בתורת כ״ק אדמו״ר, נזכה לשמוע עוד שיחות ומאמרים, בקרוב ממש.

המוצאים לאור

ז׳ אדר ראשון*, ה׳תשע״ו

* ראה לקו״ש חכ״א ע׳ 317.

מפתח

תש״נ

תנש״א

ש״פ נח
ש״פ וירא
ש״פ תולדות, מבה״ח כסלו
ש״פ ויצא
ש״פ וישב
ש״פ ויגש, ה׳ טבת
ש״פ שמות
ש״פ וארא, מבה״ח שבט
ש״פ בא
ש״פ יתרו
ש״פ תרומה
ש״פ תצוה
ש״פ אחרי-קדושים, י״ג אייר

שיחות קודש
תש״נ — תנש״א
— השלמות —

שיחות
יום א׳ ויום ב׳
דראש השנה
ה׳תש״נ

הנחת הת׳ בלתי מוגה

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ״ק אדמו״ר חצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת יום א' דראש השנה (יום שבת קודש) ה'תש"נ.

הנחות התי' בלתי מוגה

א. ס'איז נהוג לאחרונה צו פארבענגען בכל שבת ושבת, און רעדן אן ענין בפרשת השבוע, אדער וועגן דעם ענין המיוחד פון דעם טאג, וכיו"ב. און ווי עס שטייט אויך אין מדרש עה"פ "ויקהל משה" (געבראכט אין שו"ע) "אמר הקב"ה למשה רד ועשה לי קהילות גדולות בשבת כדי שילמדו הדורות הבאים אחריך להקהל קהילות בכל שבת"; עאכו"כ אין א שבת שחל בו ראש השנה, וואס דעמולט קומט צו א תוס' עילוי אין דעם שבת.

[בענין בנין המלכות בר"ה]:

מלכות איז דער מקור הבריאה, וואס בריאת תכלית כל הבריאה - בריאת אדם הראשון - איז געווען בראש השנה, און בכל ראש השנה ווערט דאס נתחדש מחדש. ואע"פ אז ע"פ תורת הבעש"ט הידועה (ווי דער אלטער רבי ברענגט אין שער היחוד והאמונה) ווערט די בריאה נתחדש בכל רגע ורגע מאין ליש, פונקט ווי דאס איז געווען בששת ימי בראשית ממש - פארגלייכט מען דאס צו בריאת העולם בפעם הראשונה בששת ימי בראשית, ווארום דעמולט ווערט דער חידוש אויפגעטאן ביתר שאת וביתר עוז, ועד"ז בכל ראש השנה ווען "הימים האלה נזכרים ונעשים".

[בנוגע לענין המיוחד כשבת לגבי ר"ה]:

ווי ס'איז מודגש אין דברי חז"ל עה"פ "וביום שמחתכם - אלו השבתות", ד.ה. אז שבת האט אן ענין מיוחד אז דאס איז "ביום שמחתכם" [וואס דאס איז אויך דער קשר מיט ענין ההתוועדות, וואס איז פארבונדן מיט שמחה], אפגעטיילט פון "ובמועדיכם" וואס שטייט בהמשך הכתוב,

[ויש לומר אז דאס איז דער הכרח אויף דעם מחז"ל, אז "ביום שמחתכם" גייט אויף שבת, ווייל בהמשך הכתוב שטייט "ובמועדיכם" (מיט א וא"ו המוסיף), דארף מען זאגן אז "וביום שמחתכם" גייט ניט אויף "מועדיכם", נאר אויף שבת. נאר דאס גופא טעמא בעי - דלכאורה איז עיקר ענין השמחה פארבונדן מיט מועדים לשמחה, משא"כ שבת איז פארבונדן מיט קדושה - "ויקדשהו", און קדושה וואס ווערט נמשך מלמעלה - "מקדשא וקיימא", און ניט "מקדש שבת וישראל" אדער "מקדש ישראל והשבת"].

וואס דאס איז מדגיש די אפגעטיילטקייט פון שבת לגבי יום טוב (מועדיכם), כולל - דער יו"ט ראש השנה, וואס ווערט אנגערופן בשם יום טוב.

און בשעת עס קומען צוזאמען ביידע ענינים (שבת און ר״ה) קומט צו א דריטער ענין (נוסף צו דער ענין פון כל א׳ מהם בפ״ע, און ניט נאר באופן פון אלו ואלו דברי אלקים חיים ברוחניות, נאר אויך אלו ואלו מעשה אלקים חיים) - חיבור שניהם יחד, וואס דאס קומט פון א דרגא וואס איז למעלה משניהם, און איז אויך כולל - דער סך-הכל - פון שניהם.

[בענין ב׳ הקצוות במצוות]:

לדוגמא - במצות תפלה, וואס צוזאמען דערמיט וואס זי איז איינער פון די שלשה קוים, תורה עבודה וגמ״ח, איז תפלה אויך אן ענין כללי ויסוד אין אלע קוים - זייענדיק אן עבודה שבלב, וואס איז כולל "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך", וואס איז כנגד תורה עבודה וגמ״ח.

ווי דאס איז בנוגע צו די ראשי תיבות פון "אלול" (שאזלינן מיני׳), די פינף ראשי תיבות כנגד תורה עבודה וגמ״ח, תשובה וגאולה - וואס ביחד עם זה אז זיי זיינע באזונדערע קוים, איז תפלה, ועד״ז תשובה, אן ענין כללי ויסוד אין אלע דריי קוים, ביז אין אלע פיר און פינף קוים.

ועד״ז בנוגע צו גאולה: פון איין זייט איז גאולה פארבונדן מיט א זמן ומצב מסויים (זמן הגאולה), אז ער ווערט נגאל פון דעם מצב שלפנ״ז וועלכע איז ניט קיין זמן ומצב הגאולה [כולל - אז די גאולה איז שלא בערך צו די גאולות שלפנ״ז, אנהויבנדיק פון גאולת מצרים, כמ״ש כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות]; ביחד עם זה איז דאס א גאולה פון אלע ענינים, און טוט אויף א שלימות אין אלע תומ״צ, וועלכע זיינען כלות אין די ר״ת פון אלול, כולל דער ר״ת החמישי כנגד ענין הגאולה ווי דאס איז אן ענין פרטי.

[בענין חמשה שמות שנקראו לה]:

לפעמים ווערן גערעכנט די ג׳ שמות נר״ן, און לפעמים - ד׳ שמות (אויך חי׳), און לפעמים (ווי אין דעם מדרש) - אלע חמשה שמות.

[בענין בחי׳ החמישית]:

ווי דאס איז בא דעם קרבן אשם, אז עס דארף זיין זיין "וחמישתיו יוסף עליו", וואס דאס באווייזט אז דאס ווערט נמשך צו אלע אידן, אויך צו אזא וואס חטא און ברענגט דערפאר אן אשם

- דאעֶ״פ שחטא ישראל הוא.

[בענין חלק אלוקה ממעל ממש]:

ווי דער אלטער רבי איז מוסיף אין תניא (לגבי דעם לשון הכתוב ״חלק אלוקה ממעל״) - דער ווארט ״ממש״, וואס דאס גיט צו נאך א דרגא [דאע״פ אז מ׳קען לכאורה זאגן אז די הוספה פון ״ממש״ איז ע״ד א פירוש פון תושבע״פ אויף דעם וואס שטייט אין תושב״כ, איז יש לומר אז אין דעם איז אויך דא א הוספה וחידוש] - אז דער ״חלק אלוקה ממעל״ איז באופן פון ״ממש״, מלשון ממשות, און אויך - ״ממעל ממש״, ממש ווי דאס איז למעלה.

[בענין וחמישית לפרעה שנפעל ע״י יוסף, שקאי על כל א׳ מישראל]:

ובפרט בדורנו זה - וואס שמו (הראשון) של נשיא דורנו איז יוסף. און אויך שמו השני יצחק, האט אין זיך די צוויי ענינים פון ביטול און תוקף המציאות, אז מ׳דארף ניט אנקומען צו זכרון יצחק, ווי מ׳דארף אנקומען ביי אברהם ויעקב.

[ובחיוך:] ס׳איז פארשטאנדיק אז מ׳דארף זיך היטן אין דעם רעדן וועגן אברהם און יעקב - ווייל בר״ה דארף מען דאך אנקומען צו זייערע חסדים; אבער דער חילוק הנ״ל צווישן יצחק און די אנדערע אבות איז מפורש אין תורת אמת.

[בענין שבת ור״ה]:

שבת איז מעין יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים, אז דער גילוי פון שבת ומנוחה דלע״ל ווערט נמשך אין ״חיי העולמים״, אין מציאות העולם, בחי׳ האור והחיות בעולמות, ביז אין אן אופן פון ״יחיד חי העולמים מלך״, ווי מ׳זאגט אין ״ברוך שאמר והי׳ העולם״ (וואס די שלימות דערפון איז בר״ה, סיום וגמר הבריאה), ביז אז דער גילוי איז פון א דרגא וואס איז נאך העכער פאר בחי׳ ״יחיד חי העולמים״, יחידו של עולם, וואס האט נאך א שייכות וערך מיט עולם, און העכער אפילו פאר בחי׳ יחיד מצ״ע (ווי ער איז למעלה מעולם), ווארום אויך בחי׳ יחיד איז א תואר [און פארבונדן מיט יחידה ששנפש, וועלכע איז איין זאך - יחידה לייחדך - מיט בחי׳ יחיד שלמעלה. דער חילוק איז נאר אז יחדה איז לשון נקבה און יחיד איז לשון זכר], ביז פון עצמות ומהות וואס איז העכער פאר כל גדר ותואר כו׳.

ולהוסיף, אז אע״פ וואס ס׳איז ידוע די מעלה פון ״ברוך שאמר״, וואס דאס איז געווען די התחלת התפלת פון כמה קדושי עליון

וגדולי עולם - האט דער אלטער רבי מקדים געווען בסידורו די תפלה פון ״הודו לה׳ קראו בשמו״, ולפנ״ז - ״מודה אני לפניך״, דער ענין ההודאה והביטול, וואס מ׳זאגט מיד כשניער משנתו. ע״ד ובדוגמת דער ענין פון ר״ה - בחי׳ דורמיטא דז״א. וכידוע דער סיפור מיט ר׳ הלל פאריטשער, אז ער איז געשלאפן בערב ר״ה צוליב דעם וואס ער איז געווען מיוחד ובדוגמא שלמעלה כו׳. און וויבאלד אז דער סיפור איז דערגאנגען צו כל ישראל, איז פארשטאנדיק אז מעין זה איז שייך בא יעדערן.

[כמעלת ר״ה]:

אע״פ אז שוין בערב ר״ה שטייען אידן אין א מצב נעלה, ווי עס שטייט אין טור (בשם פון ״מדרש״) ״כי מי גוי גדול (אשר לו אלקים קובים אליו) כו׳ אומה זו יודעת שהקב״ה עושה להם נס כו׳״ אז זוכים בדין, ביז אז דאס דריקט זיך אויס אין דעם וואס ״לובשים לבנים ומתעטפים לבנים״ - איז הגם אז דאס איז אן ענין נעלה, ביז אז זוכים בדין מיט אלע פירושים שבזה, אעפ״כ, איז דאס פארבונדן מיט א מציאות פון ״קרובים״, און א מציאות פון ״אומה״, און א גדר פון ״ידיעה״, און די ידיעה איז אין דברים נעלמים (וואס אנדערע אומות ווייסן ניט). משא״כ בר״ה טוט זיך אויף דער ענין פון זוכים בדין במעשה **בפועל** (און ניט נאר אז יודעים כו׳), ובאופן נעלה יותר שלא בערך ווי דאס איז **בערב** ראש השנה, וועלכער איז נאר אן ערב והכנה צו ר״ה, און ווי דאס איז בפשטות אז דעמולט טוט מען זאכן וועלכע זיינען אסור טאן בר״ה עצמו.

און דער גילוי נעלה בר״ה טוט זיך אויף ברגע הראשון פון ר״ה, נאר דערנאך האט מען געוואַרט אויף א צייט אז אידן זאלן זיך קענען צוזאמענקלייבן ברוב עם הדרת מלך, און פאנאנדערעדן דעם ענין, און מגלה זיין די ענינים נעלים וואס ווערן נמשך ברגע ראשון פון ר״ה, ביז די נקודה וואס איז למעלה מעל הענינים, און נאכמער: וויבאלד אז נאך דער רגע ראשון פון ר״ה זיינען דורך כמה שעות, קומט אין דעם זיכער צו מער און מער, באופן פון ילכו מחיל אל חיל, העכער און העכער, ביז - די דרגא וואס איז העכער פאר גדר הליכה און העכער פאר גדר חיל.

און דאס ווערט נמשך צו יעדער איד, אנשים נשים וטף, כמ״ש ״אתם נצבים היום כולכם לפני ה׳ אלקיכם״, אלע עשר סוגים פון

אידן [סיי ״הלואי בינוני״, סיי צדיקים, און צדיקים גמורים, סיי בעלי תשובה וכו׳], וביחד עם זה - ווי זיי שטיען העכער פאר גדר התחלקות - אז יעדער איד באקומט און האט די אלע ענינים נעלים, ביז אז דאס איז העכער פאר דעם גדר פון ״יש האבן״ און ״ניט האבן״.

ובפרט אז מ׳שטייט אין א זמן זכאי, וואס איז נאך העכער פאר גדר זמן, וביחד עם זה ווערט עס נמשך אין מציאות הזמן, און אין א מקום זכאי - מקום שמגדלין בו תורה תפלה ומעשים טובים, וואס דאס באווייזט אז דאס איז בגדר מקום, און א מקום גדול, בערך צו א מקום קטן, וביחד עם זה - איז דאס למעלה ממקום.

און די ענינים נעלים ווערן נמשך בגלוי צו יעדער איד, ובפרט ע״פ המבואר אין תניא אז כבר הי׳ לעולמים מעין זה בשעת מ״ת, וואס דעמולט איז געווען מעין דער גילוי פון והיו עיניך רואות את מוריך, וואס מ״ת איז דאך דא בכל רגע ורגע, נותן התורה לשון הוה.

און דערצו דארף מען האבן די עבודה פון א אידן בקב שלו - צו ״פאנאנדערפאקן די פעקלעך״ - וואס דורך דעם באקומט ער אויך די תשעה קבים של חבירו זה הקב״ה, כמ״ש רעך ורע אביך, ווערט דאס עשר קבים, ביז דאס וואס איז העכער פאר גדר קב.

ובפשטות - אז יעדער איד באקומט די אלע ענינים - באופן פון א כתיבה וחתימה טובה, נכתבין ונחתמין לאלתר בספרן של צדיקים גמורים, ובגילוי בפועל ממש (און נאך פאר גדר פועל און פאר גדר ממש), ותיכף ומיד ממש.

* * *

ב. מ׳האט גערעדט, אז אין דעם ראש השנה איז אויך צוגעקומען אן ענין מיוחד אין הפצת המעינות חוצה - ווייל דעם ערב ראש השנה איז געווען דער סיום פון שנת המאתים להולדת הצ״צ בערב ר״ה תק״נ (וכידוע די מעלה פון מספר מאתיים), און בקשר דערמיט האט דער אלטער רבי אויף מארגן - בר״ה תק״נ - געזאגט א מאמר ד״ה משביעין אותו, וואס דאס זיינען די ערשטע דריי פרקים פון ספר התניא.

דערביי האט מען מעיר געווען אויף דעם דבר פלא וואס אמירת המאמר איז ניט געווען ביום ההולדת עצמו בערב ר״ה, נאר למחרתו - בראש השנה. ויש לומר בפשטות: וויבאלד אז מ׳ווייסט ניט בדיוק

דער זמן הלידה פון דעם צ"צ, קען זיין אז דאס איז געווען אין א צייט ווען ס'איז ניט געווען שייך זאגן א מאמר צוליב טירחא דציבורא אויף צוזאמענקלייבן א קהל הושמעים צו הערן דעם מאמר, ווארום אויף אמירת מאמר בדיבור דארף מען דאך האבן שומעים. ואדרבה: דורך דעם שומע קומט צו א חידוש אין דעם אומר המאמר. דעריבער איז אמירת המאמר געווען ניט בערב ר"ה, נאר בר"ה - א זמן מתאים לזה (און א זמן ווען דער ענין פון זוכים בדין טוט זיך אויף בפועל, ע"ד ווי אמירת המאמר איז אן ענין וואס איז געווארן בפועל א חלק והתחלה פון תושב"כ פון חסידות, און ניט נאר בידיעת אומה זו שיודעים שזוכים בדין בערב ר"ה, כנ"ל).

ובנוגע לפועל - איז דאך ניט נוגע די טעמים פון דעם אלטן רבי'ן פארוואס ער האט דעמולט געזאגט דעם מאמר, דער עיקר איז - אז ער האט געזאגט א מאמר חסידות, און א ראש השנה'דיקער מאמר, פארבונדן אויך מיטן יום הולדת. דעריבער איז מתאים - אז דאס זאל מעורר זיין יעדערן צו מוסיף זיין בלימוד תורתו פון דעם אלטן רבי'ן און פון דעם צ"צ, און אזוי אויך - פון אלע רבותינו נשיאינו, אנהויבנדיק פון דעם בעש"ט און דער מגיד, און די נשיאים שלאחריהם ממלאי מקומם, ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר, ביז דער נשיא העשירי - דער אויבערשטער און מלכא משיחא.

און זיכער זיינען די נשיאים מעורר רחמים און בעטן פאר יעדן אידן, אז עס זאל זיין א כתיבה וחתימה טובה וכו'. כולל ובמיוחד - דער בעל יום הולדת, דער צ"צ, וואס זיינע ביידע נעמען זיינען שמו של משיח. ובפרט לאחרי העלי' שלו נאך מאה שנה מהולדתו, און די עלי' לאחרי מאתיים שנה.

ביז - די ברכה הכי עיקרית - די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, והקיצו ורננו שוכני עפר, און אלע אידן גייען אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, לביהמ"ק ולקדש הקדשים, ותיכף ומיד ממש.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה לנגן "אך צדיקים".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

———— * ————

בס"ד. השלמות לשיחת יום ב' דר"ה תש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

כ"ק אדמו"ר שליט"א נטל ידיו הק' לסעודה.

[שיחה ראשונה ע"ד הזכרת שמות הנשיאים והברכות הנשמכות על ידם לכל ישראל - נכלל בשיחה המוגהת הנ"ל.
בהמשך הענין ע"ד הברכות שנמשכות על ידם -אמר:]

א. כולל ובמיוחד - די ברכה העיקרית - גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, דער נשיר העשירי, העשירי יהי' קודש, נאך די שבעה נשיאים און נשיא השמיני - כ"ק מו"ח אדמו"ר, כמרומז בשמו און אין אים אליין.

והקיצו ורננו שוכני עפר, כולל כל הנשמות פון כל הדורות, תיכף ומיד ממש.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה לנגן ניגוני רבותינו נשיאינו. וניגנו: ניגון השלש תנועות להבעש"ט, ההה"מ ואדה"ז. ניגון מאדה"ז. ניגון אדמו"ר האמצעי. ניגון הצ"צ. "לכתחילה אריבער" מאדמו"ר מהר"ש. ניגון ההכנה לאדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע. ניגון ה"בינוני" דאדמו"ר מהוריי"צ. ניגון "אתה בחרתנו" לכ"ק אדמו"ר שליט"א].

* * *

[בענין ההמשכה מאהבת ה' ויראת ה' (הכוללות כל רמ"ח מ"ע ושס"ה מל"ת) במציאות האדם כרמ"ח אבריו וכשס"ה גידיו]:

ב. סיי בנוגע צו אנשים, און סיי בנוגע צו נשים, אין זייערע אברים וגידים.

דערפון איז מובן, במכ"ש וק"ו, אז דאס איז אויך כולל קטני קטנים, וואס נוסף לזה וואס זיי זיינען געבארן געווארן דורך די אנשים ונשים, איז אין זיי תלוי און זיי זיינען כולל כל הדורות הבאים עתידים לבוא, וואס זיי טיילן זיך אין אנשים נשים וטף, און אין זיי איז תלוי אויך די שלימות פון כל הדורות שלפנ"ז, אנהויבנדיק פון מתן תורה, און נאך פריער.

[בענין ההוספה בעבודת האדם באופן נסי]:

אז יעדער איד ווייזט אן באופן פון מראה באצבעו ואומר זה - אט פירט ער זיך באופן נסי, אז ער הויבט זיך אויף העכער פון דרך הטבע, באופן פון "תשא את ראש בני ישראל", בלשון הכתוב

בתורה הנצחית, בנוגע צו אידן בכל הדורות כולם, עאכו״כ אין דעם דור האחרון פון גלות, און אויך - כמדובר כמ״פ און ווי דער פס״ד פון אלע חסידים, אנשים נשים וטף - דער דור הראשון פון דער גאולה, אזוי אז גלייך פון דעם רגע האחרון פון גלות גייט מען אריין אין דעם רגע הראשון פון גאולה, גאולה האמיתית והשלימה,

און מ׳נעמט מיט אלע פעולות וואס מ׳האט געטאן אין גלות, כולל - דאס וואס מ׳האט מהפך געווען די עניני הגלות צו גאולה, דורך אריינשטעלן אין ״גולה״ (גלות) דער אל״ף פון אלופו של עולם, דער ענין פון נסים, וואס דורך דעם ווערט ״גאולה״.

אנהויבנדיק פון דער דער עבודה נאך ראש השנה אלס הכנה צו חג הסוכות, ״ליום חגנו״, ווען עס ווערן נתגלה אלע ענינים וועלכע מ׳האט אויפגעטאן בר״ה באופן פון ״בכסה״ - בחמשה עשר בתשרי, ווען קיימא סיהרא באלשמותא, כולל - די שלימות פון אידן הדומין ומונין ללבנה, ביז סיומו - ביום שמיני עצרת, וואס איז אלעמאל חל דעם זעלבן טאג אין וואך ווי חמשה עשר בחודש, און דעמולט קומען ארויס די אלע ענינים אין אן אופן פון (עצרת מלשון) קליטה,

כולל אויך - שמחת תורה, ווי דאס איז בגלוי אין ארץ ישראל אז שמע״צ ושמח״ת קומען צוזאמען ביום אחד; און וויבאלד אז די גאולה וועט זיכער קומען נאך פאר דעם, נאך היינט - וועט מען דעמולט פראווען שמע״צ און שמח״ת צוזאמען אין ארץ ישראל.

ג. וואס דאס ווערט אלץ נאכמער אויפגעטאן און צוגעאיילט דורך דעם וואס מ׳רעדט וועגן דעם אין דעם מקום שמגדלין בו תורה, תפלה און מעשים טובים - בביתו פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו במשך עשר שנים האחרונות שלו פון חיים חיותו בעלמא דין, און קדושה בכלל לא זזה ממקומה, עאכו״כ קדושת הנשיא, וואס הנשיא הוא הכל, ער איז כולל אלע אידן, וביחד עם זה איז ער דא אין יעדער איד, ע״ד ווי עס שטייט בנוגע צו משיח, אז א ניצוץ וכוכב פון משיח געפינט זיך בכל א׳ מישראל שבכל הדורות, ועד״ז איז יעדערער נכלל אין משיח. ועפ״ז זיינען מתווך דיביידע פירושים אין ״דרך כוכב ביעקב״ - (א) אז דאס גייט אויף א יחיד בישראל, (ב) אז דאס גייט אויף משיח.

און דאס ווערט אויפגעטאן תיכף ומיד ממש (און קיין שהיית זמן) - אז עס ווערט נתגלה דער ״דרך כוכב מיעקב״, מיטן גאנצן המשך לאחרי זה,

ביז אז דער אויבערשטער אליין איז מקבץ יעדן אידן, ״ואתם תלקטו אחד אחד בני ישראל״, אנשים נשים וטף, בכל מקום וואו זיי געפינען זיך,

ובפרט אז נאך אין גלות - איז ״עמו אנכי בצרה״, דער אויבערשטער (אנכי) געפינט זיך עמו, און דוקא ווי ער איז ״אנכי״, למעלה מ״אני״, דהגם אז ״אנכי״ איז כולל אין זיך דעם ווארט ״אני״, האט עס א תוס׳ כ״ף, וואס גייט אויף כתר, כ׳ ר״ץ כתר ועשרים בגימטריא כתר, ביז - פנימיות הכתר, ופנימיות שבפנימיות הכתר, פארבונדן מיט פנימיות שבפנימיות הנשמה - יחידה לייחדך, די דרגא פון משיח - יחידה הכללית - דער נשיא העשירי, העשירי יהי׳ קודש.

און דאס ווערט נאכמער צוגעאיילט דורך די פעולות פון אידן נאך בזמן הגלות, באופן פון נסים - מיט א הרמה והתנשאות, ווי ס׳איז געווען אין די ג׳ שנים שלפני זה, עאכו״כ אין התחלת תש״נ.

ועוד והוא העיקר - אז עס קומט די גאולה בפועל, גאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש, ובשמחה ובטוב לבב.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א התחיל לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל].

* * *

[בענין ״פתח״, פתיחת הדרך]:

ד. כידוע דער פירוש אין דעם וואס עס שטייט ״פתח״ בכ״מ, ובפרט אין ספר הזהרף כולל - ״פתח אליהו״ וואס יעדער איד זאגט - באופן של אמירה ופתיחה - בכל ערב שבת [כולל בערב שבת ווען מ׳זאגט ניט ״הודו לה׳״], ביז דער סיום - וואס מ׳איז מוסיף כמנהג ישראל - ״אמן ואמן״ (מיט די אלע ר״ת שבזה וכו׳).

זאל אזוי זיין בפועל ולמטה מעשרה טפחים - באופן פון ״אמן ואמן״ - די גאולה האמיתית והשלימה, ותיכף ומיד ממש, אזוי אז כל השנה ווערט בגלוי א שנת נסים, ביז דער נס הכי גדול - די

גאולה העשירית, פארבונדן מיט שירה העשירית, און אלע עניני שלימות פון עשירי.

אנהויבנדיק דורך דער עבודה פון א אידן מיט אלע זיינע עשר כחות הנפש, וועלכע זיינען פארבונדן מיט די עשר כחות הגנוזות, ע״ד ווי דאס איז אין די עשר ספירות למעלה - וואס א איד איז דאך אדמה לעליון - אז זיינע עשר כחות ווערן נשתלשל פון די עשר ספירות הגלויות, ווי זיי קומען אראפ ביז אין עולם העשי׳, וואס אין דעם זיינען נכלל און עס ווערן נתגלה ביז די עשר ספירות הגנוזות, וועלכע ווערן נמשך פון עצמות ומהות.

וכל זה - באופן גלוי - והיו עיניך רואות את מוריך, וואס כבר הי׳ לעומים מעין זה בשעת מ״ת (כמבואר בתניא), וואס מ״ת ווערט נתחדש בכל יום, ועאכו״כ בימים מוחדים בשנה ווען דאס ווערט נתחדש ביתר שאת וביתר עוז, ווי ביום ראש השנה, וואס מ״ת איז אן עיקרי בתפלת ר״ה - ווי מ׳זעט עס אין די פסוקי שופרות בתפלת מוסף דר״ה, און דערנאך - זאגט עס אויך דער שליח ציבור, און ניט באופן פון איבער׳חזר׳ן וואס מ׳האט פריער געזאגט, נאר דאס איז אן אמירה חדשה און א פעולה חדשה פון ענין מ״ת,

און דערנאך - זאגט מען עס נאכמאל אין תפלת יום ב׳ דר״ה, ובשנה זו - קומט עס לאחרי תק״ש בפועל, כולל די תקיעה האחרונה, די תקיעה גדולה, וועלכע ווערט א הכנה צו תקע בשופר גדול לחירותנו, חירות אמיתית פון אלע אידן, אנשים נשים וטף, בגאולה האמיתית והשלימה, וואס איז דער נס העיקרי בשנת נסים [ווייל נוסף צו די כמה פירושים אין תהא שנת נסים, איז דער פירוש העיקרית בזה - די נסים פון דער גאולה], נסים אפילו בערך צו די נפלאות ביצי״מ, כמ״ש כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, קודם מתן תורה (מיט אלע עילויים שבזה), וביתר שאת - בשעת מ״ת.

ובפשטות - אז תיכף ומיד ממש, גייען אלע אידן, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו - אין ארץ ישראל, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, במקדש אד׳ כוננו ידיך, ובקדש הקדשים.

ובפרט אז מ׳האט שוין מעשינו ועבודתינו במשך שנת תשמח ותשמח, ושנת תשמ״ט ידיך, און בהתחלת שנת תש״נ, און די החלטות טובות אויף מוסיף זיין בזה מערער און מערער,

הנחת התי׳ בלתי מוגה

וה' יראה ללבב, די החלטות וואס מ'האט אנגענומען, וואס דער- פון איז מובן אז שוין אין דער החלטה טובה האט מען די שלימות, ניט קוקנדיק אויף דער הנהגה בפועל - ווארום וויבאלד אז ס'איז שוין דא די החלטה טובה, דארף מען שוין ניט פרעגן וואס ווערט דערנאך, און אויב ס'איז דא א שינוי לאחרי ההחלטה - איז דאס נאר למעליותא, אז ער טוט נאכמער ווי ער האט מחליט געווען, באופן פון ילכו מחיל אל חיל, ביז יראה אלקים בציון, פנימיות הנשמה, ויפח באפיו נשמת חיים, ביז ווי די נשמה קומט אראפ אין די חמשה שמות שנקראו לה, און אויך דעמולט איז זי א חלק אלוקה ממעל ממש, וואס העצם כשאתה תופס בחלקו אתה תופס בכולו.

און מ'זעט דאס בגלוי, אז כשם ווי והיו עיניך רואות מוריך, אזוי זעט מען דאס בא יעדער איד, אנשים נשים וטף, בראי' חושיית,

און מ'זעט ווי אלע אידן פראוועז אן אמת'ן ריקוד מתוך שמחה, ושמחת עולם על ראשם, צוזאמען מיט כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו בראשם, צוזאמען מיט אלע נשיאים שלפניו, ביז דער נשיא הראשון - משה רבינו, וואס ער איז אויך דער גואל ראשון, והוא גואל אחרון - מלכא משיחא, וואס ער איז סיי א נשיא און סיי א מנהיג (רב), כמבואר במאמרי הצ"צ [וואס איצטער האט זיך געענדיקט מאתיים שנה להולדתו], ובפרט אז דער צ"צ איז פארבונדן מיט מלכא משיחא,

ותיכף ומיד ממש, ובאופן גלוי.

* * *

ה. ס'איז רגיל מסיים זיין מיט א הוראה במעשה בפועל: די וואס זיינען מחוייב בברכת המזון - זאלן זיך משתתף זיין אין ברכת המזון, און די וואס זיינען מחוייב בברכה אחרונה - זאלן מאכן א ברכה אחרונה.

און עס זאל שוין זיין די ברכה אחרונה אויף דעם גלות - אודך ה' כי אנפת בי, און ממשיך זיין בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א ברך ברכת המזון. ולאחרי תפלת ערבית והבדלה, חילק לכאו"א כוס של ברכה.

טרם צאתו התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן כי בשמחה תצאו].

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!

נדפס ע"י

משפחת נמדד

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

בס"ד. ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א לאנשי כפר חב"ד, בעת מסירת האתרוגים ע"י באי כח הכפר שיחיו - ערב שבת קודש, ערב חג הסוכות ה'תש"נ.

הנחה פרטית בלתי מוגה

דער אויבערשטער זאל מצליח זיין אז מ'זאל ממשיך זיין כל ההמשכות, און צום אלעם ערשטן - די המשכות פון די ד' מינים בחג הסוכות.

ובפרט בשנה זו, ווען יום טוב ראשון של חג חל להיות בשבת - וואס דעמולט איז ניטא לקיחת ד' מינים (ע"י האדם) - ווארום דער אויבערשטער איז דאס דעמולט ממשיך ע"פ התורה, ע"ד ווי ס'איז מבואר בנוגע צו די המשכות פון תקיעת שופר ביום טוב של ראש השנה שחל להיות בשבת (כבקביעות שנה זו) - אז דעמולט ווערן אלע המשכות אויפגעטאן בתכלית השלימות וויבאלד אז דאס איז ע"פ התורה.

און וויבאלד אז יו"ט ראשון של חג שחל להיות בשבת קומט נאכדעם וואס ס'איז געווען יו"ט של ר"ה חל להיות בשבת - איז דאס נאכמער מוסיף אין די המשכות פון יו"ט ראשון של חג - אז נוסף צו דער שלימות פון די המשכות פון תק"ש וואס ווערן אויפגעטאן דורך תורה, האט דערנאך תורה נאך צוגעגעבן אין דעם ביו"ט ראשון של חג - אז תורה טוט אליין אויף מעשינו ועבודתינו (פון לקיחת ד' מינים), און דאס גיט אויך צו אין מעשינו ועבודתינו (בלקיחת ד' מינים ע"י האדם) מתחיל פון יום ראשון בשבוע,

און דערנאך - הלוך והוסיף ואור (מיט אן אל"ף), און הולך והוסיף ביז אין דער ישיבה בסוכת עורו (מיט אן עי"ן) של לויתן.

ועוד והוא העיקר - אז תיכף ומיד ממש זאל מען האבן די גאולה האמיתית והשלימה, צוזאמען מיט דער סעודה פון לויתן און שור הבר, מיט אלע פירושים שבדבר,

ועוד לפנ"ז - ביאת משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו תיכף ומיד ממש, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו - נאך לפני השבת, און דערנאך "ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלקים בציון", תיכף ומיד ממש.

עס זאל זיין א שנת נסים און א שנת שמחה - בטוב הנראה והנגלה.

* ---

שיחות
שבת בראשית
(התוועדות א׳ וב׳)
ה׳תש״נ

הנחת הת׳ בלתי מוגה

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס״ד. השלמות לשיחת שבת בראשית, מבה״ח וער״ח מרחשון (התוועדות א׳) ה׳תש״נ.

הנחת התי׳ בלתי מוגה

[בההפרש בין חודש תשרי לשאר חדשי השנה]:

א. כידוע תורת הבעש״ט[1] (איבערגעגעבן דורכן מגיד און דעם אלטן רבי׳ן - ע״י כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, וואס הנשיא הוא הכל), אז שבת מברכים חודש תשרי איז שייך צו דעם אויבערשטן, דער אויבערשטער אליין בענטשט דעם חודש, ובכח זה בענטשן אידן די אנדערע חדשים פון יאר, אנהויבנדיק פון חודש חשון.

ובפרט אז שנה זו איז שנת תש״נ, ר״ת תהא שנת נסים - ווי דער סימן וואס אידן גיבן אויף דעם יאר [ולהעיר פון די ביידע אופנים אין א סימן[2], א סימן וואס איז נאר א בירור בעלמא, און א סימן וואס טוט אויף די זאך, אדער מוסיף אין דער זאך (אויב די זאך איז שוין דא מצ״ע)]. וכידוע אז נס איז פון לשון הרמה, ארים נסי על ההרים[3], ובזה גופא - ניט נאר ווי א נס וואס ליגט אויפן הר, נאר ארים נסי על ההרים. ונוסף לזה - קומט עס נאך שנת תשמ״ט ידיך און שנת תשמח ותשמח, כמדובר כמ״פ.

[בענין שבת וימי השבוע שהם הכנה לשבת]:

כידוע אז ״מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת״[4], ד.ה. אז די עבודה און אכילה פון שבת איז דורך דער הכנה וטירחא פון ערב שבת.

דערפון איז אויך מובן, אז דער שבת האט א שייכות מיט די שיעורי תורה פון די טעג פאר שבת, כולל - דער שיעור רמב״ם בסיום הל׳ נחלות [וואס זיכער האט מען שוין געמאכט א ״סיום״, אדער מ׳וועט עס מאכן בימים הקרובים].

ב. דער רמב״ם רעדט דארטן וועגן דעם חיוב אויף בית-דין צו באשטימען אפוטרופוס פאר יתומים. און ער איז מסיים די הלכות: ״אע״פ שאין האופטרופוס צריך לעשות חשבון כו׳, צריך לחשב בינו לבין עצמו לדקדק ולהזהר הרבה מאביהן של אלו היתומים (הקב״ה) שהוא רוכב ערבות, שנאמר[5] סלו לרוכב בערבות וגו׳ אבי יתומים

---

1) היום יום״ כ״ה אלול. 2) ראה צפע״נ על הרמב״ם ריש הל׳ מאכא״ס. לקו״ש ח״א ע׳ 222 ואילך. ח״ב ע׳ 357 ואילך. 3) ראה קונטרס משיחות ימים הראשונים דשנת ה׳תש״נ. וש״נ. 4) ע״ז ג, א. 5) תהלים סח, ה-ו.

וגו׳״.

[ועפ״ז יומתק דעם טעם פארוואס דער חיוב איז אויף בית-דין, וואס זיי זיינען סמוכים איש מפי איש עד משה רבינו, וועלכער האט מקבל געווען פון דעם אויבערשטן - ״אבי יתומים״, דעריבער דארף ב״ד זיין שלוחו של הקב״ה צו משתדל זיין לטובת היתומים, אלס שליח פון דעם אויבערשטן, ״אבי יתומים״].

ויש לומר דער קשר צווישן ״רוכב ערבות״ צו ״אבי יתומים״:

״ערבות״ איז (אויך) מלשון עירוב (צוזאמענמישונג) - וואס דער אמת׳ער עירוב איז פון צוויי הפכיים. ועפ״ז איז מובן די שייכות מיט ״אבי יתומים״, ווייל ״אבי יתומים״ איז א חיבור פון צוויי הפכיים: א יתום איז דער טייטש אז ער האט ניט קיין אב [ווארום דער עיקר ענין פון יתום איז מצד האב, וועלכער איז מפרנס בני ביתו, און אשתו עושה רצון בעלה וכו׳, כמילא בשעת אים פעלט אן אב ח״ו, שטייט ער אליין און האט ניט אויף וועמען צו זיך פארלאזן]; און צוזאמען דערמיט זאגט מען אז ער האט אן ״אב״ - דער אויבערשטער, ״אבי יתומים״.

והענין בזה:

דאס וואס דער אויבערשטער איז ״אבי יתומים״ איז ווי דער אויבערשטער איז העכער שלא בערך פון דעם גאנצן גדר אב במציאות הבריאה. דעריבער ווערט ער אן ״אב״ צו א יתום וועלכער האט מצ״ע (מצד מציאות הבריאה) ניט קיין אב. וע״ד ווי עס שטייט[6] ״כי אבי ואמי עזבוני וה׳ יאספני״ (ווי מ׳האט געזאגט אין דעם מזמור ״לדוד ה׳ אורי״ בחודש אלול ביז הושענא רבה), ווייל מצד ״אבי ואמי״ שבבריאה קען זיין אן ענין פון ״עזבוני״ (ווי דאס איז בפשטות ביי א יתום), משא״כ מצד דעם אויבערשטן, וואס ער איז העכער פאר אן אב במציאות הבריאה, איז ״ה׳ יאספני״.

ואע״פ וואס די גמרא זאגט[7] ״שלשה שותפין הן באדם הקב״ה אביו ואמו״ - איז [נוסף אויף דעם וואס אויך אלס שותף איז דער אויבערשטער העכער פאר די אנדערע שותפים, אבער פונדעסטוועגן, איז דאס בערך ובגדר שותפות מיט די אנדערע צוויי שותפים, וואס תורת אמת רופט זיי אן שותפים - איז דער עיקר, אז] דאס אלץ לאחרי וואס דער אויבערשטער האט באשאפן דעם אב ואם און קובע געווען בטבע העולם אז דער אב ואם זאלן קענען האבן קינדער, און

---

6) שם כז, י. 7) קידושין ל, ב.

אז עס זאל זיין באופן פון "שלשה שותפין באדם"; אבער דער אויבערשטער אליין איז שלא בערך העכער פאר זיין א שותף מיט אב ואם, ואדרבה - דער אויבערשטער האט זיי באשאפן.

ווי דאס איז בכללות הבריאה, אז "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", אלע נבראים, כולל אדם ואשתו. נאר דערנאך האט דער אויבערשטער געוואלט און קובע געווען בסדר הבריאה, אז "יעזוב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו והיו לבשר אחד"[8], און דורך דעם ווערט "פרו ורבו ומלאו את הארץ גו׳"[9], וואס דאס אלץ זיינען ענינים אין דעם גדר פון הגבלות העולם ווי דער אויבערשטער האט זיי קובע געווען, זייענדיק אינגאנצן העכער פאר זיי.

וביחד עם זה וואס דער אויבערשטער איז בעצם אינגאנצן העכער פאר דעם ענין פון "אב" - ווערט ער "אבי יתומים" (א חיבור פון צוויי הפכים), וואס אן אב באוויזט אויף א שייכות וערך צו דאס וואס קומט דערנאך, "אבות מכלל דאיכא תולדות", אדער אן אב (והתחלה) לאומנות, אדער לכלי שיר (ווי עס שטייט בפרשתנו[10], "אבי יושב אוהל ומקנה, הוא הי׳ הראשון לרועה בהמות כו׳", "אבי כל תופש כנור ועוגב").

וואס דאס ווערט אויפגעטאן דורך דעם וואס דער אויבערשטער איז "רוכב ערבות" - ערבות מלשון עירוב שני הפכיים, ובזה גופא - "רוכב ערבות", וואס א רוכב באוויזט אז ער איז העכער פאר דעם נרכב, ווי דאס איז אפילו בנוגע צו א רוכב בשר ודם (בערך צו דעם חמור וסוס וכיו"ב אויף וועלכן ער איז רוכב), אז ער איז שלא בערך העכער פאר דעם נרכב, ועאכו"כ בנוגע צו דעם אויבערשטן, וואס ער איז אינגאנצן שלא בערך צו אלע ענינים, נאר וויבאלד אז מ׳האט אויף דעם ניט קיין אנדער תואר - רופט מען דאס אן בשם "רוכב (ערבות)".

[הלימוד בעבודת האדם מהשייכות דשבת לימי השבוע]:

ג. לאחרי וואס א איד טוט זיין עבודה במשך די ששת ימי החול אין די ל"ט מלאכות - ווערט ער נתעלה צו דער דרגא פון שבת קודש, קדש מלה בגרמי׳[11], ויקדשהו[12] - עולם האצילות, וועלכע איז שלא בערך צו די עולמות בי"ע, ביז אז בינתיים דארף זיין א

8) פרשתנו ב, כד. 9) שם א, כח. 10) ד, כ-כא ובפרש"י. 11) זח"ג צד, ב. 12) יתרו כ, יא.

צמצום ופרסא כו׳; און ער דארף ממשיך זיין קדושת שבת אויך אין די ששת ימי השבוע, ביז אז מ׳האט ניט נאר די ל״ט מלאכות, נאר אויך די מלאכה וואס ״חסר אחת״ (״ארבעים מלאכות חסר אחת״)[13] - מלאכת המקדש (וואס איז מותר בשבת)[14], מקדש אד׳ כוננו ידיך[15].

[בענין החיבור הפכים בהאדם]:

וואס דער חיבור הפכים זעט מען בגלוי ביי דעם אדם, ווי עס שטייט (בפרשתנו[16]) ״וייצר ה״א את האדם עפר מן האדמה ויפח באפיו נשמת חיים״, אז אין עפר מן האדמה איז אריינגעגעבן גע-ווארן ״נפש חי׳״, ביז אז דער עפר אליין לעבט - וואס דאס איז א חיבור הפכים שאינו מובן כלל בשכל, נאר דאס קומט פון א כח וואס איז העכער פאר אלע גדרים כו׳.

* * *

ד. שבת בראשית לייענט מען גאנץ פרשת בראשית, וואס איר תוכן איז - בריאת העולם און בריאת האדם, ובהמשך לזה - עבודת האדם בעולם, ביז דער סיום וחותם הפרשה - ״ונח מצא חן בעיני ה׳״.

וואס דאס איז מודגש במיוחד לויט דעם פתגם וואס כ״ק מו״ח אדמו״ר האט איבערגעגעבן בשם אביו, דער רבי (מהורש״ב) נ״ע, אז ווי מ׳שטעלט זיך שבת בראשית אזוי גייט עס א גאנץ יאר. ד.ה. אז שבת בראשית איז כולל עבודת האדם במשך כל השנה, גאנץ מעשינו ועבודתינו.

ולהעיר, אז די נעמען פון דעם רבי׳ן נ״ע און פון כ״ק מו״ח אדמו״ר (וועלכע האבן געזאגט דעם פתגם) זיינען מרמז אויף כללות מעשינו ועבודתינו. אנהויבנדיק פון דעם נאמען ״שלום״ - וואס גייט אויף כללות העבודה צו ממשיך זיין שלום בעולם, וכפס״ד הרמב״ם בסוף הל׳ חנוכה ״כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם״.

[וואס דער פס״ד אין סוף הל׳ **חנוכה**, איז אויך מרמז אויף חנוכת ביהמ״ק השלישי, וועלכער קומט דורך מעשינו ועבודתינו בזמן הזה. וואס דאס האט א שייכות מיוחדת מיט דעם זמן - ווי עס שטייט אין ילקוט[17] אז חנוכת ביהמ״ק השלישי וועט זיין בחודש חשון [וואס דעמולט זיינען ניטא קיינע מועדים, ובפרט בערך צו חודש תשרי המרובה במועדות].

וואס דער פירוש אין דעם איז ע״ד דער ווארט פון כ״ק מו״ח

13) שבת עג, א במשנה. 14) ראה סד״ה וכיום השבת עת״ר. ועוד. 15) בשלח טו, יז. 16) ב, ז. 17) שמעוני - מלכים-א רמז קפד.

אדמו״ר בנוגע צו דער הכרזה (ווי מ׳האט אויך מכריז געווען במוצאי יוהכ״פ) ״לשנה הבאה בירושלים״, אז דאס ווערט גלייך, ובמילא וועט זיין ״לשנה הבאה בירושלים״].

ה. ועפ״ז (אז שבת בראשית איז פארבונדן מיט כללות העבודה במשך השנה) איז אויך מובן דעם מנהג בתפוצות ישראל אז בשבת בראשית ״פארקויפט״ מען די מצוות פאר כל השנה כולה - די מצוות פארבונ-דן מיט עניני ביהכנ״ס וביהמ״ד (עלי׳ לתורה, נר למאור, יין לקידוש והבדלה וכו׳).

און דאס ווערט ״פארקויפט״ דורך דעם גבאי פון ביהכנ״ס (און ער טוט אן א שטריימל), וואס ״גבאי״ איז ר״ת ״אנא בכח גדולת ימינך״, אז ער האט אויף דעם כח פון ״גדולת ימינך״ (נוסף אויף דעם וואס ״אפילו ריש גרגתא מן שמיא מנו לי׳״[18]) צו מעורר זיין אידן בעניני תומ״צ, ולפרסם עושי מצוה, די וועלכע האבן זוכה געווען און דער אויבערשטער האט זיי געגעבן א סך געלט, על מנת דאס אפגעבן אויף צדקה. ובפרט באופן פון קנאת סופרים תרבה חכמה[19] - וואס דאס איז נאכמער מעורר די נותני הצדקה, אז זיי זאלן געבן נאכמער ווי זיי האבן לכתחילה מחליט געווען.

ובפרט בביהכנ״ס וביהמ״ד פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, וואס דאס איז נאכמער מעורר אויף די אלע ענינים.

ובנוגע לפועל - זאל דער גבאי איצטער ״פארקויפן״ די מצוות, און טאן דאס בזריזות, און דער עיקר - באקומען א סך געלט פאר די עניני ביהכנ״ס וביהמ״ד.

ויה״ר אז נאך פאר דער סיום המכירה, און נאך פאר די הכזרות, און נאך התחלת הענין - זאל קומען משיח צדקנו, אזוי אז מ׳וועט ממשיך זיין די הכרזות און מכירות אין ארץ הקודש, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו[20], כולל די גבאים און בני ביתם, וכספם וזהבם אתם[21], וועט מען גיין אין דעם ביהכנ״ס וביהמ״ד הכללי - דער בית המקדש השלישי, ותיכף ומיד ממש.

[הגבאי שי׳ מכר את המצוות].

ו. די וואס האבן צוגעשטעלט בוטלעך משקה, זאלן איצטער ארויפ-גיין און מסביר זיין וועגן וואס עס רעדט זיך.

און דער עיקר - אז דאס זאל פועל׳ן אן עלי׳ אין אלע ענינים, וילכו מחיל אל חיל, ביז עס וועט מקויים ווערן דעם פתגם פון

18) ברכות נח, א. 19) ב״ב כא, א. וש״נ. 20) בא י, ט. 21) ישעי׳ ס, ט.

אידן (כשם דעם אלטן רבי׳ן) אז הארץ תהי׳ כולה משקה[22], וואס דאס גייט אויף דעת ה׳. ובפרט ע״י העבודה פון הפצת המעינות חוצה בכל הארץ כולה, און אננעמען החלטות טובות בכל ענינים אלו, ותיכף ומיד ממש.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א התחיל לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אחר חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון שמחה דשמח״ת].

* * *

ז. משה רבינו האט שוין איינגעפירט דעם ענין פון מקהיל זיין קהילות בשבת, ווי עס שטייט אין מדרש (געבראכט להלכה) אויף ״ויקהל משה״ - ״עשה לי קהילות גדולות ביום השבת, כדי שילמדו הדורות הבאים אחריך להקהל קהילות בכל שבת כו׳[23]. און דערפאר פירן זיך אידן צו מקהיל זיין קהילות בכל שבת.

ומובן ופשוט אז אזוי דארף אויך זיין בשבת בראשית - ומאי קמ״ל? ואדרבה: זייענדיק התחלת השנה, דארף בשבת בראשית נאך צוקומען א הוספה בזה. ווי מ׳זעט בפועל, אז נאך דער התוועדות איצטער קומט נאך א סעודה (נוסף צו די סעודות שלפנ״ז).

וואס דערפאר, בנוסף צו דער התוועדות איצטער, וועט פארקומען נאך א התוועדות, בזמן סעודת רעוא דרעוין, וואס דאס וועט נמשך ווערן אין סעודתא דדוד מלכא משיחא במוצאי שבת, און א התוועדות צוזאמען מיט נטילת ידים לסעודה, און דערנאך ברכת המזון והבדלה, און חלוקת כוס של ברכה.

ולפני זה איז כדאי מסיים זיין די התוועדות מט די ניגונים הידועים - ״אך צדיקים גו׳״, און דער ניגון ״אין עוד מלבדו״ בלשון אוה״ע דוקא, וואס דאס ווערט די הכנה קרובה צום קיום היעוד ״והיתה לה׳ המלוכה״[24], תיכף ומיד ממש.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א הורה להש״צ. שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״. ואח״כ ניגנו ניגונים הנ״ל.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

22) המשך וככה תרל״ז פמ״ו. 23) שו״ע אדה״ז או״ח סר״צ ס״ג. 24) עובדי׳ א, כא.

לזכות

הילד **צמח שמואל הכהן** שיחי'

לאורך ימים ושנים טובות

נולד ביום ההולדת המאתיים של

כ"ק אדמו"ר הצ"צ זי"ע

ער"ה - כ"ט אלול שנת תשמט ידיך

ונכנס לבריתו של אאע"ה

ביום עש"ק, יום השביעי לחודש השביעי

שנת **הי' תהי' שנת ניסים**

■

נדפס ע"י הוריו

הרה"ת ר' **יהושע זעליק הכהן**

וזוגתו מרת **רבקה חי'** שיחיו

אראנאוו

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ נח,
ערב ז׳ חשון
ה׳תש״נ

הנחת הת׳ בלתי מוגה

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ נח, ערב ז' מרחשון ה'תש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין שנקבע בכל המקומות ובכל הזמנים שביום השבת מתקהלים בנ"י]:

א. ניט קוקנדיק אויף די שינויים בזמן ומקום - האבן אידן מקהיל געווען קהילות בשבת, סיי אין מדבר (בזמן משה), סיי אין ארץ ישראל, סיי בזמן בית ראשון, סיי בזמן גלות בבל, סיי בזמן בית שני, און סיי בגלות זה האחרון - איז ניט קוקנדיק אויף אלע שינויים וכו', איז דער ענין פון מקהיל זיין קהילות בשבת געבליבן באופן נצחי במשך כל הדורות.

[בענין המבול - שענינו בתורה הוא בתכלית הטוב]:

וכידוע אז אלע ענינים בעולם זיינען בשרשם טוב, ווארום ווי-באלד אז אלץ קומט פון דעם אויבערשטן, קען בעולם ניט זיין א זאך וואס בשרשו זאל ער ניט זיין טוב; נאר אין דעם גופא קענען זיין כמה אופנים: די זאך זאל גלייך זיין טוב באופן גלוי, אז אויך למטה זעט מען בגלוי ווי דאס איז טוב הנראה והנגלה; אדער אז בגלוי למטה זעט מען ניט גלייך ווי דאס איז טוב, ווייל אין דעם ליגט א טוב הכי נעלה, ביתר שאת וביתר עוז, פון חסדים המכוסים[1], וואס וועט דערנאך נתגלה ווערן, אבער שוין איצטער שטייט עס בגלוי אין תורה אור, ביז באופן הנראה בגלוי באותיות על הכתב, ביז בדפוס (כידוע פתגם הצ"צ[2] אז א דבר שבדפוס איז לדורות).

* * *

[התחלת שיחה ב':]

ב. געפינענדיק זיך אין דעם ערשטן שבת פרטי פון יאר, איז כאן המקום לזרז ולעורר עוד הפעם וועגן ענינים פון מעשה בפועל: די תקנות פון חת"ת (חומש תהלים תניא), און "קרן השנה".

נוסף צו דעם ענין הנ"ל, צו מפרסם זיין בכל מקום ומקום אז מ'זאל מקהיל זיין קהילות ברבים בכל שבת ושבת.

[בענין מעלת היחיד. כמודגש בענין לך לך לשון יחיד]:

ועד"ז איז אויך בנוגע צו דעם נאמען צמח צדק [דער כפל פון

---

1) ראה לקו"ת בחוקותי מח, סע"א ואילך. 2) אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' שפב.

צדי״ק, וועלכער ווערט געבראכט צוזמאען מיט דעם כפל פון כ״ף - לך לך, כמבואר במדרש[3] בנוגע צו אותיות כפולות וועלכע זיינען פארבונדן מימ ענין הגאולה], שמו של משיח - וואס צמח און צדק זיינען ביידע בלשון יחיד.

[סיום שיחה ב׳]:

ביז עס ווערט דער גילוי פון יחידה ווי ס׳וועט זיין לע״ל, יחידה בנפש ויחידה בזמן ויחידה במקום, ובאופן פון ״יום הכפורים״, כ-פורים[4] - א שמחה עד דלא ידע[5], וואס איז העכער פאר ״שמחת עולם״[6] (א שמחה פארבונדן מיט דער הגבלה פון ״עולם״), ובאופן פון נשמות בגופים,

ובפשטות - אז מ׳טאנצט ארויס פון גלות בשמחה ובטוב לבב, און מ׳גייט אלע צוזאמען אין א קאראהאד לקבל פני משיח צדקנו,

און מ׳גייט אלע אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, אין ביהמ״ק השלישי, און אין קדש הקדשים עצמו.

* * *

[בענין ש״עצרת״ הוא מלשון מלוכה, שכאו״א מישראל נעשה בעה״ב ומלך על העולם]:

ג. ואמר מלכא עקר טורא[7], ביז אז כל הארץ ווערט כולה מישור [און - כולה משקה[8], כמדובר לעיל[9]], און די מעלה פון אידן ווערט נתגלה לעיני כל העמים - ״והיו מלכים אומניך גו׳״[10].

ויה״ר, אז אזוי זאל זיין בפשטות נאך בסוף זמן הגלות, אז אלע זעען ווי ״אתה בחרתנו מכל העמים״[11], און ווי אידן זיינען מלך ובעה״ב על כל העולם, ואמר מלכא עקר טורא, ביז אז מ׳איז מבטל דעם ענין פון גלות, און מ׳איז איר מהפך צו גאולה,

און מ׳טאנצט אלע ארויס פון גלות אריין אין דער גאולה האמיתית והשלימה, באופן פון ״לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך״, פון דיין געבורטספלאץ, וואו דו ביסט אויפגעהאדעוועט געווארן און פון דיין שטוב, און מ׳גייט - ארו עם ענני שמיא - ״אל הארץ אשר אראך״, ותיכף ומיד ממש.

* * *

---

3) פדר״א פמ״ח. יל״ש ר״פ לך. נת׳ ברד״ה לך תרכ״ז. תר״ל. ובכ״מ. 4) תקו״ז תכ״א (נז, ב). 5) מגילה ז, ב. 6) ישעי׳ לה, י. נא, יא. 7) ב״ב ג, ב. 8) ראה המשך וככה תרל״ז פמ״ו. 9) שיחת שבת בראשית בסופה. 10) ישעי׳ מט, כג. 11) תפלת העמידה דיו״ט.

[בהמשך להוראה ע״ד הקהלת קהילות בכל שבת, ומתוך שמחה, ״כטוב לב המלך ביין״]:

ד. ובהתאם לזה - זאלן די אלע וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח ארויפגיין און מודיע זיין פרטי הדברים, בכדי לפרסם עושי מצוה, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ועוד והוא העיקר - אז דאס אלץ זאל נאכמער ממהר ומזרז זיין דעם ענין פון ״לך לך מארצך גו׳ אל הארץ אשר אראך״, בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

[אחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל.

אח״כ צוה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד. טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ לך לך, י״ג מר-חשון ה׳תש״נ

הנחת הת׳ בלתי מוגה

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס״ד. השלמות לשיחת ש״פ לך לך, י״ג מרחשון ה׳תש״נ.

הנחת חתי׳ בלתי מוגה

[בהסיפור עם אדנ״ע בהיותו ילד שבכה על זה שה׳ לא נראה אליו כמו שנראה אל אברהם]:

א. אע״פ וואס ער איז נאך געווען א קינד אין חדר, און איז נאך ניט געווען אין א העכערע כתה וואו מ׳לערנט ש״ס ופוסקים וכו׳, נאר ער האט ערשט אנגעהויבן לערנען חומש, ובזה גופא - בתחלת החומש, נאר דער דריטער פרשה [און עס בלייבן נאך חמשים פרשיות, כידוע במספר הפרשיות (נ״ג)[1]. - ולהעיר מהקשר מיט שנת החמשים] - אעפ״כ האט ער געוויינט, וואס די בכי׳ פון א קינד איז דאך מיט אן אמת, פארוואס דער אויבערשטער האט זיך אים נאך ניט באוויזן (ווי ער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו)!

[בקשר עם פתגם הצ״צ ״מאך דא ארץ ישראל״]:

וואס בתחלת שנה זו האט זיך פארענדיקט מאתיים שנה זינט יום הולדתו, ובהמשך לזה האט דער אלטער רבי געזאגט בר״ה דעם מאמר וואס איז דערנאך געווארן די התחלה פון ספר התניא[2].

[בענין ״מאך דא ארץ ישראל״]:

און ניט נאר ״מאך דא ארץ ישראל״, נאר אויך ירושלים עיר הקודש, און הר הקודש, און ביהמ״ק, ביז אויך קדש הקדשים. ובפרט ע״פ הדיעות[3] אז דער כהן גדול קען אריינגיין אין קדש הקדשים (״בזאת יבוא אהרן אל הקודש״[4]) בכל ימי השנה, אויך אין א יום חול. ובעבודה איז דאס דער ענין פון חולין על טהרת הקודש, און נאכמער - דרגת הקדושה פון קדש הקדשים, מי חטאת, ביז צו א דרגא וואס איז העכער פאר קדש הקדשים (ניט נאר בבית ראשון, נאר אויך לגבי בית האחרון וואס איז גדול מבית ראשון).

און דאס ווערט א הכנה צו ״וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם״[5], ״לפני הוי׳ תטהרו״[6], לעתיד לבוא, מבחי׳ לפני הוי׳, וואס דאס איז כמובן אויך לפני ענין הזמן והמקום - במילא ווערט דאס אויפגעטאן תיכף ומיד ממש, און ניט באופן פון לעתיד לבוא, נאר גלייך איצטער ממש. נאר וויבאלד אז מ׳האט ניט קיין אנדערע

---

1) זח״א קד, ב. ועוד. וראה לקו״ש חי״ח ע׳ 381. וש״נ. 2) ״היום יום״ ו׳ אדר שני. 3) ויק״ר פכ״א, ז. וראה שמו״ר ספל״ח. 4) אחרי טז, ג. 5) יחזקאל לו, כה. 6) אחרי שם, ל.

ווערטער אויף דעם - זאגט מען אז עס זיינען אויף דעם ניטא קיין ווערטער, ווייל ס'איז למעלה פון אלע ווערטער.

[כענין חודש מרחשון]:

כידוע אז דער חודש איז פארבונדן מיט ענין הגשמים, מר(חשון) מלשון מר מדלי, וואס דאס באווייזט אז דעמולט ווערן נמשך גשמי ברכה - אלע ברכות בגשמיות וברוחניות, בריאות הגוף ובריאות הנשמה, בריאות הגשמיות ובריאות הרוחניות, ביז די שלימות פון חנוכת בית המקדש השלישי, וואס וועט זיין בחודש מרחשון[7] (כמדובר לעיל[8]).

* * *

ב. עה"פ "וירא אליו ה' באלוני ממרא והוא יושב פתח האוהל כחום היום" איז רש"י מפרש: "כחום היום - הוציא הקב"ה חמה מנרתקה שלא להטריחו באורחים, ולפי שראהו מצטער שלא היו אורחים באים הביא כו'".

דארף מען פארשטיין: פארוואס האט זיך אברהם מצטער געווען אויף דעם וואס עס קומען ניט קיין אורחים - בשעת "וירא אליו ה'"?! אדרבה, אברהם האט געדארפט זיין בשמחה אז עס קומען ניט קיין אורחים וואס זיינען אים מבלבל צו רעדן מיט דעם אויבער-שטן! ובפרט אז זייענדיק פאר מתן תורה, זיינען די אורחים בפש-טות געווען ערביים - איז ווי קומט עס אז אברהם האט אויף דעם מצטער געווען בשעת ער געפינט זיך צוזאמען מיט דעם אויבערשטן?!

איז דער ביאור בזה, אז "גדולה הכנסת אורחים מהקבלת פני שכינה"[9]. אבער דאס גופא פאדערט ביאור: פון וואנעט האט אברהם געוואוסט אז "גדולה הכנסת אורחים מהקבלת פני שכינה", און דערפאר איז ער מצטער?

איז דער ביאור אין דעם, אז דערפון גופא וואס "הוציא הקב"ה חמה מנרתקה שלא להטריחו באורחים" אע"פ וואס ס'איז געווען "וירא אליו ה'" - האט אברהם פארשטאנען אז דאס וואס דער אויבערשטער האט זיך צו אים באוויזן איז ניט גענוג כדי אים אפהאלטן פון זיך פארנעמען מיט די אורחים, און דערפון האט ער פארשטאנען אז "גדולה הכנסת אורחים מהקבלת פני שכינה". און דעריבער האט אברהם זיך מצטער געווען אויף דעם וואס עס קומען

7) יל"ש מ"א רמז קפד. 8) קונטרס משיחת ש"פ בראשית (ע"ד מכירת המצוות). 9) שבת קכז, א.

ניט אורחים (הגם אז ס׳איז געווען ״וירא אליו ה׳״), וויסנדיק די מעלה פון הכנסת אורחים אויף קבלת פני שכינה.

ג. דערפון האט מען אויך א לימוד בנוגע לזמן זה במיוחד: חודש תשרי איז בדוגמת המצב פון ״קבלת פני שכינה״, אין דעם חודש געפינען זיך אלע אידן אין ״ביתו״ של הקב״ה, און בחודש חשון - ווען אידן קערן זיך אום לבתיהם הפרטיים - זיינען זיי מרגיש ווי זיי זיינען ״אורחים״ אין זייערע הייזער. פונדעסטוועגן דארף מען וויסן, אז ״גדולה הכנסת אורחים מהקבלת פני שכינה״, ווייל די תכלית הכוונה איז די עבודה בעניני העולם וועלכע הויבט זיך אן אין חודש חשון.

ד. די מצוה פון הכנסת אורחים איז נאכמער בהדגשה אין דעם שבת - ווייל צווישן די מסובים כאן זיינען פאראן אורחים פון פארשידענע שטעט. ועי״פ הנ״ל בגודל הענין פון הכנסת אורחים, איז פארשטאנדיק אז מ׳דארף זיי מכבד זיין עכ״פ מיט אמירת ״לחיים״, און ענטפערן זיי - און איינער דעם צווייטן - לחיים ולברכה, לחיים טובים וארוכים, ביז אז מ׳גייט גלייך איבער - בלי הפסק כלל, אלס נשמות בגופים - אין חיים ארוכים ונצחיים בגאולה האמיתית והשלימה.

ויה״ר אז נאכדעם וואס ס׳איז געווען ״לך לך מארצך גו׳״ (ווי ס׳איז געווען ביי אברהם), זאל אויף זיי זיין ניכר ״אלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק״[10], אז בשעת מ׳קוקט אויף זיי זעט מען גלייך (אן קיין איבעריקע זאכן) קלסתר פניו של אברהם.

און בקרוב ממש זאלן אלע אידן, מכל מקום ומקום, קומען אלס אורחים אין ארץ ישראל, אין ירושלים עיר הקודש, בביהמ״ק וקדש הקדשים, און תושבי ארץ ישראל זאלן אונז מקבל זיין, ומובן דער גודל השמחה בשעת מ׳טרעפט זיך מיט א פנים חדשות - אידן וואס האבן איינער דעם צווייטן ניט געזען ל׳ יום, ועאכו״כ י״ב חודש[11], ועאכו״כ אויב מ׳האט קיינמאל ניט געזען,

און די שמחה דריקט זיך אויס אים דעם וואס מ׳הערט א חידוש בתורה - א חידוש פון סנהדרין היושבים בלשכת הגזית[12], ביז תורה חדשה מאתי תצא[13],

---

10) ר״פ תולדות. 11) טושו״ע ודאדה״ז או״ח ר״ס רכה. סדור ברכת הנהנין לאדה״ז פי״ב סי״א. 12) ירושלמי מכות פ״ב ה״ו. מכילתא ס״פ יתרו. ועוד. 13) ישעי׳ נא, ד. ויק״ר פי״ג, ג.

און אלע זעען ווי דער אויבערשטער איז דער אמת'ער בעל הבית, און אלע זיינען זיינע "אורחים", והיו עיניך רואות את מוריך, ותיכף ומיד ממש.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א הורה להאורחים שיחיו - ואמר שיעשו "טומל" בין האורחים - שיאמרו לחיים].

* * *

[סיום שיחה ג', לאחרי ההצעה שבכל הקהילות ילמדו גם ענין אחד בתורה - בפרשת השבוע וכו']:

ה. און בקרוב ממש איז מען זוכה צו דער גאולה האמיתית והשלימה ע״י דוד מלכא משיחא, וואס דוד מלך ישראל חי וקיים (אלס מלך ישראל), וואס דער מלך איז משפיע אלע ענינים צו אנשי העם; און דוד איז פארבונדן מיט די שיעורי חת״ת - דער שיעור תהלים, ספרו של דוד נעים זמירות ישראל[14], און מיט ענין התפלה - וואס ענינה איז השתפכות הנפש.

און פון "לך לך גו'" קומט מען צו "וירא אליו ה'" (ווי מ'גייט באלד לייענען), אזוי אז עס ווערט "וירא" נאך פאר תפלת מנחה - צו יעדער איד, אנשים נשים וטף, בפנימיות נפשו, ויש לומר אויב בפשטות - דורך מזלייהו חזו, וואס יעדער איד (גלייך ווי ער ווערט געבארן) האט בחי' מזל שבנשמה,

בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, ותיכף ומיד ממש.

* * *

[לאחרי ההוראה ע״ד חלוקת שליחות לצדקה]:

ו. כאן המקום צו מזמין זיין די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח בקשר מיט פעולות אין די ענינים האמורים - הפצת מעשים טובים, הפצת התורה והתפלה - אז זיי זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, דמצוה לפרסם עושי מצוה.

ובקרוב ממש זאל מען זוכה זיין צו דעם פרסום הכי גדול פון אלע עניני מצוה בכל העולם כולו. ביז צו דער הכרזה העיקרית - "הנה זה בא כו', קול צמח איש צמח שמו, הוא דוד בעצמו"[15], אז דוד מלכא משיחא קומא צו גיין אין דעם ביהכנ״ס וביהמ״ד, מקום שמגדלין בו תורה ותפלה[16], און נעמט אונז אלעמען "אל הארץ אשר אראך", והיו עיניך רואות את מוריך, וואס מעין זה כבר הי' בשעת

14) ש״ב כג, א. וראה שהש״ר פ״ד, ד. 15) נוסח הושענות דהושע״ר. 16) מגילה כז, א.

מ"ת, בגאולה האמיתית והשלימה, באופן פון מראה באצבעו ואומר זה, תיכף ומיד ממש.

[אחרי חלוקת המשקה וההכזרות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

הנחת הת' בלתי מוגה

לזכות

כ״ק אדמו״ר שליט״א

■

ולזכות

הילדה **תמר** תחי׳

פרקס

לרגל הגיעה לבת מצוה

י״ד חשון ה׳תש״נ

ולזכות

אחיותי׳ **הדס, מורי׳, מיכל וטלי׳** תחיו

•

נדפס ע״י הוריהם

הרה״ח **אליעזר** וזוגתו מרת **מרים** שיחיו

פרקס

ולזכות זקני׳

מרת **מזל טוב בן-חיון** תחי׳

ר׳ **חנן** וזוגתו מרת **חנה** שיחיו **פרקס**

מרת **יענטא איטא דייטש** תחי׳

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד. טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחות
ש״פ חיי שרה
מבה״ח כסלו
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ חיי שרה, מבה"ח כסלו ה'תש"נ.

הנחת התי' בלתי מוגה

[בענין הסיפור בתורה דשליחות אליעזר]:

א. דאע"פ אז דאס איז געווען אן איין מאליקע שליחות וואס האט פאסירט גאר אמאל - איז דאס אבער אריינגעשטעלט געווארן אלס א חלק קבוע אין תורה, וידוע הכלל אז קבוע לא בטל[1], ד.ה. אפילו אויב דאס ווערט אריינגעמישט מיט אנדערע ענינים (וואס דעמולט איז דא אן ארט אז עס זאל בטל ווערן) - ווערט עס ניט בטל (זייענדיק א דבר קבוע).

עאכו"כ בשעת דאס ווערט לכתחילה ניט אריינגעמישט, ווי דאס איז בנוגע צו אידן: אע"פ וואס אידן זיינען "אתם המעט מכל העמים"[2], זיינען זיי אבער ניט אריינגעמישט צווישן די פעלקער, ווארום "אתה בחרתנו מכל העמים"[3].

[בענין מטרת כינוס השלוחי העולמי - להוסיף אהבת ואחדות ישראל]:

אמאל קען אבער קומען דער "קלוגינקער" און וועלן איינעם איינרעדן אז ער זאל אויסנוצן דעם כינוס אויף אן ענין של פירוד ר"ל! און מ'טוט עס נאך אן אין טענות של קדושה - ער טוט זיך אן אין א "זיידענעם סירטוק", וואס דאס קען ברענגען אז מ'זאל צו אים צוהערן, ווארום מ'זעט ניט וואס טוט זיך ביי אים בפנימיות, נאר מ'זעט דעם "זיידענעם סירטוק"; בשעת ער הויבט אבער אן רעדן, איז גלייך נאך דער ערשטער ווארט הערט מען אז זיינע רייד זיינען היפך השם, היפך תורתו, היפך נשיא דורנו [וואס שמו איז יוסף ע"ש הוספה אין אלע ענינים פון אידישקייט, וואס דאס איז דורך מוסיף זיין אין אידן, כולל - אין אהבת ואחדות ישראל, און יצחק - מתוך שמחה ואהבה], און היפך אלע ענינים טובים, כולל - לטובתו!

ווארום יעדער ענין פון פירוד ומחלוקת קומט פון סטרא אחרא - פון קליפת מדין[4], וואס קעגן דעם איז געווען מלחמת ונקמת ה' במדין[5], ועד כדי כך אז דאס איז געווען נוגע צו קענען אריינגיין אין ארץ ישראל, ביז אז משה - דער מבחר מין האנושי - איז ניט אוועק פון דער וועלט ("אחר תאסף אל עמיך"[6]) ביז ער האט מלחמה געהאט מיט מדין, בכדי עוקר זיין יעדער ענין של

---

1) כתובות טו, א. זבחים עג, ב. 2) ואתחנן ז, ז. 3) תפלת העמידה דיו"ט. 4) ראה קונטרס החלצו תרנ"ט. 5) מטות לא, ג. 6) שם, ב.

פירוד ומחלוקת!

דערפון איז פארשטאנדיק ווי אפגעפרעגט עס דארף זיין אפילו דער קס״ד אויף אויסנוצן דעם כינוס אויף אן ענין פון פירוד ומחלוקת ר״ל, וואס כל ענינו האט זיך צוגעטשעפעט פון סט״א, ובעצם האט א איד דערצו קיין שייכות ניט [ובפרט ביום השבת, וואס גלייך בתחלתה ווערן מושלל אלע ענינים הפכיים, ווי מ׳זאגט אין ״כגוונא״], און דער איינציקער טעם פארוואס עס קען זיין אזא קס״ד - איז צוליב דער ענין הבחירה: בכדי אז א איד זאל באווייזן ווער ער איז, אז ער איז פון ״עם חכם ונבון״[7], ובפרט חסידים און תלמידים פון נשיא דורנו.

און דער טעם פארוואס מ׳דערמאנט עס - כאטש אז ״אל תפתח פה כו׳״ - ווייל עס קען זיין אז ס׳איז דא א מרה-שחורה׳ניק (און ער רעדט זיך נאך איין אז דאס קומט מצד הקדושה...), וועלכער ווערט נתבלבל פון דעם חשש אז מ׳וויל אויסנוצן דעם כינוס אויף אן ענין היפך מאהבת ישראל - היפך דעם גאנצן ענין פון דעם כינוס, וואס ענינו איז - אהבת ואחדות ישראל, ובפרט בא שלוחים פון נשיא דורנו.

והמעשה הוא העיקר: דער כינוס זאל ברענגען א הוספה וחיזוק אין פארשטארקן און פארשפרייטן אהבת און אחדות ישראל, דער יסוד פון כל הענינים, ווי מ׳זאגט עס בתחלת כל יום (קודם התפלה), און מיט אן אמת: ״הריני מקבל עלי מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך״, און דאס ווערט די התחלה און יסוד פון עבודת כל היום כולו.

[כענין העבודה לגלות שכל העולם הוא עולמו של הקב״ה]:

ביז אז מ׳איז מגלה ווי דער מקום אליין איז שמו של הקב״ה.

[כענין קיום השליחות של כל ישראל בתור שלוחו של הקב״ה]:

ובפרט אז מ׳האט שוין די עבודה בקיום השליחות פון אידן בכל הדורות שלפני זה, כולל ובמיוחד - דורך הפצת המעינות חוצה, ווי ס׳איז מודגש במיוחד אין שבת מברכים כסלו, דער חודש השלישי בחדשי החורף, וואס ער איז ע״ד דער חודש השלישי בחדשי הקיץ - חודש סיון, דער חודש פון מ״ת, עד״ז בחודש כסלו איז דער מ״ת פון תורת החסידות (בי״ט כסלו)[8], און דערנאך איז צוגעקומען א

---

7) ואתחנן ד, ו. 8) ראה לקוטי לוי״צ אגרות ע׳ כה. ריז.

ריבוי הכי גדול אין דער עבודה פון יפוצו מעינותיך חוצה [ביז באופן ובלשון הברכה לרבקה בפרשתנו[9]: ויברכו את רבקה ויאמרו לה אחותנו את היי לאלפי רבבה גו׳], און איצטער האט מען שוין אלץ פארענדיקט, און עס דארף נאר זיין ״עמדו הכן כולכם״ (בלשון כ״ק מו״ח אדמו״ר[10]).

ביז מ׳איז זוכה צו דער גילוי פון יצחק לע״ל, מלשון צחוק ושמחה - הפורץ אלע גדרים, וואס דעמולט קען מען האבן די אלע ענינים נעלים עד א״ס (ווייל כל זמן א זאך איז מדוד ומוגבל קען מען דארט ניט ארייגשטעלן מער ווי דער זאך פארמאגט, משא״כ דורך שמחה הפורץ גדר, קען מען ארייגשטעלן שלא בערך].

* * *

[בנוגע ההשתדלות שכל א׳ ישתתף בחגיגת סיום הרמב״ם]:

כ. אפילו אויב איינער האלט זיך פאר אן עניו, און אפילו אויב ער איז טאקע אן עניו, און מאכט דעם חשבון במה נחשב זיין השתתפות לגבי די ריבוי מענשטן וואס וועלן דארט זיין, רבנים וחכמים, עסקני ציבור וחסידים ואנשי מעשה - איז דאס א חשבון וואס איז ניט אויסגעהאלטן ע״פ הלכה, ווייל דער דין איז אז אפילו ווען ס׳איז א ״רוב עם״ הכי גדול, קומט צו אין דעם ״ברוב עם״, און במילא אין דעם ״הדרת מלך״, דורך דעם וואס נאך איינער איז זיך אין דעם משתתף!

און דעריבער דארף זיך יעדערער משתתף זיין בזה, און אויך משפיע זיין בזה אויף אנדערע און זיי מיטברענגען - בדרכי נועם ובדרכי שלום, אן אריינגיין אין וויכוחים, נאר מיט דער הסברה בגודל הענין פון ״ברוב עם הדרת מלך״, און כבוד הרמב״ם וכבוד התורה, און המעשה הוא העיקר: ער וועט אליין זען דער רושם וואס דאס וועט אים מאכן!

[בענין ההוספה בכבוד הרבנים הבאה ע״י עריכת סיום הרמב״ם, וכפרט בהשתתפות הרבנים]:

ג. וואס רבנים דארף מען אפגעבן כבוד מיוחד, וואָרום ענינם איז - איבערצוגעבן דבר ה׳ זו הלכה צו אלע אידן. ווי דאס איז בפשטות: בשעת עס ווערט נתעורר א שאלה אין הלכה - דארף מען זיך אין דעם ווענדען צו דעם רב (און ניט צו א מפלפל ועוקר הרים

---

9) נד, ס. 10) אג״ק שלו ח״ד ע׳ רעט.

כו׳), און דוקא ער האט בכח פסק׳נען די הלכה. און דער סימן פון א רב אמיתי איז - בשעת זיינע פסקי דינים (וועלכע ער פסק׳נט בדרכי נועם ובדרכי שלום) ווערן נתקבל בא מערערע אידן (און ניט נאר בא ראשיכם שבטיכם, נאר בעיקר בא די אנדערע סוגים וועלכע זיינען כולל רוב ישראל), והולך ומתפשט.

עס קען אבער זיין איינער וואס איז מבולבל, און בשעת ער האט א שאלה וספק ווענדעט ער זיך ניט צו די רבנים, מיט דעם תירוץ אז דער רב איז געווען פארנומען אדער ס׳איז שווער אים געפינען וכיו״ב, און אנשטאט דעם ווענדעט ער זיך צו א צווייטער מענטש (וועלכער איז ניט קיין רב), און מ׳קען וויסן צי דאס איז א גוטע זאך אדער ניט - דורך קוקן אויף די תוצאות וואס קומען דערפון ארויס: צי דאס איז מוסיף אין אהבת ישראל אדער ניט...

אפילו בשעת ער האט א טענה אז דער רב האט געטאן א זאך (מצד זיין לינקע זייט, אדער ווייל ער איז געווען ״פארשלאפן״) אויף וועלכע מ׳דארף תשובה טאן - איז אפילו אויב דאס איז ריכטיק, איז דאס דעם רב׳ס אייגענעם ענין, צווישן אים מיט דעם אויבערשטן, און עס האט קיין ארט ניט אז א ״בעל-הבית״ זאל קומען זאגן א דיעה ווי דער רב דארף זיך פירן - אז א בעה״ב טוט עס, איז דאס א חוצפה הכי גדולה!

וואס ״חוצפא יסגי״ איז צווישן די סימנים בלתי רצויים אויף עקבתא דמשיחא[11]. - נאך התגלות המשיח, וועט דאך ניט זיין קיין ארט אויף חוצפה און העדר זהירות בכבוד הרב, און יעדערער וועט זיכער פאלגן דעם רב, אבער לפני התגלות המשיח - דארף מען באווארענען וועגן דער זהירות בכבוד הרבנים, וואס זייער כבוד - איז כבוד התורה און כבודו של הקב״ה.

ד. ההדרן על הרמב״ם - י״ל בפ״ע.

* * *

[סיום ההתוועדות]:

ה. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב פארשידענע כינוסים, זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה, און מכריז זיין וועגן דעם, ומהם יראו וכן יעשו.

---

11) סוטה מט, ריש ע״ב.

און מ׳זאל שוין זוכה זיין צו ״קהל גדול ישובו הנה״[12], ״בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו״[13], נאך פאר קריאת פ׳ תולדות בתפלת מנחה, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

---

12) ירמי׳ לא, ז. 13) בא י, ט.

לזכות

החתן התמים **יוסף ברוך אליהו** שיחי'

קראנץ

והכלה מרת **נחמה** תחי' **טננבוים**

לרגל בואם בקשרי השידוכין

■

נדפס ע"י הוריהם

הרה"ת ר' **יעקב נח** וזוגתו מרת **פייגא** שיחיו

קראנץ

הרה"ת ר' **אהרן משה** וזוגתו מרת **רבקה** שיחיו

טננבוים

זקניהם

הרה"ח הרה"ת ר' **יעקב משה** הכהן

וזוגתו מרת **מרים צימל** שיחיו

פרידמאן

הרה"ח הרה"ג ר' **מאיר ישראל איסר** הכהן שיחי'

פרידמאן

מרת **מרים** תחי' **קראנץ**

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 03-9606887

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ תולדות
ד׳ כסלו
ה׳תש״נ

הנחת הת׳ בלתי מוגה

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ תולדות, ד' כסלו ה'תש"נ.

הנחת התי בלתי מוגה

[כ"ק אדמו"ר שליט"א פנה להאורחים שיחיו שהגיעו לשבת זו, ואמר:]

א. אזוי ווי עס געפינען זיך דא אורחים, און ס'איז ידוע דער גודל הענין פון מצות הכנסת אורחים ("גדולה הכנסת אורחים כו'"[1]) - זאל מען זיי מכבד זיין (און דער עומד על גבם) מיט זאגן "לחיים" און זינגען א ניגון שמח, מיט אלע גוטע זאכן.

[האורחים אמרו לחיים, ואח"כ אמר]:

ב. די מצוה פון הכנסת אורחים זאל מען אויך פארבינדן מיט אן ענין של שמחה - דורך דעם וואס די אורחים - בצירוף כל המסובים - וועלן זינגען א ניגון שמח,

ובפרט אז מ'שטייט אין שנת תש"נ, וואס אידן זאגן אז דאס איז ראשי תיבות "תהא שנת נסים", ועוד ועיקר: מ'דארף ניט האבן קיין טעמים מיוחדים אויף שמחה, ווייל די עבודה פון א אידן דארף זיין מתוך שמחה. ובפרט אז מ'זאגט בכל יום בבוקר "מודה אני לפניך כו'", און דערנאך די ח"י, כ"ף ברכות (וועלכע ווערן נמשך מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, באופן נצחי) - איז דאס געגוג טעם אז מ'זאל שטיין בשמחה.

דעריבער איז מתאים אז מ'זאל זינגען א ניגון שמח, ומה טוב - א ניגון פון שמחת תורה. ובפרט שטייענדיק אין חודש כסלו, דער חודש השלישי בחדשי החורף, בדוגמת חודש סיון, דער חודש השלישי בחדשי הקיץ, ירחא תליתאי, ווען ס'איז געווען מתן תורה, נתינת אוריאן תליתאי כו'[2], וואס דערפון (די שייכות פון מתן תורה מיט שלישי וחודש השלישי) איז פארשטאנדיק אז דאס האט א שייכות אויך מיט חודש כסלו, דער חודש השלישי בחדשי החורף.

ויה"ר אז פון דער שמחה זאל מען קומען צו "שמחת עולם על ראשם"[3].

[ניגנו ניגון שמח"ת - ניגון ההקפות לרלוי"צ ז"ל].

* * *

---

1) שבת קכז, א. 2) שם פח, א. 3) ישעי' לה, י. נא, יא.

[בשיחה ג׳, בענין עריכת כינוסים איזוריים כהמשך לכינוס השלוחים העו-למי]:

ג. און מ׳זאל ניט אריינגיין אין חשבונות, צי ער וועט אויפטאן א גרויסע זאך אדער א קליינע זאך מיט מאכן דעם כינוס במקומו - נאר יעדערער במקומו זאל מאכן א כינוס (ובפרט אז מ׳האט דעם כח און דער אויסגעטראטענער וועג אויף דעם פון דעם כינוס העולמי). און אויך דער וואס האט א ספק צי ער איז א שליח, צי ער זאל מאכן א כינוס וכיו״ב - איז דער פתרון פון יעדער ספק בכגון דא לטוב ובאופן חיובי, אז מ׳זאל מאכן דעם כינוס, ווארום דאס גופא אז אים איז איינגעפאלן אזא ספק (בהשגחה פרטית) איז א הוכחה אז דאס האט צו אים א שייכות. וכמדובר כמ״פ, אז ספק איז בגימטריא עמלק[4], און מחיית עמלק איז איינער פון די מצוות עיקריות בביאת הארץ [צווישן די ג׳ מצוות וואס מ׳דארף דעמולט מקיים זיין: מינוי מלך, מחיית עמלק ובנין ביהמ״ק][5].

ויש לקשר דער ענין השליחות אויך מיט דער קומענדיקער פרשה (וועלכע מ׳גייט באלד לייענען) - ״ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה״, כמבואר בכ״מ[6] אז דאס גייט אויף דער שליחות פון יעדער נשמה בעולם, אנהויבנדיק פון שליחות וירידת הנשמה בגוף:

״יעקב״ גייט אויף יעדער נשמה מישראל (וואס זיי זיינען אלע כלול אין נשמת יעקב), און ״יעקב״, אותיות י׳ עקב, גייט אויף שרש נמשתו מבחי׳ יו״ד, חכמה, וועלכע ווערט נמשך ביז אין ״עקב״, בבחי׳ עקביים.

און ״ויצא יעקב מבאר שבע״ - גייט אויף דער יציאה פון דער נשמה פון די שבע מדות העליונות [ביז די שבע מדות לפני הצמצום], ״וילך חרנה״ - אין חרון אף של עולם, ביז אז ער פועל׳ט אויף אז אויך אין ״חרנה״ זאל זיין דער ענין ההליכה (״וילך חרנה״), ואדרבה - דורך דעם ווערט דער יתרון האור מן החושך, ביז דער גילוי פון חושך דקדושה - בחי׳ ישת חשך סתרו.

* * *

ד. ס׳איז רגיל אין א התוועדות כגון דא, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה - בקשר מיט א סיום הרמב״ם וועלכע מ׳האט ערשט

---

4) כתר שם טוב הוספות סצ״ג. סה״מ עטר״ת ע׳ רצד. ועוד. 5) ראה רמב״ם ריש הל׳ מלכים. 6) ראה ד״ה ויצא תר״ל, תר״ס, תרפ״ז. ועוד. לקו״ש חכ״ה ע׳ 354 ואילך. וש״נ.

פארענדיקט [ובשבת זו ווערט די עלי' דערפון] וכיו"ב - זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו. און וויבאלד אז ס'איז שבת - זאל מען אויסטיילן א חלק דערפון איצטער בין המסובים כאן, און די איבעריקע - בא די מאורעות וועלכע וועלן פארקומען בזמנם.

ויה"ר אז עס זאל זיין ילכו מחיל אל חיל, ביז יראה אל אלקים בציון[7], ביז אין ציון כפשטות - ירושלים עיר הקודש, און דארטן גופא - להר הקודש, און אין בית המקדש השלישי, וקדש הקדשים, ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון ההקפות דאביו ז"ל. אח"כ הורה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

7) תהלים פד, ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

לעילוי נשמת
הרה"ג ר' **אליעזר שמאי** בן ר' **שמעון הלוי** ע"ה
סאליק
נפטר ז' כסלו תשט"ז
ת,נ,צ,ב,ה,

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ ויצא
י"א כסלו
ה'תש"נ

יוצא לאור על ידי

"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
שנת הארבעים לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ ויצא, י"א כסלו ה'תש"נ.

הנחת התי בלתי מוגה

[בענין ב' סוגי סימנים]:

א. איין סוג סימן, אז דער סימן איז א זייטיקע זאך וואס האט קיין שייכות ניט מיט דעם דבר הנסמן. ווי דאס איז בנוגע צו רוב סימני אבידה (וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דער מסכת בש"ס וואו עס רעדט זיך ווערן מציאה], אז דער סימן האט קיין שייכות ניט מיט דער עצם זאך, ס'איז נאר וואס דער בעל האבידה האט געמאכט א זייטיקע סימן אויף דער זאך, טאמער ער וועט עס פארלירן זאל דאס האבן א סימן בכדי מ'זאל דאס קענען מחזיר זיין לבעליו.

א צווייטער סוג סימן, אז דער סימן האט א שייכות מיט דער עצם זאך, דאס ווירקט און טוט אויף אויף דער זאך אליין. ווי דאס איז בנוגע צו די "שלשה סימנים יש באומה זו, הרחמנים והביישנין וגומלי חסדים"[1], וואס די סימנים זיינען ניט קיין זייטיקע זאך וואס מ'האט גלאט מחבר געווען מיט אומה זו (אידן), נאר די סימנים מאכן אויף א איד און אידישקייט.

וכידוע די חקירה בנוגע צו די סימני טהרה, מעלה גרה און מפרסת פרסה, צי זיי זיינען בלויז סימנים המבררים, ד.ה. אז די טהרת הבהמה איז מצד אנדערע סיבות, נאר בכדי אז מיר זאל וויסן וועלכע בהמות זיינען טהורות, האט דער אויבערשטער אריינגעגעבן אין זיי די סימנים. אדער אז זיי זיינען די סיבות אויף טהרת הבהמה, זיי זיינע גורם אז די בהמה זאל זיין טהור, וויבאלד אז די סימנים באווייזן אויף די תכונות המתאימות בכדי א בהמה זאל זיין טהורה.

והביאור[2]: איינער פון די טעמים[3] אויף מאכלות אסורות איז, ווייל פון יעדער מאכל וואס מען עסט ווערט דם ובשר כבשרו פון דעם אדם האוכל, דעריבער דארף דער דבר מאכל זיין בהתאם מיט די תכונות פון א אידן. ועפ"ז י"ל אז די צוויי סימנים, מעלה גרה און מפרסת פרסה, באווייזט אויף צוויי תכונות עיקריות וואס דארפן זיין ביי א אידן: "מעלה גרה" איז דער טייטש, אז דער בעל חי איז בוחן וואס ער עסט (ניט סתם געכאפט און געגעסן) און

---

1) יבמות עט, א. 2) ראה גם לקו"ש ח"א ע' 223 ואילך. 3) ראה רמב"ן שמיני יא, ב. ועוד.

בבירור אחר בירור, אז ער קייט איינמאל און דערנאך ווידער אמאל. וואס דערפאר איז דאס גורם אז דער בעל חי זאל זיין טהור, ווארום אט די תכונה דארף זיי ביי א איד. ״מפרסת פרסה״ באדייט - אז הליכתו ווערט נקבע ע״י דער הבחנה והבדלה צווישן צד ימין וצד שמאל, וואס דאס איז אויך אן ענין עיקרי ביי א אידן - אז ער איז מבחין אין יעדער זאך צווישן ימין ושמאל, סור מרע ועשה טוב.

[בענין השלימות שנפעלת ע״י העבודה במצרים דוקא]:

דוקא דורך דער עבודה אין מצרים, מלשון מיצרים וגבולים, ווערט דער ״מן המיצר קראתי י״ה״[4], דער גילוי פון שם י״ה (וואס איז העכער פאר שם הוי׳), הנסתרות[5] לה׳ אלקינו[6], וואס מצד דעם איז די נשמה אלעמאל (בכל מעמד ומצב) ״באמנה אתו״[7], ניט ווי ו״ה, והנגלות[5], וואס דארטן דארף מען אנקומען צו דער עבודה פון סור מרע.

און דערפאר איז דוקא אין מצרים געווען ״מבחר שנותיו״, שבע עשרה בגימטריא טו״ב שנה פון חיי יעקב, ביז אז דאס שטייט בגלוי אפילו אין דער גימטריא, ״בחי׳ אחרונה שהוא בחי׳ החשבון ומספר כו׳״[8].

[בענין הדוגמא דיודע עתידות לענין ידיעה ובחירה]:

ווי מ׳געפינט בכ״מ דער ענין פון פון יודע עתידות, סיי ביי אנשים און סיי בא נשים, סיי בא אידן - וואס האבן געהאט רוח הקודש, יודע עתידות דקדושה, און סיי בא ניט-אידן, פון צד דלעו״ז דורך קוסמי קסמים וכיו״ב. ונוסף אויף דעם עצם ענין, אז די ידיעה פון דעם יודע עתידות האט קיין ווירקונג ניט אויף דער עשי׳ (ניט בשעת העשי׳ און ניט לפני העשי׳), איעז מובן ופשוט, אז מ׳קען ניט זאגן אז די ידיעה פון א גוי אדער א גוי׳ זאל משפיע זיין אויף א איד און שולל זיין בחירתו.

[בענין הלימוד מיעקב ששלל ״שלא יעשאוני מצרים ע״א״]:

מ׳דארף שולל זיין בתכלית אז אימעצער זאל פון אים מאכן אן ע״ז, דורך זאגן אויף אים זאכן וואס זיינען שייך דוקא בא עצמות ומהות, וואס דערפון ווערט נשתלשל דער ענין פון ע״ז למטה.

---

4) תהלים קיח, ה. 5) ראה לקו״ת ר״פ פקודי. ובכ״מ. 6) נצבים כט, כח. 7) ראה תניא פכ״ד (לא, א). 8) שעהיוה״א פ״ז.

[בענין ההשפעה על ב״נ שיקיימו הז׳ מצוות שלהם]:

וואס ״המקבל[9] אותם הוא הנקרא גר תושב״, און ער דארף דאס מקבל זיין ״מפני שצוה בהן הקב״ה בתורה כו׳״, און ניט ״מפני הכרע הדעת״, וואס דעמולט ״אין זה גר תושב ואינו מחסידי אומות העולם ולא מחכמיהם״[9], אדער ווי די צווייטע גירסא[10], ״אלא מחכמיהם״.

און אין דעם באשטייט די עבודה פון בירור האומות אין גלות - זיי זאלן ווערן גרי תושב (דורך מקבל זיי די ז׳ מצוות ב״נ), אדער גרי צדק - כמאחז״ל[11] לא הגלה הקב״ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים.

און דאס ווערט אויך א הכנה צו דעם זמן שיובל נוהג וביהמ״ק קיים, וואס מקבלין גר תושב בזמן שהיובל נוהג[12] - בביהמ״ק השלישי [וואס וועט זיין בשלימות, מיט אלע חמשה דברים שחסרו בבית שני[13] וכו׳] בגאולה האמיתית והשלימה, דורך דעם וואס מ׳שטעלט אריין, ע״י מעשינו ועבודתינו, דער אל״ף פון אלופו של עולם אין גלות - ווערט גאולה, בגימטריא מ״ה, וואס שם מ״ה איז דער עיקר שם וואס איז קיים ונצחי, און מ״ה איז מברר ב״ן, דער בירור פון אדום זה עשו, און די אוה״ע בכלל,

און לאחרי דער עבודה אין גלות (״ויצא יעקב מבאר שבע - פון די שבע מדות עליונות, ומלמעלה מזה - ״מגורי אביו״ - וילך חרנה״) ווערט ״ושבתי בשלום אל בית אבי״, ארו עם ענני שמיא[14] - אין ארץ הקודש, וכספם וזהבם אתם[15], סיי די עבודה פון צדיקים - כסף מלשון ״נכסוף נכספת לבית אביך״[16], און סיי עבודת התשובה און בירור האומות - דער ענין פון זהב, וואס מראה הזהב איז אדום, וואס באווייזט אויף דער בירור פון אדום, ביז אז ״זהב עשו לבעל״[17] [אע״פ וואס לא נברא זהב אלא בשביל ביהמ״ק[18], איז אבער צוליב בחירה געגעבן געווארן זהב בעולם, און מ׳קען עס נוצן אויף אן ענין הפכי].

און דאס ווערט נאכמער צוגעאיילט דורך יעדער פעולה פון א

---

9) רמב״ם הל׳ מלכים ספ״ח. 10) נסמן באנצקלופדי׳ הלמודית ע׳ ב״נ בסופו. ע׳ גר תושב הערה 11. וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 62. ח״כ ע׳ 140. 11) פסחים פז, ב. 12) ערכין כט, א. רמב״ם הל׳ ע״ז פ״י ה״ו. הל׳ שבת פ״כ הי״ד. הל׳ איסו״ב פי״ד ה״ח. 13) יומא כא, ב. 14) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א. 15) ישעי׳ ס, ט. 16) פרשתנו לא, ל. 17) הושע ב, י. פרש״י ר״פ דברים. 18) ב״ר פט״ז, ב. שמו״ר רפל״ה.

איד, וואס אפילו א מצוה אחת, במחשבה דיבור אדער מעשה - ועאכו"כ א חסידי'שע התוועדות, האט בכח צו ברענגען תשועה והצלה לכל העולם (כפס"ד הרמב"ם[19]).

* * *

[בענין גאולת אדמו"ר האמצעי]:

ב. און דער כח אויף גאולה וואס מ'באקומט פון דעם מיטעלן רבי'ן ווערט נמשך ביז למטה בגשמיות העולם, כמרומז בשמו "דובער", דוב המסורבל בבשר[20], ביז אז דאס קומט אראפ אין לשון המדינה - "בער", ביז אז בכ"מ ווערט דער נאמען געשריבן אין איין ווארט ("דובער") מיט איין בי"ת.

[בהמשך לימי החנוכה]:

און דאס ווערט נמשך אין חודש טבת, וואס דעמולט איז "הגוף נהנה מן הגוף"[21], דער גוף הגשמי דלמטה איז נהנה פון דעם "גוף" האמיתי דלמעלה - עצמות ומהות, ובאופן של הנאה דוקא, דכל הנותן בעין יפה הוא נותן. ובפרט דורך א כינוס פון אידן - וועלכע איז הנאה להם והנאה לעולם[22], ועאכו"כ פון חסידים.

ביז אז מ'קומט צו דער גאולה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו בי"ב-י"ג תמוז, בתקופת החמה, וואס באווייזט אויף דער גילוי פון "שמש ומגן הוי'"[23], און ווי דאס ווערט נמשך בדרגת חמה, וואס איז למטה פון שמש, חמה באדייט נאר דער ענין החמימות שבהשמש (כמבואר בכ"מ).

און דאס ווערט די הכנה קרובה צו דער גאולה האמיתית והשלימה ע"י נשיא דורנו, וואס ער האט אויף זיך גענומען די אחריות פון דעם גאנצן דור - צו ברענגען די גאולה, ווי ער האט מכריז געווען אז אלץ איז שוין מן המוכן, עס דארף נאר זיין "עמדו הכן כולכם", און מ'דארף נאר צופוצן די לעצטע קנעפלעך, ד.ה. אז די לבושים זיינען פאראן, די קנעפלעך זיינען פאראן, מ'דארף נאר האבן נאך פוץ (בכדי עס זאל זיין דורך מעשינו ועבודתינו).

און מ'באקומט דעם ענטפער אויף "וישלח יעקב מלאכים אל עשו אחיו" - ווייל דורך דער ריבוי העבודה במשך כל הדורות איז אויך

19) הל' תמורה פ"ג ה"ד. 20) קידושין עב, א וכפרש"י. 21) מגילה יג, א. 22) סנהדרין עא, סע"ב במשנה. 23) תהלים פד, יא.

עשו שוין נתברר געווארן - אז ער איז גרייט גיין צו דער גאולה, אזוי אז עס ווערן נמשך די אורות גדולים דתהו אין די כלים גדולים דתיקון, ביז דער גילוי פון ״גדול הוי׳״[24], ״לך[25] הוי׳ הגדולה״, ביז ״המתנשא לכל לראש״, וואס דאס גייט אויף כתר און מלכות, ותיכף ומיד ממש, כן יהי רצון, כן יהי רצון.

* * *

ג. מפקחין על צרכי ציבור בשבת, כולל ובמיוחד בנוגע צו ט״ו כסלו, ווען קיימא סיהרא באשלמותא פון גאנץ חודש כסלו - אז דעמולט דארף מען משלים זיין, בשלימות, אלע ענינים פון חודש כסלו, אנהויבנדיק פון די התוועדויות בקשר מיט יו״ד כסלו, אז אויב מ׳האט דעמולט ניט געמאכט קיין התוועדות, אדער מ׳האט עס געקענט מאכן מיט א גרעסערן שטורעם - זאל מען עס משלים זיין בימים אלו,

און אזוי אויך - אנהויבן די הכנות צו די התוועדויות בי״ט כסלו, עס זאל זיין מיט א שטורעם המתאים, און אזוי אויך בנוגע צו די ימי החנוכה [ובפרט אז זיי האבן אויך א שייכות מיט א גאולה פון חסידות - בנר ג׳ אדער בנר ה׳ דחנוכה, כידוע].

און דערפון גייט מען אריין אין חודש טבת, ווען הגוף נהנה מן הגוף, דער גוף הגשמי פון דער גוף האמיתי, אמיתת המצאו שממנו נמצאו כל הנמצאים[26],

ביז אז אויך עשירי בטבת ווערט נהפך - יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים[27], און עס ווערט נתגלה ווי דאס איז ״עשירי יהי׳ קודש״[28], קדש מלה בגרמי׳[29],

וכל זה תיכף ומיד ממש - אזוי אז די גאולה קומט תיכף ומיד איצטער, נאך פאר תפלת מנחה און די הכנות צו תפלת מנחה, און נאך פאר דעם המשך פון התוועדות זו - וועט דעמולט בדרך ממילא זיין אז עשירי בטבת ווערט נהפך ליום טוב (ע״ד דער פתגם פון כ״ק מו״ח אדמו״ר בענין ״לשנה הבאה בירושלים״, אז די גאולה קומט גלייך, וועט בדרך ממילא זיין ״לשנה הבאה בירושלים״).

ד. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז און מסביר זיין וועגן וואס עס רעדט

---

24) שם מח, ב. 25) דה״א כט, יא. 26) רמב״ם בריש ספרו יד החזקה. 27) ראה רמב״ם סוף הל׳ תעניות. 28) בחוקותי כז, לב. 29) זח״ג צד, ב.

זיך, ומהם יראו וכן יעשו, כולל - דער עיקר - אז דאס וועט מעורר זיין אז יעדערער זאל נאכמער מוסיף זיין החלטות טובות, ובמיוחד - בקשר מיט מאכן התוועדויות בימים אלו, כנ"ל.

ביז אין אן אופן של עלי' - "ילכו מחיל אל חיל", ביז אז עס ווערט "כמים לים מכסים"[30], ווי דער רמב"ם איז מוסיף בסוף ספרו (לגבי ווי ער שרייבט אין הל' תשובה[31] נאר "מלאה הארץ דיעה את ה'"), ווייל בסוף ספרו, אין הל' מלכים ומלחמותיהם, רעדט זיך וועגן משיח צדקנו, לאחרי ווי ילחום מלחמת ה' און ער איז "משיח ודאי", ויבנה ביהמ"ק במקומו[32] - וועט דעמולט זיין "כמים לים מכסים".

און אין דעם קומט צו דורך דער עבודה פון אידן, כולל - בא די וואס האבן צוגעשטעלט משקה, און וועלן ארויפגיין און משמח זיין דעם עולם, און עולה זיין מחיל אל חיל, כולל אין דעם ענין פון "כמים לים מכסים" (וואס אויך אין דעם זיינען פאראן דרגות) עד אין סוף ועד אין קץ, ביז עצמות ומהות.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל. אח"כ הורה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

---

30) ישעי' יא, ט. 31) ספ"ט. וראה הדרן על הרמב"ם - משיחת ש"פ חיי שרה שנה זו. 32) רמב"ם הל' מלכים ספי"א.

לזכות

החתן התמים **מנחם מענדל** שיחי׳

בלאק

והכלה **רבקה** תחי׳

יפה

לרגל בואם בקשרי השידוכין למז״ט

ביום ו׳ י׳ כסלו, תש״נ

■

נדפס ע״י הוריהם

הרה״ת ר׳ **יצחק ליב** וזוגתו מרת **לאה** שיחיו **בלאק**

הרה״ת ר׳ **חיים** וזוגתו מרת **חי׳ רחל** שיחיו **יפה**

זקניהם

הרה״ח הרה״ת ר׳ **אלי׳ נחום** שיחי׳

שקליאר

הרה״ת ר׳ **צבי מאיר** וזוגתו מרת **דבורה** שיחיו

שטיינמעץ

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: [illegible] הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד.
טלפון 03-9606887

VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY [illegible]
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-[illegible] FAX# [illegible]

שיחת
ש״פ וישלח
י״ח כסלו
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס״ד. תשלמות לשיחת ש״פ וישלח, ח״י כסלו ה׳תש״נ.

הנחת התי׳ בלתי מוגה

[בענין ההחלטות טובות שמקבלים ביום השבת]:

א. ווייל ״מפקחין על צרכי צבור בשבת״[1], ד.ה. אז ניט נאר וואס מ׳קען אננעמען החלטות טובות בשבת, נאר אדרבה - דעמולט איז א זמן מתאים ומסוגל ביותר לזה. - ולהעיר וועגן דעם קשר מיט י״ט כסלו: ״מפקחין״ איז אויך מלשון פיקח - פארבונדן מיט חב״ד. און ״צבור״ איז בהדגשה בי״ט כסלו, וועלכע איז פארבונדן מיט ״פדה בשלום נפשי כי (אויך מלשון טעם - ווייל) ברבים היו עמדי״.

ולהוסיף, אז ״צבור״ איז ר״ת צדיקים בינונים און דער סוג הכי תחתון, וועלכער איז מחובר צו דעם צדי״ק און בי״ת מיט אן אות וא״ו, דא אות אמת[2], מדתו של יעקב[3], און דער אות הגאולה - ווייל דאס איז כולל אלע דרגות אין עבודה: עבודת הצדיקים, עבודת הבינוני - מדת כל אדם ואחרי׳ כל אדם ימשוך[4], און עבודת התשובה וואס איז מהפך זדונות כזכיות, ביז זכיות ממש.

און דאס איז אויך בהדגשה אין ״פדה בשלום נפשי כי ברבים היו עמדי״, לויט דעם פירוש הירושלמי[5] אז ״רבים״ גייט אויף אנשי אבשלום וועלכע האבן מתפלל געווען (ניט נאר מסייע געווען, נאר אויסגענוצט כח תפלתם) לנצחונו של דוד המלך - דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא.

[בענין גאולת י״ט כסלו]:

וואס דאס ווערט א הכנה [ובפרט אז דאס קומט אויך לאחרי דער גאולה פון עשירי בכסלו, העשירי יהי׳ קודש] צו דער גאולה האמיתית והשלימה, כידוע אז אלע גאולות זיינען פארבונדן - דשם גאולה חד הוא[6], ס׳איז איין ענין.

[בענין העבודה ד״תולדות״ - יעקב ועשו, עשה טוב וסור מרע, בירור עשו]:

און עס וועט זיין ״כספם וזהבם אתם״[7], וואס דאס גייט אויף דער עבודה אין קדושה עצמה (כסף) און עבודת התשובה (זהב - מראה אדום), כמדובר לעיל[8].

* * *

---

1) ראה שבת קנ, א. טושו״ע או״ח סש״ו ס״ו. שו״ע אדה״ז שם סי״ב. 2) זהר ר״ם ויקרא. 3) ראה תניא פי״ג. 4) תניא רפי״ד. 5) סוטה פ״א סה״ח. 6) פרש״י ד״ה אתחלתא - מגילה יז, א. 7) ישעי׳ ס, ט. 8) שיחת ש״פ ויצא.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א פנה לקבוצת אורחים שיחיו ואמר:]

ב. עס זיינען דא פאראן כו״כ אורחים פון אן אנדער ארט און אן אנדער שטאט. וועט מען זיי זיכער געבן זאגן ״לחיים״, און מ׳וועט זיך צו זיי מצטרף זיין. ווער איז דער עומד בראשם?

[האורחים שיחיו אמרו לחיים. ואמר כ״ק אדמו״ר שליט״א:] זאלן די אורחים זאגן אלע ״ופרצת״ [וניגנו ״ופרצת״].

* * *

ג. ס׳איז רגיל אין די התוועדויות כגון אלו - אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין למעלה, און מכריז און מסביר זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ובפרט אז מהם יראו וכן יעשו רבים.

צווישן די פעולות איז אויך דא דער ענין (אין וועלכע איך בין אויך א ״מחותן״) - פון מרחיב ומוסיף זיין אין דעם בנין דהכי״ק והספרים פון בית אגודת חסידי חב״ד, אין דעם זעלבן מקום ושטח ווי ביז איצטער, ווייל קדושה לא זזה ממקומה, אבער מיט א הרחבה. ויה״ר אז עד״ז זאל מען טאן בכל מקום ומקום.

אומקענדיק זיך צו חלוקת המשקה: וויבאלד אז ס׳איז יום השבת, איז צוליב קדושת השבת זאל מען אויך אויסטיילן א טייל פון דער משקה צו די מסובים כאן, כמדובר וכנהוג כמ״פ, כמובן וגם פשוט.

און פון די פשיטות זאל מען קומען צו פשיטות העצמות, כידוע פתגם כ״ק מו״ח אדמו״ר[9] אז די פשיטות פון אן איש פשוט (ובפשטות - א פשוט׳ער איד) איז איין זאך ממש מיט פשיטות העצמות. און די פשיטות ווערט א נקודה אחת, וועלכע נעמט דורך אלע פרטים פון סדר השתלשלות, בכל הזמנים ובכל המקומות, ביז דעם עיקר מקום ישוב - ארץ הקודש, און דארטן גופא - ירושלים עיר הקודש (שלא נתחלקה לשבטים), און דארטן גופא - אין בית המקדש השלישי, אין קדש הקדשים.

והענין בעבודת האדם - אז די נקודה פון יחידה שבנפש אין יעדער איד, ווערט נמשך און נעמט דורך אלע פרטים פון זיין מציאות, ביז זיין עקב שברגל, באופן פון ממש, אז מ׳קען דאס אנטאפן מיטן חוש המִישוש, ביז אז דאס פועל׳ט אין דעם עקב

---

9) לקו״ד ח״ג תצא, ב. וראה כתר שם טוב הוספות סקנ״ד. וש״נ.

שבִרגל, אז נוסף צו ״רץ לדבר מצוה״, זאל אויך זיין ״ורדפהו״, כמדובר לעיל.

און די אלע ענינים זאלן זיין באופן פון ״ילכו מחיל אל חיל״, ביז ״יראה אל אלקים בציון״[10], ובשמחה בטוב לבב, והלוך והוסיף ואור בשמחה רבה.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. ובאמצע הניגון עמד מלא קומתו ורקד על מקומו בחוזק.

אח״כ אמר: די וואס דארפן כאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

---

10) תהלים פד, ח.

לזכות

הילד יוסף יצחק שיחי׳

לאורך ימים ושנים טובות

לרגל הכנסו בבריתו של אאע״ה

ביום חמישי, ט״ז כסלו ה׳תשי״נ

ולזכות

אחיו ואחיותיו: **שמרי׳, חיענא וחי׳ מושקא** שיחיו

■

נדפס ע״י הוריהם

הרה״ת ר׳ **שניאור זלמן** וזוגתו שיחיו **בוימגארטען**

זקניהם

הרה״ת ר׳ **מנחם מענדל** וזוגתו שיחיו **בוימגארטען**

הרה״ת ר׳ **מאיר** שיחי׳ **אבצן**

ר׳ **זאב** שיחי׳ **בוימגארטען**

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד. טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ מקץ
זאת חנוכה
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי

״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס״ד. השלמות לשיחת ש״פ מקץ, זאת חנוכה ה'תש״נ.

הנחת הת' בלתי מוגת

[בנוגע לספרים נאים]:

א. אבער ניט אין אן אופן אז די ספרים ליגן אויף דער פאליצע, נאר אז ער נוצט עס.

ולהעיר מהדין[1] אז "אם הופקדו ספרים אצל ת"ח יש מתירים ללמוד ולהעתיק מהן אם אין לו כיוצא בהם לפי שכשהפקידו אצלו יודע הי' שהנפקד ת"ח וילמוד ויעתיק מהם כו'", ניט ווי דאס איז בנוגע צו אנדערע מענטשן, אז מ'דארף זיין זהיר ווי צו קוקן און לערנען אין די ספרים, "מפני ששוהה הרבה ונוגע ומושך אילך ואילך ומקלקל הספר כו'"[2],

און אפילו ווען מ'דארף זיין זהיר בזה - איז די עצה צו האבן ספרים כפולים (עכ"פ פון די ספרים נחוצים) - "כיוצא בהם" - וואס אין דעם צווייטן ספר וועט ער קענען מישן און לערנען (און דורך דעם וועט ער ניט קאליע מאכן דעם ערשטן ספר).

[בענין הקרבת הנשיאים]:

וואס דאס איז געווען אין אן אופן אז "לא גבה משבטו" נאר "משלו הביא"[3]. ועד"ז בנוגע צו די פעולות אין הפצת המעינות חוצה, אז אין דעם האט מען די אלע כחות, אזוי אז דער מפיץ דארף אויף דעם ניט גובה זיין פון אן אנדערן (פון דעם צו וועמען ער איז מפיץ וכיו"ב), נאר פון זיך אליין, "משלו הביא".

[בענין הנתינת כח של נשיא דורנו בעבודת הדור]:

כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו האט זיך איבערגעבן צו דעם גאנצן דור צו אויפמאכן פון זיי "עמדו הכן כולכם"[4], און מ'האט שוין "צוגעפוצט די קנעפלעך"[5].

[בענין הדלקת המנורה ע"י אהרן הכהן שידליק המנורה של משה]:

וכידוע אז די ענינים פון אהרן קומען אן דורך משה, ווי דאס איז געווען בנוגע צו לימוד התורה, כדאיתא בגמרא (אין מס' עירובין[6]) "כיצד סדר המשנה משה למה מפי הגבורה נכנס אהרן ושנה לו משה פרקו כו'", דערנאך זיינען אריין בני אהרן, דערנאך די זקנים דערנאך אלע אידן, אזוי אז נאר אהרן האט געלערנט תורה פון משה ד' פעמים [ויש לומר - כנגד די ד' עולמות אבי"ע, און

1) שו"ע אדה"ז חו"מ הל' מציאה ופקדון סכ"ו. 2) שם סכ"ה. 3) פרש"י נשא ז, יב. 4) אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע' רעט. 5) ראה שיחת שמח"ת תרפ"ט. 6) כד, ב.

די ד׳ אופני הלימוד - פשט רמז דרוש סוד].

און פון משה און אהרן ווערט עס נמשך צו אלע אידן, ווארום יעדער איד האט אין זיך משה שבקרבו (כמבואר בתניא[7]), און עד״ז אהרן האט משפיע געווען צו אלע אידן - כמאחז״ל[8] ״הוי מתלמידיו של אהרן כו׳ אוהב את הבריות ומקרבן לתורה״.

ובפרט בנוגע צו הדלקת המנורה, וואס דאס איז שייך צו יעדער איד. ולהעיר אז אויך א ישראל און א גר [ולהעיר ממאחז״ל[9] ״לא הגלה הקב״ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שניתוסף עליהם גרים״, די ניצוצי קדושה שבכל העולם[10] - וואס ר״ב ניצוצות זיינען שוין נתברר געווען אין מצרים (״ערב רב״[11]), און איצטער זיינען געבליבן נאר פ״ו - בגימטריא אלקים - ניצוצות] ווי ער שטייט מחוץ להיכל - קען אנצינדן די מנורה, נאר דערצו דארף מען אנקומען אז מ׳זאל ארויסברענגען די מנורה דארטן, און א כהן זאל עס אריינברענגען אין פנים.

ובנוגע לפועל - זאל מען זוכה זיין צו די הדלקת המנורה - ווי דאס איז בשלימות - דורך אהרן כהן גדול עצמו אין ביהמ״ק אין היכל, בגאולה האמיתית והשלימה.

און פון ״מקץ״ קומט מען צו ״ויגש״, די הגשה ויחוד פון דעם אויבערשטן מיט אידן, און דערנאך - ״ויחי יעקב בארץ מצרים״, לאחרי ״וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען״, כנען לשון מסחר - דער מסחר פון דער עבודה אין זמן הגלות[12], דורך וועלכע מ׳באקומט - און מ׳האט שוין באקומען - א הון רב.

און מ׳גייט אלע צוזאמען אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הבית, לביהמ״ק השלישי, ולקודש הקדשים - בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

* * *

ב. עס געפינען זיך דא א כתה אורחים - אינגלעך און מיידלעך (בעזרת נשים). זאל מען זיי מכבד זיין זאגן ״לחיים״. [אח״כ אמר:] אויך די היגע קינדער זאלן זיך צו זיי מצטרף זיין באמירת ״לחיים״ - וועט עס זיין נאך פריילעכער.

* * *

---

7) פמ״ב. 8) אבות פ״א מי״ב. 9) פסחים פז, ב. 10) תו״א ר״פ לך. תו״ח ר״פ חיי שרה. ביאורי הזהר לאדהאמ״צ קלו, א ואילך. וככ״מ. 11) תו״א בשלח סג, ב. 12) תו״א ר״פ וישב.

[בנוגע להעבודה דדורנו זה בצירוף העבודה דדורות שלפנ"ז, שישנם בפועל גם בדורנו - "תחת אבותיך יהיו בניך"]:

ג. סיי די עבודה בדורנו זה, ובפרט לאחרי שנת תשמט ידיך, ושנת הקהל, און התחלת שנת נסים, בצירוף מיט דער עבודה בדורות שלפנ"ז - כ"ק מו"ח אדמו"ר, ולפני זה - דער רבי (מהורש"ב) נ"ע, דער רבי מהר"ש, דער רבי דער צמח צדק, דער מיטעלער רבי, און דער אלטער רבי, ולפנ"ז - דער מגיד און דער בעש"ט.

[כענין המשכת קרושת שבת בימי החול]:

אזוי אז עס ווערט חולין שנעשו באופן כשר, ביז חולין שנעשו על טהרת הקודש, ביז דער טהרה פון מי חטאת - די פרה העשירית אויף וועלכע מ'גרייט זיך איצטער בגאולה העשירית.

ובעבודת האדם: די המשכת הקדושה פון נפש האלקית אויך אין נפש הבהמית, אזוי אז עס ווערט "אחריך נרוצה" (לשון רבים)[13], רץ לדבר מצוה[14], כולל - די מצוה פון "אחכה לו בכל יום שיבוא".

[בענין חנוכה מלשון חינוך, ושננתם לבניך אלו התלמידים]:

כולל די איבערגעגעבנקייט צו משפיע זיין צו די תלמידים, און צוגרייטן א ריבוי תשובות אויף די ריבוי שאלות פון די תלמידים (ווארום לא הביישן למד[15]), ואדרבה - דורך דעם קומט צו בא דעם משפיע, "מתלמידי יותר מכולם"[16].

[סיום השיחה]:

וכאמור לעיל, אז נאך תפלת מנחה פראוועט מען א חסיד'ישע התוועדות מיט אמירת "לחיים", אבער באופן פון תיקון, אזוי אז מ'איז ממשיך די אורות גדולים דתהו אין די כלים גדולים דתיקון.

און נאך פאר תפלת מנחה - איז מען זוכה צו דער גאולה, ובפרט אז תפלת מנחה איז שייך צו אליהו מבשר הגאולה, וואס אליהו האט אין זיך כמה אותיות פון שם הוי', און פינחס זה אליהו - וואס פינחס "לא בא לכלל כהונה עד כאן"[17], וואס דאס גיט דער כח צו יעדער איד - אויך א ישראל - צו האבן א קשר מיט כהונה, כולל אין דעם ענין וואס כהנים זריזין הן,

ומגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל - אז דער אויבער-

13) שה"ש א, ד. 14) ראה סה"מ אתהלך לאזניא ע' קעב. סה"מ מלוקט ח"ב ע' שכא. וש"נ. 15) אבות פ"ב מ"ה. 16) תענית ז, א. 17) פרש"י ר"פ פינחס.

שטער ברענגט די גאולה ברזיזות, ובאופן פון "מהדרין מן המהדרין" (אזוי ווי דער מנהג פשוט בא אידן אין הדלקת נרות חנוכה) - תיכף ומיד ממש.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א צוה לנגן "על נסיך כו׳"].

* * *

[בהמשך להצעה ע״ד ההשלמה בקיום המנהג דנתינת מעות חנוכה]:

ד. אויב מ׳האט ניט מקיים געווען דעם מנהג, אדער מ׳קען נאכמער מוסיף זיין בזה - ובפרט לפי ערך די חסיד׳ישע נחת וואס עלטערן באקומען פון זייערע קינדער, אדער (מוסיף זיין נאכמער) אין דער חסיד׳ישער נחת וואס מ׳וויל אנהויבן באקומען - זאל מען דאס משלים זיין אין די ימים הסמוכים, און אננעמען די החלטה בזה איצטער, ביום השבת זאת חנוכה, וואס מפקחין על צרכי ציבור בשבת.

ומצוה לפרסם אויך צו די וואס הערן דאס איצטער ניט; מ׳זאל עס זיי איבערגעבן נאך הבדלה. און הגם אז דעמולט איז שוין נאך חנוכה - קען מען זיי זאגן אז מ׳האט וועגן דעם גערעדט און מחליט געווען אין א התוועדות ביום זאת חנוכה אין דער ביהכנ״ס וביהמ״ד פון נשיא דורנו.

און דער קיום המנהג פון "חנוכה-געלט" - וועט נאכמער צוהעלפן אין דער "חנוכת בית המקדש" פון יעדער איד, כולל אויך פון קינדער, כמדובר כמ״פ אז יעדערער דארף מאכן פון זיין שטוב וכו׳ א משכן ומקדש להקב״ה, כולל דורך אויסנוצן די "חנוכה-געלט" צוליב דער מטרה.

ה. די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח, זאלן איצטער ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים. און דאס זאל נאכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה, אז אלע אידן, "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו", גייען ארויס פון גלות אין דער גאולה, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן "יהי״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳".

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

לעילוי נשמת

הרה"ח **אליהו** בן יואל ע"ה

בליאר

נפטר יום א' דר"ח טבת תשמ"ג

ת.נ.צ.ב.ה.

■

נדפס ע"י בנו

הרה"ת ר' **שלמה זלמן** ומשפחתו שיחיו

בליאר

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ ויגש,
ט' טבת
ה'תש"נ

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
שנת הארבעים לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ ויגש, ט' טבת ה'תש"נ.

הנחת חתי בלתי מוגה

[בנוגע ההוראה מפ' ויגש להוסיף באהבת ישראל]:

א. און אין דעם קומט צו א תוס' כח פון שבת פ' ויגש (וואס דעמולט לייענט מען די גאנצע פרשה): ביום השבת איז "כל מלאכתך עשוי"[1]. וואס הגם אז דאס גייט בפשטות אויף די ל"ט מלאכות (און ניט אויף די מלאכה הארבעים - מלאכת שמים[2]), איז דאס אבער כולל במובן הרחב אלע עניני עבודה ומלאכה פון א אידן, כולל בנדו"ד - די עבודה פון "ואהבת לרעך כמוך", וואס דאס איז אויך בגדר "מלאכה" - די "מלאכה" וואס א איד דארף מיט זיך ארבעטן בכדי ביי אים זאל זיין דער "ואהבת לרעך כמוך", ובפרט באופן ווי דאס קומט אראפ אין מעשה בפועל (די שלימות אין אהבת ישראל, כנ"ל). און ביום השבת האט ער דעם כח מיוחד בזה, אז אויך די "מלאכה" איז "עשוי".

און פון שבת איז מיני' מתברכין כולהו יומין - מ'באקומט כח אויף דער עבודה פון שבוע הבא, ובנדו"ד - באקומט פון שבת פ' ויגש כח אויף דער עבודה פון "ויגש" - אהבת ואחדות ישראל - במשך די קומענדיקע טעג.

ובפרט אז די קומענדיקע וואך איז די וואך פון פ' ויחי - "ויחי יעקב בארץ מצרים" - אז אויך אין מצרים מלשון מיצרים וגבולים, ובפרט בזמן הגלות (שכל הגליות נקראו ע"ש מצרים), ווערט "ויחי", חיים אמיתיים.

ובכל זה קומט צו נאכמער - שטייענדיק אין שנת תש"נ, ווי אידן האבן אויף דעם געגעבן די ר"ת - "תהא שנת נסים", און ה'תש"נ - "הי' תהי' שנת נסים", באופן אז מ'איז אויך כולל דעם מספר האלפים [וואס דאס איז נוגע במיוחד בדורנו, דער דור האחרון פון גלות, ווען ס'איז שוין "כלו כל הקצין", און עס קומט דער גאולה אויף אלע ה' אלפים תשמ"ט שנה שלפנ"ז] - וואס דאס גיט דעם כח אז די הנהגה זאל זיין אין אן אופן פון "נסים", מלשון ארים נסי על ההרים.

ובפרט אז דערצו איז דאס אויך דער שנת הארבעים פון הסתלקות

---

1) שו"ע אדה"ז או"ח סש"ו סו"ס כא. וראה מכילתא ופרש"י יתרו כ, ט. 2) סד"ה ארבעים מלאכות חר"ל. סד"ה וכיום השבת עת"ר.

כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, לאחרי עבודתו במקום זה (אין דעם ביהכנ״ס וביהמ״ד) במשך די עשר שנים האחרונות שלו בחיים חיותו בעלמא דין, איז דערנאך נאך צוגעקומען ארבעים שנה, וואס דעמולט איז ״נתן ה׳ לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״, ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״.

וואס דאס איז מוסיף נאכמער כח אין דעם ענין פון ״ויגש״, ״והיו לאחדים גו׳ ודוד עבדי נשיא להם לעולם״ - אז נאך אין די לעצטע רגעים פון גלות ווערט ״ויחי יעקב״ - ״נשיא״ ר״ת ניצוצו של יעקב אבינו,

ובפרט לאחרי וואס ס׳איז געווען ״וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען״[3], כנען מלשון מסחר[4] - אז מ׳פארשליסט דעם גאנצן מסחר בזמן הגלות, און מ׳בלייבט נאר מיט דעם הון רב פון ריוח וואס מ׳האט פארשאפט דורך מעשינו ועבודתינו,

בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש, ועוד והוא העיקר - באופן פון מראה באצבעו ואומר זה.

* * *

[בענין שנת הארבעים, שאז ״יכנסו דברי באזניך״]:

ב. ובפרט אז ס׳איז אויך שנת נסים, לאחרי שנת שמח תשמח און שנת תשמט ידיך, אין אין שנת נסים עצמו - שטייט מען שוין נאך די שמונה ימי חנוכה, און שוין אין התחלת חודש טבת.

והגם אז מ׳געפינט זיך אין טעג וואס זיינען ניט ימים רצויים: היינט איז ט׳ טבת, וועלכע קומט נאך ח׳ טבת, און ס׳איז ערב עשרה בטבת - וואס די דריי טעג זיינען ימי תעניות, כדאיתא במגילת תענית[5]. - וואס אע״פ וואס בטלה מגילת תענית[6], איז דאס אבער נאר בנוגע צו ח׳ וט׳ טבת, משא״כ עשרה בטבת (וואס אויך ח׳ וט׳ טבת האבן דערמיט א שייכות[7]) איז איינער פון די ד׳ צומות[8], ואדרבה: עשרה בטבת האט אין זיך א תוקף לגבי די אנדערע תעניות, כדעת כמה פוסקים[9], אז ״אפילו הי׳ חל בשבת לא היו יכולים לדחותו ליום אחר, מפני שנאמר בו[10] בעצם היום הזה כמו ביום הכפורים״. ויש לומר, אז דאס איז אויך נרמז אין דעם ווארט

---

3) ר״פ וישב. 4) תו״א ר״פ וישב. 5) בפרק ימי הצומות. 6) ר״ה יח, ב. 7) ראה קונטרס משיחת ש״פ ויגש כו׳ תשמ״ט בתחלתו. וש״נ. 8) זכרי׳ ח, יט. רמב״ם הל׳ תעניות רפ״ה. 9) אבודרהם הל׳ תעניות. כ״י לטאו״ח סתק״נ. וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 421 הערה 78. ח״כ ע׳ 354 הערה 29. קונטרס הנ״ל. 10) יחזקאל כד, ב.

״בעצם (היום הזה)״ גופא [און מ׳דארף ניט אנקומען צו די גזירה שוה צו יוהכ״פ, כמאחז״ל[11] אז אין אדם דן גזירה שוה מעצמו אא״כ קיבלה מרבו ורבו מרבו עד משה רבינו]: ״בעצם״ האט אויך דער פירוש אז דאס איז אן עצם (אן ענין עצמי), וואס אן עצם אין בו שינויים, סיי בחול און סיי בשבת (דערפאר איז דאס דוחה שבת) -

קומט אין דעם צו אויך די מעלה וואס איז דא בפנימיות אין די ימי תעניות, ובפרט אין עשרה בטבת, זייענדיק אן ענין פארבונדן (בפנימיות) מיט ״עצם״.

און ווי מ׳האט שוין גערעדט וועגן דעם כמ״פ, און ס׳איז דא די רשימות דערפון. והלואי אז יעדערער וואלט אין דעם מוסיף געווען כל א׳ לפום שיעורא דילי׳, ובפרט אז בנדו״ד איז דאס אן ענין וואס ברענגט זיך אין פוסקים.

וענין הנ״ל (די מעלה פנימית וואס קומט ארויס דורך דעם חושך הגלות) איז אויך מודגש אין דער הפטורה, וואס איז געקומען צוליב גזירת המלכות אז מ׳זאל ניט קורא זיין בתורה, א גזירה וואס האט דערגרייכט און אנגערירט ר״ל אפילו אין די בתי כנסיות פון אידן (וואו מ׳לייענט די תורה), און דערפון איז ארויסגעקומען די מעלה, אז אפילו לאחרי ביטול הגזירה, איז געבליבן די הפטורה. ובנדו״ד - די הפטורה וואס רעדט וועגן די גאולה האמיתית והשלימה - ווי מ׳האט געזאגט (די הפטורה) א זמן קצר לפנ״ז, מיט ברכות לפני׳ ולאחרי׳.

ויה״ר אז עס זאל שוין זיין די ״הפטורה״ אויף דעם גלות, און תיכף ומיד ממש קומט די גאולה, נאך פאר דער סיום והמשך פון דעם חסיד׳ישן פארברענגען, וידוע די מעלה וואס א חסיד׳ישע פארברענגען טוט אויף, נאכמער פאר מלאך מיכאל - ואעפ״כ איז עדיין לא בא... - זאל די גאולה קומען נאך אינמיטן דער התוועדות,

און עס ווערט ״ויחי יעקב״, און ״ואלה שמות בני ישראל״, ״על שם גאולתן נזכרו כאן, שנגאלו מפני שלא שינו את שמם - די גאולה פון יעדער איד, בני יעקב, וואס מטתו שלימה (לא כאברהם שיצא ממנו כו׳ ולא כיצחק שיצא ממנו כו׳)[12], ד.ה. אז אלע אידן - אלע בני יעקב - זיינען בשלימות און גייען אלע ארויס פון גלות, און

11) פסחים סו, א ובפרש״י שם. פרש״י ד״ה לא ילפינן - סוכה יא, ב. 12) פסחים נו, א. ויק״ר פל״ו, ה. ועוד.

זיי זיינען בשלימות אפילו במצב פון ״מטתו״ - בשעת זיי שלאפן, ווייל לא ינום ולא יישן שומר ישראל[13], און דורך דעם ווערט יעדער איד וואכעדיק, און באקומט אלע ענינים וואכעדיקערהייט, כולל - אז ער זעט מיט זיין אפענע עיני בשר די גאולה, מראה באצבעו ואומר זה,

און מ׳גייט אלע צוזאמען אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, אין ביהמ״ק השלישי, אין קודש הקדשים, תיכף ומיד ממש.

* * *

[סיום שיחה ג׳ - לאחרי ההוראה בנוגע לחיבור ״יששכר״ ו״זבולון״]:

ג. כאן המקום אז די וואס געפינען זיך למטה וועלכע האבן צוגעשטעלט משקה המשמח אלקים ואנשים[14] [אז מ׳פועל׳ט שמחה אויך אין שם אלקים, בגימטריא הטבע[15], ושרש הדין והצמצום[16], ואדרבה - כיתרון האור מן החושך] - זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה, און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך.

און דאס זאל נאכמער צואיילן דעם ענין פון ״ויגש״ יהודה ויוסף בגאולה העתידה, און ״ויחי יעקב״, בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

---

13) תהלים קכא, ד. 14) ספר שופטים ט, יג. 15) פרדס שי״ב פ״ב. שעהיוה״א פ״ו. וראה סה״מ מלוקט ח״ב ע׳ צג הע׳ 76. וש״נ. 16) שעהיוה״א פ״ד ואילך.

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד. טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ ויחי,
ט״ז טבת
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס״ד. השלמות לשיחת ש״פ ויחי, ט״ז טבת ה׳תש״נ.

הנחת התי׳ בלתי מוגה

[בענין הברכות פרטיות בברכת השחר]:

וואס די ברכות גייען אויף די ענינים פרטיים בחיי האדם וועלכע דער אויבערשטער באזארגט אים [ועד״ז אויך ברכת נטילת ידים (אין וועלכע מ׳איז מחנך אויך קליינע קינדער) איז פארבונדן מיט אן ענין פרטי בחייו: ער דארף גיסן פון א מקום מסויים און וויסן וואו צו גיסן וכו׳], ביז סיום הענין - ״תלמוד תורה כנגד כולם״[1], וואס תורה איז ״חיינו ואורך ימינו״, און אסתכל באורייתא וברא עלמא - פון תורה ווערט נמשך חיים בעניני העולם שלו.

[בענין החילוק בין ראי׳ ושמיעה]:

א. די מעלה אין שמיעה איז, אז מ׳קען דורך דעם נעמען אויך די ענינים וואס זיינען למעלה ממדידה והגבלה און מ׳קען זיי ניט נעמען דורך ראי׳. און די מעלה פון ראי׳ איז אז דאס איז א העכערער גילוי. ווי דאס איז געווען בזמן הבית - גילוי אלקות באופן פון ראי׳, משא״כ בזמן הגלות איז ״אותותינו לא ראינו״[2], ביז אז מ׳טאר דעמולט ניט מקריב זיין קרבנות לה׳ - הגם אז דורך הקרבת הקרבן ווערט הקרבת האדם לה׳ (״אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳״)[3], און קרבן איז מלשון קירוב - ווי עס שטייט אין ספר הבהיר[4].

- עס זיינען פאראן אזוינע וואס האבן געלערנט כו״כ יארן אין תומכי תמימים און זיי האבן קיינמאל ניט געזען דעם ספר הבהיר! און מיט א טענה צודקת: אויב דער ספר הבהיר וואלט געווען נוגע צו זייערע עבודה - וואלטן דאס די רביים געבראכט אין זייערע דרושי חסידות, אין קונטרס העבודה, אין קונטרס התפלה וכיו״ב.

אי איז די שאלה, אז מ׳דארף לערנען כל התורה כולה (כמבואר אין הל׳ ת״ת פון דעם אלטן רבי״ן) - קען מען דאס יוצא זיין דורך לערנען ספר הרמב״ם, ווי דער רמב״ם שרייבט בהקדמתו לספרו,

---

1) פאה רפ״א. 2) תהלים עד, ט. 3) ויקרא א, ב. וראה לקו״ת ד״ה אדם כי יקריב (ב, ב ואילך). 4) סי׳ קט (מו). הובא בשל״ה מס׳ תענית (ריא, ב). וראה זח״ג ה, רע״א. בחיי ויקרא א, ט. פע״ח שער התפלה פ״ה. ד״ה טעמה תש״ט. באתי לגני ה׳שי״ת.

אז זיין ספר איז כולל ״כל התורה שבעל פה כולה״. - און אויב מ׳דארף דערצו אנקומען צו א מופת - ווערט דער רמב״ם ניט ״נתפעל״ פון מופתים. ולהעיר אז רמב״ם איז ר״ת ״רבות מופתי בארץ מצרים״, נוסף צו דעם ר״ת הפשוט שבזה - רבינו משה בן מיימון.

[בענין ״(שחחורת) בי״]:

דאע״פ וואס ״בי״ גייט אויף דעם יחיד, וואס ער איז איין מענטש צווישן א ריבוי מענטשן אין דער וועלט (נוסף לזה וואס כל העולם איז מוגבל) - זאגן אבער חז״ל[5], אז ״חייב כל אחד לומר בשבילי נברא העולם״, ד.ה. אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס עס זיינען דא נאך א ריבוי מענטשן אין דער וועלט, דארף ער זאגן און פילן אז ״בשבילי נברא העולם״.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א חייך, ואמר]: דער הרגש זעט מען בטבע בא קינדער: א קינד פילט בפשטות אז ״בשבילי נברא העולם״, אז אלץ איז צוליב אים. ער ווייסט אז ער דארף אנקומען צו זיין פאטער און מוטער, אבער ער מיינט אז אויך זיי זיינען נאר ״בשבילי״.

דערפאר דארף מען אנקומען צו דעם ענין החינוך, ״חנוך לנער ע״פ דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו״[6], ווייל צוליב דעם הרגש פון א ״נער״ - מלשון ננער - אז ״בשבילי נברא העולם״ - קענען ארויסקומען אלע ענינים בלתי רצויים; און דורך חינוך איז מען אים מדריך אז דער ״בשבילי״ זאל גענוצט ווערן נאר לטוב.

ולהעיר, אז דער ענין החינוך איז בהדגשה אין די ימי החנוכה דמיני׳ אזלינן - כידוע אז חנוכה איז מלשון חינוך, חינוך המקדש והמזבח[7], ומבואר בחסידות[8] אז די הקרבת הנשיאים בשעת חנוכת המשכן איז בדוגמא ווי די מתנות רבות וואס מ׳גיט א קינד בהתחלת החינוך שלו, ביז די שלימות בזה - ״זאת חנוכה״, ווען מ׳האט דעם סך-הכל פון הקרבת כל הי״ב נשיאים,

און דערנאך - ״בהעלותך את הנרות״ ע״י אהרן כהן גדול, וואס אויך אין דער מנורה געפינט מען ע״ד די צוויי ענינים אין דער נשמה: די חילוקים צווישן די שבעה נרות, און ווי זיי זיינען

5) משנה סנהדרין לז, א. 6) משלי כב, ו. 7) ראה לקו״ש חכ״ה ע׳ 378-9. וש״נ. 8) תו״א וישב כט, ד. לקו״ת נשא כט, א ואילך. ברכה צח, סע״ב ואילך. ועוד.

אלע א חלק פון איין מנורה - "מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא".

און הדלקת המנורה דארף זיין באופן פון "בהעלותך", "עד שתהא שלהבת עולה מאלי'". וכמדובר כמ"פ די הוראה דערפון, אז ער דארף משפיע זיין אויף אלע זיינע מושפעים און אויף כל סביבתו אז זיי זאלן זיין "נרות להאיר", ובאופן פון "שלהבת עולה מאלי'", און זיי זאלן מאיר זיין אויך מחוץ, "עד דכליא ריגלא דתרמודאי"[9].

[בענין הלימוד מ"ויחי"]:

מ'געפינט זיך איצטער אין א התוועדות פון כו"כ מישראל, וואס יעדערער פון זיי האט א "חלק אלוקה ממעל ממש", ועאכו"כ בשעת זיי שטייען אלע פאראייניקט (ובפרט אז מ'קומט לאחרי וואס יעדערער האט געזאגט קודם התפלה "הריני מקבל עלי מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך"), ובפרט געפינענדיק זיך אין א בית הכנסת (וכשמו - ער איז כונס אידן) און א בית המדרש - וואס איז במקום התפלה - אויף וועלכע עס שטייט[10] "אוהב ה' שערי ציון", "שערים המצויינים בהלכה", און אויך א בית צדקה וגמ"ח, און ווי אלע דריי ענינים קומען צוזאמען.

און פון דער התוועדות גייט מען דערנאך מתפלל זיין תפלת מנחה, און דערנאך -תפלת ערבית, און פראוועןן סעודתא דדוד מלכא משיחא - ובפרט במוצאי שבת זה וועלכע איז פארבונדן אויך מיט דעם "כולל"[11], וועלכע איז כולל אלע דריי ענינים פון תורה עבודה וגמ"ח.

[בענין "אסתכל באורייתא"]:

וידוע אז הסתכלות איז מיט אן עיון, ניט ווי ראי' סתם וואס קען זיין א ראי' שטחית. כמובן פון דעם וואס "אסור להסתכל בקשת"[12] (א הסתכלות בעיון), אע"פ וואס בכדי מאכן א ברכה אויף א קשת דארף זיין א ראי' בזה.

* * *

[בנוגע להמנהג לערוך "קידושא רבא" בשבת חזק]:

ב. מאיזה סיבה שתהי' האט מען דאס דא ניט געטאן. - אפשר וועט מען מיר "באשולדיקן" אין דעם (כרגיל בכמה ענינים, ובפרט ענינים פארבונדן מיט טירחא), אז צוליב דעם פארברענגען קען מען

9) שבת כא, ב. 10) ברכות ח, א. 11) "כולל חב"ד". 12) חגיגה טז, א.

ניט מאכן א קידוש, און וויבאלד איך פארברענג און מאך קידוש, איז מען שוין יוצא מיט דעם. און לאחרי דעם פארברענגען דארף זיך דער עולם גיין אפרוען כדי מ'זאל קענען דערנאך מתפלל זיין מנחה און דערנאך מעריב און עסן סעודת מלוה מלכה און עסן אנדערע סעודות וכו'.

בנוגע לפועל איז אבער פאראן געווג צייט נאך דעם פארברענגען צו מאכן נאך א התוועדות - און ניט יוצא זיין מיט דער התוועדות - און דארטן רעדן עניני תורה און אננעמען החלטות טובות וכו'. און הגם אז מ'האט שוין פארבראכט און גערעדט - זיינען געבליבן בל״ג ענינים וואס מ'קען נאך רעדן, ובפרט בא תלמידי חכמים בכלל און תלמידי תומכי תמימים בפרט - וואס בא זיי דארפן אלע ענינים זיין בתמימות ובשלימות.

[בענין אחדות ישראל]:

און אן אחדות באופן של התחזקות - "נתחזק", כמודגש אויך אין דער הפטורה פון פ' ויגש, אז די אחדות צווישן אלע שבטי ישראל (יוסף ויהודה) דריקט זיך אויס אין דער התאחדות פון "עץ יוסף" "עץ יהודה", "ועשיתים לעץ אחד והיו אחד בידי"[13] - וואס עץ איז מדגיש א תוקף, ובאופן גלוי - "בידי" - יד הנביא, און דורך דעם ידו החזקה של הקב"ה - וואס גלה סודו אל עבדיו הנביאים,

ביז אז עס ווערט "והיו לאחדים בידך"[14], אחדות כל ישראל - אלע י״ב שבטים - אונטער איין נשיא, משה רבינו, ובנדו״ד - דער רבי דער נשיא, כ״ק מו״ח אדמו״ר, און אזוי אויך - דער נשיא (משה) שבכל א' מישראל[15] (וואס צוליב דעם איז יראה מילתא זוטרתא היא[16]) - וואס משה איז א נשמה דאצילות (מלשון אצלו סמוך, עולם האחדות) און פועל'ט אחדות אויך אין די י״ב שבטים שבבי״ע.

ביז אז אלע אידן גייען בקרוב ממש - נאך פאר תפלת מנחה - אין ארץ הקודש, לביהמ״ק השלישי, "מקדש אד' כוננו ידיך" (ידו החזקה של הקב״ה),

און מ'וועט דארטן מאכן דעם סדר המערכה אין ביהמ״ק השלישי. ולהוסיף אז "אביי הוה מסדר סדר המערכה", וואס "אביי" איז ר״ת "אשר בך ירוחם יתום"[17], וואס דאס איז מרמז אויף יעדער איד

13) יחזקאל לז, טז ואילך. 14) שם, יז. 15) תניא פמ״ב. 16) ברכות לג, ב. 17) הושע יד, ד.

בזמן הגלות - וועלכער איז בבחי׳ ״יתום״, ״בנים שגלו מעל שולחן אביהם״[18] [וואס א שולחן אחד איז מאחד די אוכלים על שולחן זה, כמבואר אין די שיעורי רמב״ם פון ימים אלו: ״אנשי[19] חצר שהיו כולם אוכלים על שולחן אחד, אע״פ שכל אחד ואחד יש לו בית בפני עצמו, אין צריכין עירוב...מפני שהן כולן סומכין על שולחן אחד״; דורך דעם ווערט די אמת׳ע עירוב (ואחדות) צווישן אידן - עירוב אויך מלשון עריבות].

און די אחדות פון אידן איז מבטל סיבת הגלות, אזוי אז עס קומט גלייך די גאולה. און דעמולט ווערט די שלימות פון ״ויחי יעקב״, העכער נאך פון ״יעקב אבינו לא מת״. ולהוסיף אז אויך די שאלה אין גמרא[20] - ״יעקב אבינו לא מת...וכי בכדי ספדו ספדייא וחנטו חנטייא וקברו קברייא״ - איז אן ענין נצחי [כמבואר בכ״מ אז אויך א קס״ד בתורה איז נצחית, וכידוע די ראי׳ לזה פון שבועת משה ליתרו, וואס אע״פ אז דאס איז דערנאך בטל געווארן, קען מען אין דעם מתפיס זיין א נדר] - ווייל בסוף זמן הגלות איז ניטא קיין ארט אויף קלאגן און וויינען, ס׳איז אינגאנצן אומזיסט, ווארום מ׳ווערט פטור פון די אלע ענינים, און עס קומט גלייך די גאולה.

און מ׳איז מסיים מיט גיין אין א ריקוד של שמחה, א ריקוד ברגלים [מיט ביידע רגלים, רגל הימין און רגל השמאל - כנגד עשה טוב און סור מרע, אדער תגבורת החיות (פון צד השמאל)], באופן אז מ׳הויבט אויף די רגלים מעל הארץ, און דורך דעם - כל הגוף, אויך דעם ראש וגולגולת, ובאופן פון ״ארים נסי על ההרים״ [בהתאם לשנה זו - הי׳ תהי׳ (לשון נצחיות) שנת נסים], און מ׳זינגט א שמח״ת׳דיקן ניגון.

ביז אז אלע אידן טאנצן א ריקוד לקבל פני משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א התחיל לנגן ניגון שמח״ת דאביו ז״ל, ועמד מלא קומתו ורקד על מקומו בשמחה רבה].

* * *

ג. ס׳איז רגיל צו מסיים זיין אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה

---

18) ברכות ג, א. 19) הל׳ עירובין רפ״ד. וראה קונטרס משיחות ש״פ משפטים תשמ״ט ס״ז. 20) תענית ה, ב.

המשמח זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה, און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך. ויה״ר - כמדובר כמ״פ - אז מהם יראו וכן יעשו רבים בכו״כ מקומות ובכו״כ זמנים.

ועוד והוא העיקר - אז מ׳זאל מקיים זיין די החלטות טובות בפועל, און אננעמען נאך החלטות טובות,

ועוד ועיקר - והוא העיקר - אז גלייך דורך אננעמען די החלטות טובות זאל מען זוכה זיין צו דעם שכר פון דער גאולה האמיתית והשלימה, און אלע ידן גיען צוזאמען אין ארץ הקודש, צוזאמען מיט אלע בתי כנסיות ובתי מדרשות, און כולל אויך די בתים פרטיים [אע״פ וואס עיקר ושלימות התפלה איז דוקא בציבור בבית הכנסת, ועד״ז בנוגע צו לימוד התורה (כמבואר באגה״ק[21]), ועד״ז בנוגע צו החלטות טובות (כמבואר בקונטרס החלצו[22]), ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יהי״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

---

21) סכ״ג. 22) ס״ו.

לזכות
כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ שמות,
מבה"ח שבט
ה'תש"נ

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
שנת הארבעים לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ שמות, כ"ג טבת, מבה"ח שבט ה'תש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין נחמת בנ"י]:

א. וואס באמת איז ניטא קיין ביאור בשכל אנושי, און אפילו בשכל דקדושה - ווי מ'קען מנחם זיין אידן אויף דעם חורבן ביהמ"ק, אז עס זאל זיין אזוי ווי דער ביהמ"ק איז לכתחילה גע-ווען גאנץ, אדער עכ"פ אז גלייך לאחר החורבן זאל זי נבנה ווערן מחדש (ע"ד געתה הפרה פעם ב' שנולד מושיען של ישראל[1])...

עאכו"כ לאחרי וואס עס זיינען דורך טויזנטער יארן...

[בענין ואלה שמות בנ"י, ראובן ושמעון סלקין כו']:

ראובן ושמעון - כנגד ראי' ושמיעה - זיינען כולל אלע עניני העבודה. ובנדו"ד - אז יעדער זאך וואס א איד זעט אדער הערט דארף ער אין דעם מגלה זיין זיין דעם יו"ד - אלקות ("שמות").

* * *

[בענין שנת הארבעים]:

ב. וואס די שלימות פון "עינים לראות" וועט זיין לע"ל - "והיו עיניך רואות את מוריך"[2], און אזוי אויך די שלימות פון "לב לדעת" - די ידיעה והכרה אין אלקות, ווייל איצטער "אין אנו יכולים לעלות ולירואות ולהשתחוות לפניך".

[בענין הילולא דהרמב"ם בכ"ף טבת]:

וואס בשנה זו איז דאס ביום הרביעי, שבו נטלו המאורות און דערנאך - נתלו (מיט א תי"ו) המאורות, כידוע הפתגם בזה[3].

[בענין הגילוי דשם הוי' במ"ת]:

און אזוי ווערט אויפגעטאן שטענדיק - כידוע אז דער ענין פון מ"ת איז בכל יום, כמובן פון נוסח ברכת התורה וואס מ'זאגט בכל יום - "נותן התורה" לשון הוה (און דערנאך זאגט מען כמה ענינים אין תורה, תושב"כ ותושבע"פ, משנה וכו').

[בענין "אשרי יושבי ביתך"]:

אויך איצטער איז קדושה לא זזה ממקומה פון מקום המקדש[4], אבער

---

1) איכ"ר פ"א, נא. 2) ישעי' ל, כ. 3) חקו"ד ח"א לב, א. 4) ראה רמב"ם הל' ביהב"ח פ"ו הט"ו-טז.

ספר, קונטרס מאמר וכיו״ב]:

לימוד בספר הרמב״ם, ובפרט דורך זיך משתתף זיין מיט כו״כ מישראל וועלכע לערנען דעם שיעור היומי ברמב״ם בכל יום, מה טוב - ג׳ פרקים ליום, אדער עכ״פ פרק אחד ליום, אדער אין ספר המצוות.

און בנוגע צו דעם אלטן רבי׳ן - קובע זיין עתים בתורה אין לימוד שולחן ערוך און אין ספר התניא שלו. [ובפרט אז בזמן זה דארף מען האבן א הת-חזקות מיוחדת בזה]. כולל להשייכים לזה - דורך דעם מנהג פון כו״כ אז בכל יום קודם התפלה לערנט מען א פרק תניא[88] (על הסדר, אדער באופן אחר) - כל חד וחד לפום שיעורא דילי׳.

ונוסף אויף דער קביעת עתים בזה פון יעדערן באזונדער, איז אויך כדאי - איינפירן שיעורים ברבים אין לימוד שו״ע און תניא. און אפילו אין די ערטער וואו ס׳איז שוין דא א קביעות בזה - קען מען אין דעם מוסיף זיין בכמות ובאיכות.

ותלמוד גדול שמביא לידי מעשה - א הוספה אין דער עבודה פון דעם אלטן רבי׳ן, ובכללות - הפצת המעינות חוצה.

ולהוסיף, אז דאס אלעס דארף געטאן ווערן בזמננו אין אן אופן פון ״וארא״ - בגלוי ובפרסום (ניט באופן פון ״הצנע לכת״), ובפרט אז מצוה לפרסם עושי מצוה[89], בכדי אז אנדערע זאלן אויך זיך דערפון אפלערנ-ען (ובאופן פון קנאת סופרים **תרבה** חכמה[90]), נוסף אויף דעם וואס בשעת מ׳נעמט אן א החלטה ברבים ובפרסום, איז דאס מוסיף אין דעם תוקף פון קיום ההחלטה[91].

נוסף לזה - מאכן א התוועדות בקשר מיט כ״ד טבת, און דארטן לערנען מתורתו און אננעמען החלטות טובות בקיום ההוראות פון דעם בעל ההילולא. און אין די ערטער וואו מ׳האט שוין גע-מאכט א התוועדות - קען מען אין דעם מוסיף זיין בכמות ובאיכות ובפרסום.

ויה״ר אז דורך אננעמען די החלטות טובות בכל האמור - זאל דאס אליין שוין ברענגען דעם שכר, ביז דעם שכר האמיתי - די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, והקיצו ורננו שוכני עפר[92]: דער רמב״ם, דער אלטער רבי, און אלע רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו, ביז כ״ק מו״ח אדמו״ר, ותיכף ומיד ממש, תיכף ומיד ממש, תיכף ומיד ממש.

הע״י). וראה לקו״ת שלח מח, סע״ד ואילך) - וצדיקים דומין לבוראם.

88) ראה ס׳ השיחות ה׳ש״ת ע׳ 144. קונטרס משיחות ש״פ אחרי תשמ״ט.

89) רמ״א יו״ד סרמ״ט סי״ג. משו״ת הרשב״א ח״א סתקפ״א. מג״א בשו״ע או״ח סקנ״ד סקכ״ג.

90) ב״ב כא, א. ועוד.

91) ראה קונטרס החלצו תרנ״ט פ״י.

92) ישעי׳ כו, יט.

גלייך נאך דעם ״איצטער״ קומט מען צו דער גאולה - און מ׳האט דעם בית המקדש בפשטות דא למטה.

* * *

[סיום שיחה ג׳, בהמשך לענין מצוה לפרסם עושי מצוה]:

ג. דערפאר זאלן די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח ארויפגיין אויבן און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט, ומהם יראו וכן יעשו רבים, די וואס האבן דערווייל ניט געטאן, און די וואס האבן שוין געטאן - זאלן מוסיף זיין בזה.

און די אלע ענינים זאלן מוסיף זיין אין דער הכרעה פון כל העולם כולו לכף זכות, ומביא לו ולעולם תשועה והצלה, בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - צוה כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״שיבנה ביהמ״ק״.

אח״כ עורר ע״ד עריכת התוועדות בכ״ד טבת בכל מקום האפשרי.

ואח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

לזכות

הילד אברהם שמעון שיחי׳

לאורך ימים ושנים טובות

לרגל הכנסו לבריתו של אאע״ה

יום ג׳, כ״ו טבת תש״נ

ולזכות

אחיו ואחיותיו

יחזקאל מאיר, יעקב שמואל,

טויבא אסתר, נתן נטע שיחיו

נדפס ע״י הוריהם

הרה״ת ר׳ **שלמה** וזוגתו מרת **שיינא** שיחיו

אזגוי

זקניהם

הרה״ת ר׳ **יוסף** וזוגתו מרת **פרחה** שיחיו **אזגוי**

הרה״ת ר׳ **דוד** הלוי וזוגתו מרת **לאה** שיחיו **איידלמאן**

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד. טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213

TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ וארא, ר״ח שבט
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ וארא, ר"ח שבט ה'תש"נ.

הנחת התו' בלתי מוגה

[בענין מ"ת שחוזר ונשנה בזמן מתן תורתנו בכל שנה]:

א. און די השפעה פון זמן מתן תורתנו ווערט נמשך על כל השנה ביז זמן מתן תורתנו בשנה הבאה, כמובן פון דעם ביאור אין לקו"ת (פ' ברכה[1]) אז די המשכה פון די שלשה רגלים ווערט נמשך ביז דער רגל הבא.

[בענין ירושת ארץ ישראל ("והבאתי אתכם אל הארץ גו' ונתתי אותה לכם מורשה")]:

ולאחרי וואס דער אויבערשטער האט דאס אפגעגעבן אידן [בלשון רש"י[2]: "ברצונו נטלה מהם ונתנה לנו"] - וכל הנותן בעין יפה נותן[3], און אפגעגעבן אלס א "ברית עולם" - קען קיינער אויף דעם ניט מוותר זיין ח"ו.

[בענין "אתם אפילו מזידין"]:

חסידות איז מסביר[4], אז דאס ברענגט ארויס גודל חביבותן של ישראל, אז זיי האבן דעם כח צו קובע זיין דעם חודש (אפילו אנדערש פון דער מציאות). וכמובן, אז אזוי איז אויך לדעת הרמב"ם (כאטש ער ברענגט ניט די גירסא "מזידין"), וכמובן אויך פון סיום הל' קידוש החודש שלו בנוגע צו די חשבונות הלבנה אז "אחת מהן לא נעדרה", ובמכ"ש וק"ו בנוגע צו אידן אליין, הדומין ומונין ללבנה[5], אז זיי זיינען בתכלית השלימות.

[בענין ההוראה משפ וארא, שבת ר"ח]:

ובפרט געפינענדיק זיך אין א התוועדות אין דעם ביהכנ"ס וביהמ"ד (מקום שמגדלין בו תורה ותפלה[6]) פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וואו ער האט געווען עבודתו במשך עשר שנים האחרונות פון חיים חיותו בעלמא דין, וקדושה לא זזה ממקומה[7] - ער געפינט זיך מיט אונז צוזאמען, און איז מסייע און גיט כח אין דער עבודה.

---

1) צח, ב. וראה סה"ש תשמ"ח ח"א ע' 170 הערה 5. 2) ר"פ בראשית. 3) ב"ב נג, א. וש"נ. 4) המשך תער"ב ח"ג ע' א'תג. 5) סוכה כט, א. ב"ר פפ"ו, ג. זח"א רלו, ב. 6) מגילה כז, א. 7) ראה אגה"ק ביאור לסי' זך. ועוד.

[בענין הגאולה]:

ס׳איז ניט געגוג דער רעדן וועגן דעם - אז ״אני מאמין״, און ״עד מתי״, און מ׳זינגט עס מיט א ניגון בשמחה כו׳ - נאר מ׳דארף האבן די גאולה בפועל ממש, ותיכף ומיד ממש, נאך ביום שבת זה!

און בנוגע די שאלות בזה בנוגע צו תחומין וכיו״ב - האט מען שוין גערעדט כמ״פ, אז משיח וועט זיכער פארענטפערן די אלע שאלות. ובאמת - וועט מען גאר דעמולט ניט ליגן אין שאלות, נאר אין דער גאולה!...

* * *

[כ״ק אדמו״ר שליט״א פנה אל האורחים שיחיו, ואמר: זאלן די אורחים (און דער עומד על גביהם) זאגן ״לחיים״. ואח״כ התחיל לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל].

* * *

[בענין מפקחין על צרכי ציבור בשבת]:

ב. ״מפקחין״ מלשון פתיחה חדשה, און אויך מלשון פקחות, ובהדגשה אין שנת ארבעים - ווען דער אויבערשטער גיט ״לב לדעת״.

[בענין ״כל הנוטל פרוטה מאיוב מתברך״]:

ווי די גמרא זאגט אין בבא בתרא. - ביז אז מ׳קומט צו דער סיום פון דער ״בבא בתרא״ אין גלות - ״הדרן עלך כו׳״, אבער ניט קיין ״הדרן ארוך״, נאר די אריכות איז אין דער גאולה - ״כשם שעזרתני לסיים מסכת בבת בתרא כן תעזרני להתחיל כו׳״ - התחלת הגאולה, גאולה האמיתית והשלימה.

* * *

ג. ס׳איז רגיל צו מסיים זיין, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח, זאלן ארויפגיין למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך [און וויבאלד אז ס׳איז שבת, זאל מען טיילן א חלק פון דער משקה דא], ומהם יראו וכן יעשו רבים, די וואס האבן נאך ניט געטאן פעולות כיו״ב, און די וואס האבן יע געטאן - זאלן מוסיף זיין אין זייערע פעולות, כולל ובמיוחד אין דעם ענין וואס מ׳האט פריער גערעדט - צו מייסד זיין נייע מוסדות אדער מרחיב זיין די מוסדות.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

און דאס זאל זיין א הכנה קרובה צו די גאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש!

- עס זיינען דא די תמהים וואס וואונדערן זיך אויף דעם וואס בא יעדער געלעגנהייט איז מען מכריז, אז די גאולה האמיתית והשלימה קומט תיכף ומיד ממש.

- זיי האבן זיך איינגערעדט אז בא זיי איז אלץ מוקשה, במילא האבן זיי אויף יעדער זאך א פארטיקע קשיא!... דער עיקר איז אבער ניט די קשיא נאר דער תירוץ:

יעדער איד איז א מאמין בן מאמין, ער גלויבט אז משיח וועט זיכער קומען. און לויט אלע סימנים אין סוף מס' סוטה - איז א זיכערע זאך אז ער האט שוין געדארפט קומען, און ווי די גמרא זאגט אז ס'איז שוין "כלו כל הקצין"; ובמילא גלויבט א איד אז ער וועט קומען תיכף ומיד ממש!

[ובהמשך לזה דובר ע"ד מאמר אדה"ז המבאר ענין אריכות הגלות. ואמר על זה:]

זיכער וועט מען מעיין זיין און זיך מתבונן זיין אין דעם מאמר [וואס מאיזה סיבה איז דאס ניט נתפרסם געווארן כראוי, ומסתמא וועט מען דאס מפרסם זיין], וואס דורך דעם קומט צו אויך דער געלעגנהייט צו לערנען נאך א מאמר פון דעם אלטן רבי'ן, ובפרט קומענדיק איצטער פון יום הילולא שלו בכ"ד טבת, ווען כל מעשיו ועבודתו איז פועל ישועות בקרב הארץ, וואס דער אמת'ער "קרב הארץ" איז - גלות;

און אידן האבן דעם כח, ובפרט אין שנת הארבעים, צו בעטן און אויספירן אז עס זאל קומען די גאולה, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון ההקפות דאביו ז"ל.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

לזכות

החתן הרה״ת ר׳ **שניאור זלמן משה** שיחי׳

והכלה מרת **עטא שפרה** תחי׳

דריזין

לרגל נישואיהם בשעטומו״צ

ביום ב׳, ג׳ שבט

תהי׳ שנת **ניסים**

■

נדפס ע״י הוריהם

הרה״ח הרה״ת ר׳ **שלום דובער** וזוגתו מרת **שושנה** שיחיו

דריזין

הרה״ת הרה״ת ר׳ **אברהם ברוך** וזוגתו מרת **חיה רייזל** שיחיו

גליק

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד.
טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

בס"ד. שיחת מוצאי יום ד', ה' שבט, ה'תש"נ
- אחרי תפלת ערבית -

הנחה פרטית בלתי מוגה

א. יום זה (יום הרביעי) הוא ההתחלה ד"מעלי שבתא" - השבת ש"מיני' מתברכין כולהו יומין", כל ימי השבוע שלאח"ז, ועאכו"כ - ימים הראשונים של השבוע (שהם בתוך ג' ימים לאחרי השבת), ובנדו"ד - **יו"ד שבט**, כאשר נעשה ארבעים שנה שאז "קאי איניש אדעתי' דרבי'", ו"נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע".

ומזה מובן, שיש להתחיל ההכנות לזה בימים אלו ד"מעלי שבתא", כל יום לפום שיעורא דילי', **ויותר** משיעורא דילי', כך שיום השבת (יום הקדוש שמיני' מתברך יו"ד שבט) תהי' כדרוש.

וזה נעשה הכנה קרובה ל"העשירי יהי' קודש" - גאולה העשירית ושירה העשירית, ובפרט שמקשרים זה במצות הצדקה. ובפשטות - גאולה האמתית והשלימה על ידי משיח צדקנו בקרוב ממש, עוד בהתחלת "מעלי שבתא", ובדרך ממילא - "ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלקים בציון" בהימים שלאח"ז.

מתחיל כאמור, מיום הרביעי עצמו, ובפרט בעמדנו לאחרי תפלת ערבית ואמירת "אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך" - שכן יהי' בפועל ובפשטות, ש"בנערינו ובזקינינו בבנינו ובבנותינו" נלך לאה"ק, ולירושלים עיה"ק, ולהר הק', ולביהמ"ק, ולקודש הקדשים - שאז יהי' אמיתית הענין ד"ישבו ישרים את פניך".

[כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן לכאו"א שלשה שטרות של דולר, כדי לתת אותם (או חילופם) לצדקה].

*

בס"ד. שיחת אור ליום ועש"ק, ז' שבט, ה'תש"נ
- אחרי תפלת ערבית -

הנחה פרטית בלתי מוגה

לילה זה הוא ערב שבת - השבת ד"מיני' מתברכין כולהו יומין", כולל ובמיוחד - יום ה"יארצייט" דכ"ק מו"ח אדמו"ר שנת הארבעים, כאשר "נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע".

וכיון ד"טרח בערב שבת יאכל בשבת", מובן, שההכנה לשבת זו מתחיל בלילה זה.

ויהי רצון, שזה תהי' בהצלחה רבה ומופלגה, ואמיתית ההצלחה בזה היא - שמביא תיכף ומיד גאולה האמיתית והשלימה, שאז יהי' תכלית השלימות ד"לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע" - כי, "לב לדעת וגו'" קאי בכלל על הג' מוחין, ועיקר העבודה במוחין תהי' לעתיד לבוא (משא"כ עיקר העבודה עתה היא בהז' מדות), ותיכף ומיד בהתחלתו (כמדובר כמ"פ).

וכל זה - מתוך שמחה וטוב לבב, נשמות בגופים, ו"ילכו מחיל אל חיל" עד "יראה אל אלקים בציון", עוד במוצאי יום חמישי, אור לועש"ק - שנת הארבעים. ו"בנערינו בזקיננו בבנינו ובבנותינו", "וארו עם ענני שמיא", לאה"ק, ולירושלים עיה"ק, להר הק', לביהמ"ק ולקה"ק, תיכף ומיד ממש.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן לכאו"א שטר של דולר, כדי לתת אותו (או חילופו) לצדקה].

*

שיחת
ש״פ בא,
ח׳ שבט
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ בא, ח' שבט ה'תש"נ.

הנחת חתי' בלתי מוגה

א. לכל לראש איז דאס שבת פ' בא, וכפתגם פון דעם אלטן רבי'ן[1] - דארף מען לעבן מיט דער צייט, ד.ה. מיט פרשת השבוע. און אין דער פרשה עצמה - מיט דעם חלק וואס איז שייך צו דעם יום. ובנדו"ד - יום השבת - דארף מען לעבן (ניט נאר מיט דעם חלק השביעי פון דער פרשה וואס איז שייך צו יום השביעי, נאר) מיט כל הפרשה - ווארום דעמולט לייענט מען די גאנצע פרשה, אלע שבעה חלקים כנגד די שבעת ימי השבוע.

און דער טעם אויף דעם איז מובן פון דברי חז"ל[2], אז "מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת", אז דער יאכל פון שבת ווערט אויפגעטאן דורך דער טירחא אין ערב שבת, וואס דאס מיינט (ניט נאר יום השישי, נאר) אלע טעג פון וואך,

ובפרט לדברי בית שמאי: זכור את יום לקדשו גו' דרשו בית שמאי שתהא זוכרו מאחד בשבת שם נזדמן לו חלק יפה תהא מתקנו לשבת, ואמרו עליו על שמאי הזקן שכל ימיו הי' אוכל לכבוד שבת, כיצד מצא בהמה נאה לוקחה ואומר זו לשבת כו'[3].

ואע"פ אז "הלל[3] הזקן מדה אחרת היתה בו", און ס'איז א כלל אז הלכה כבית הלל - זאגט די גמרא[4] "מפני מה זכו ב"ה לקבוע הלכה כמותן, מפני שנוחין ועלובין היו ושונין דבריהן ודברי ב"ש, ולא עוד אלא שמקדימין דברי ב"ש לדבריהן", וי"ל אז דאס וואס ב"ה "מקדימין דברי ב"ש לדבריהן" איז ניט נאר צוליב עניוות, נאר וויבאלד אז ס'איז דא א מעלה וקדימה אין דברי ב"ש, און די מעלה באשטיט אין דעם וואס "שמאי" איז מלשון "השם אורחותיו"[5], "דהיינו ששוקל דרכיו איך ומה הוא"[6], ער שאצט אפ יעדער זאך אז דאס זאל שטימען מיט תורה.

און אע"פ אז די הלכה איז ניט כבית שמאי - יש לומר דעם טעם, ווייל היא הנותנת: וויבאלד אז הנהגת ב"ש איז אן עבודה נעלית - דעריבער איז דאס ניט שייך און ניט בכח פון יעדער איד. און דערפאר איז די הלכה ניט כמותו, ווייל הלכה איז א הנהגה וואס איז שייך ובכח פון יעדער איד. וכמוכח דערפון וואס לע"ל וועט

---

1) "היום יום" ב' חשון. ועוד. 2) ע"ז ג, א. 3) שו"ע אדה"ז סרמ"ב ס"י. 4) עוריבן יג, ב. 5) מו"ק ה, סע"ב. 6) לקו"ת שה"ש מח, רע"ג.

זיין די הלכה כבית שמאי[7], ווייל דעמולט וועלן אידן נתעלה ווערן און שטיין בתכלית השלימות, דערפאר וועלן זיי אלע זיין שייך צו זיך פירן כבית שמאי.

[בענין מעלת הביטול דמנפשי׳ כרע, כריעה והשתחוואה אל הרגל]:

ב. ביז באופן פון ״משתחוים לאבק רגליהם״[8], כמדובר אמאל דער ענין למעליותא אין קדושה - אז דאס גייט אויף תכלית הביטול, אז זיין ראש (ושכל) איז זיך משתחוה צו דעם רגל ביז דעם עקב שברגל און דער אבק על הרגל ועקב שברגל, און דוקא דורך דעם ווערט ״והי׳ עקב תשמעון״[9], אז דוקא אין עקב ווערט תשמעון, די מעלה פון פשיטות וואס דוקא דאס נעמט פשיטות העצמות.

אזוי איז אויך אין עקב בזמן - דרא דעקבתא דמשיחא[10], אז דוקא דעמולט קומט די גאולה האמיתית והשלימה, וואס דוקא זי ווערט אנגערופן ״אמיתית והשלימה״, וויבאלד אז זי איז די העכסטע דרגא אין גאולה, און דאס קומט דוקא פון עקבתא דמשיחא.

ובעבודת האדם - איז דאס דער ענין הביטול, די אמונה פשוטה וואס איז דא בא יעדער איד, ווי עס שטייט בגלוי ביי אן איש פשוט (וואס דערפאר איז דוקא ער נעמט פשיטות העצמות). - א בר שכל, טראכט זיך פריער אריין און איז זיך מתבונן אין יעדער זאך, און ערשט דערנאך קומט ער צו אמונה, משא״כ אן איש פשוט - איז ביי אים גלייך דא די אמונה פשוטה בגלוי. און די כוונה איז, אז דאס זאל נתגלה ווען בא יעדער איד, אויך א מורם שבעם וכו׳ - ווי דאס איז געווען בא יצי״מ, אז אלע אידן זיינען דעמולט געווען ״צבאות הוי״׳, בתכלית הביטול פון אן איש צבא. און כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות - בגאולה העתידה לבוא, אבער - תיכף ומיד ממש.

און דורך דעם - דער ביטול און פשיטות בא יעדער איד (וואס דריקט זיך אויס אין ״צבאות הוי״׳) - ווערן אלע אידן פאראייניציקט, וואס די אחדות איז מבטל סיבת הגלות[11], און בגאולה האמיתית והשלימה ווערט נתגלה אחדות אמיתית דא למטה, וביחד עם זה - ווערט עס נמשך אין די התחלקות צווישן אידן, וואס אויך לע״ל וועט זיין די התחלקות, כמובן דערפון וואס דעמולט וועט זיין חלוקת הארץ.

---

7) מק״מ לזח״א יז, ב. לקו״ת ד״ה ויקח קרח ספ״ד. 8) ל׳ רש״י ר״פ וירא. 9) ר״פ עקב. 10) ראה אוה״ת ר״פ עקב. 11) יומא ט, ב.

און די הכנה לזה איז דורך דער עבודה איצטער אין ״תהיו אתם ארץ חפץ״[12], די זריעה בארץ (און די אנדערע ל״ט מלאכות) וואס מ׳טוט אויף נאך אין זמן הגלות, ובאופן פון ״תהיו לי״, בהווייתא תהא, לנצח ולעד עולמים, וואס דורך דעם ווערט צמיחת הגאולה; און אין דעם דארף זיין נוסף צו דער אחדות פון אלע פרטים, אויך די עבודה פרטית (ווי דער מיטעלער רבי איז מבאר), כולל די התחלקות פרטית צווישן אידן, ובכללות - די עשר סוגים פון ״ראשיכם שבטיכם״ ביז ״חוטב עציך ושואב מימיך״, און זיי אלע שטייען באחדות - ״אתם נצבים היום כולכם לפני ה׳ אלקיכם״.

ובפרט שטייענדיק אין עקבתא דמשיחא גופא - אין שנת תש״נ (באלף הששי), וואס דאס שוין לאחרי חצות פון דעם אלף[13], כמבואר אין רמב״ן[14], אז שי שיתא אלפי שנין זיינען כנגד די ששת ימי בראשית, און אלף הששי איז כנגד יום הששי. ועפ״ז איז מובן, אז כשם ווי יום הששי איז אויך כולל און דער סך-הכל פון אלע ימים שלפנ״ז (נוסף אויף דעם וואס ער איז א יום פרטי), אזוי איז אויך דער אלף הששי כולל אלע אלפים שלפנ״ז.

ובפרט, כאמור, אין דעם אלף הששי גופא - בשנת תש״נ, וואס איז לאחרי חצות היום, ווי דאס האט זיך שוין אנגעהויבן בתחלת השנה - פון ראש השנה תש״נ. ובפרט אז בשנה זו איז יו״ט של ר״ה חל להיות בשבת, וואס דאס איז ממשיך שמחה (ביום שמחכתם אלו השבתות[15]) ועונג (וקראת לשבת עונג[16]) בכל השנה כולה, און דאס ווערט אויך די הכנה צו דעם יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים.

און דערצו איז תש״נ אויך ר״ת תהא שנת נסים [און דאס קומט נאך שנת תשמט ידיך, און לפנ״ז - שנת הקהל, כמדובר כמ״פ], אנהויבנדיק פון נס לשון יחיד - דער נס הגאוה, און דערנאך נסים לשון רבים, ונסי נסים - אלע נסים פרטיים.

ג. ובפשטות - אז תיכף ומיד ממש גייען אלע אידן, ״בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו״, ארויס פון גלות, כימיך צאתך מארץ מצרים, און מ׳גיט אלע אין ארץ ישראל - ווי עס רעדט זיך בסיום הפרשה[18]: ״והי׳ כי יביאך ה׳ אל ארץ גו׳״, און תורה חדשה מאתי תצא, וואס דאס איז פארבונדן מיט תפילין (וואס רעדט זיך בסוף

12) מלאכי ג, יב. 13) ראה קונטרס משיחות ש״פ וארא ס״ט. 14) בראשית ב, ג. 15) בהעלותך י, י ובספרי שם. 16) ישעי׳ נח, יג. 17) תמיד בסופה. 18) יג, ה; יא.

הפרשה) - הוקשה כל התורה כולה לתפילין*[18], וואס די שלימות דערפון וועט זיין לע״ל - כמצות רצונך[19], ובפרט לדברי הרמב״ן[20] אז (קיום ה)מצוות בזמן הזה זיינען אזוי ווי ״ציונים״ בערך צו די מצוות לע״ל - במילא וועט דעמולט צוקומען א חידוש אין ענין התפילין, אזוי ווי דער חידוש אין כללות התורה והמצוות - תורה חדשה מאתי תצא.

און דאס אלץ איז נכלל און הויבט זיך בא יצי״מ ומ״ת, כידוע אז מ״ת וועט ניט זיין נאכאמאל, ניט ווייל ״מ׳זשאלעוועט״ ח״ו, נאר ווייל אין מ׳דארף דערצו ניט אנקומען ווארום בא מ״ת איז אלץ געגעבן געווארן.

און די התחלה פון מ״ת איז געווען בא יצי״מ ווען אלע אידן זיינען ארויס פון מצרים ״על צבאותם״[21], ווי אידן זיינען העכער פון (על) צבאותם, ווארום זיי זיינען העכער פאר כל ענין הספירות והשמות, כולל די שמות שאינם נמחקין, עאכו״כ ווי זיי קומען אראפ למטה, כולל שם צבאות אלס שם קדוש - ווי ס׳האט זיך אויפגעטאן דורך חנה, וועלכע איז געווען די ערשטע וואס האט גערופן דעם אויבערשטן בשם צבאות[22].

ולהעיר אז די הפטורה פון ר״ה איז וועגן תפלת חנה, וסיומה - מיטן פסוק ״וירם קרן משיחו״, און אזוי וועט בפועל: דער גילוי ניצוץ של משיח אין יעדער איד, אנשים נשים וטף, ובפרט ווי מ׳געפינט זיך איצטער אין א ביהכנ״ס וביהמ״ד - ווערן אלע אידן פאראייניקט, די אנשים אין עזרת אנשים און די נשים אין עזרת נשים, דאע״פ וואס ס׳איז דא א מחיצה ביניהם, איז א מחיצה ע״פ תורה ניט מפסיק, נאר מאחד, מאחד די אנשים בעזרת אנשים, די נשים בעזרת נשים און טף בעזרת טף - אז עס ווערט איין ״עזרת ישראל״, און דערפון קומט מען צו ברכת גאל ישראל - די גאולה, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים,

ובפרט שטייענדיק אין דעם שבת און די שלשה ימים פאר עשירי בשבט (היינט איז ח׳ שבט, דערנאך קומט ט׳ שבת און י׳ שבט),

און מ׳גייט אלע צוזאמען אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ״ק השלישי, ולקדש הקדשים, ותיכף ומיד ממש.

* * *

---

*18) קידושין לה, א. 19) תפלת מוסף. 20) אחרי יח, כה. וראה ספרי עקב יא, יז. 21) פרשתנו יב, נא. 22) ברכות לא, ב. וראה תו״א ריש פרשתנו.

ד. אין (שבת) פ׳ בא קומט צו א הוספה בכל שנה ושנה - ״מעלין בקודש״[23], ובפרט אז בינתיים איז צוגעקומען אין לימוד התורה, תושב״כ ותושבע״פ (תורה בפירושה ניתנה), וואס דורך לימוד פון איין ענין אין תורה קומט צו הבנה אין אלע ענינים בתורה, כולל אויך אין תושב״כ, ואדרבה - ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא[24], און ניט בלויז באופן רמז, נאר באופן גלוי, ווי מ׳זעט עס אין די פסוקים וואס ברענגען זיך אין גמרא מיט פירושו אין תושבע״פ.

ובמיוחד בש״פ בא בשנה זו - שנת הארבעים, ווען ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״.

[בענין החיבור דכלל ופרט:]

ה. אזוי איז אויך בנוגע צו אידן: אידן טיילן זיך אויף כמה סוגים. און ביחד עם זהנ זיינען זיי א קומה אחת שלימה. און די שלימות איז בשעת מ׳האט ביידע ענינים און מעלות צוזאמען: ווי יעדער איד שטייט אלס א פרט, און טוט עבודתו בענינו ובמקומו הוא (איין זיין ארגון פרטי, אדער א תלמיד אין ישיבה, וכיו״ב), יעדערער מיט זיין מעלה (דיש בזה מה שאין בזה); און צוזאמען דערמיט - די מעלה וואס קומט צו דורך א ציבור (כמבואר בקונטרס החלצו[25]), און ווי די גמרא זאגט[26], אז בשעת צוויי הויבן אויף א משא, קענען זיי אויפהויבן מער ווי צוויי מאל אזויפיל, עאכו״כ מער ווי צוויי, ביז עשרה מישראל - וואס דעמולט איז ונקדשתי בתוך בני ישראל[27]: די מעלה פון כולם יחד, און צוזאמען דערמיט ווי יעדערער האט דעם ענין פון מסירת נפש (וואס מ׳לערנט אפ פון דעם פסוק[28]), אז ער איז מוסר נפשו (הפרטי), אזוי אז דאס איז כל מציאותו.

[בענין החידוש שנעשה בארבעים שנה - שנעשה מציאות חדשה:]

דאס הייסט ס׳איז ניט נאר אז בארבעים שנה קומט מען צו ״שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה״ - דער חידוש וואס קומט צו מצד דעם וואס דער אויבערשטער איז מחדש די בריאה בכל רגע ורגע (כתורת הבעש״ט, וכמבואר אין שעהיוה״א[29], מיט הוכחות שכליות, אזוי אז אויב איינער נעמט עס ניט אן איז דאס ניט נאר היפך האמונה נאר היפך השכל), נאר דער חידוש וואס קומט פון ״דעתי׳

23) ברכות כח, ב. וש״נ. 24) ראה תענית ט, א. 25) פ״ט ואילך. 26) סוטה לג, ב. 27) אמור כב, לב. 28) רמב״ם הל׳ יסוה״ת רפ״ה. 29) פ״א ואילך.

דרכי״, שלמעלה פון דער בריאה.

* * *

[בהמשך להוראות ע״ד עשירי בשבט]:

ז. און דערפון קומט מען דערנאך צו שעם שבת שלאחרי זה, וואס בשנה זו איז דאס חמשה עשר בשבט, ווען קיימא סיהרא באלשמותא פון גאנץ חודש שבט - וכמנהג ישראל צו עסן דעמולט פון פירות הארץ, אדער פירות שנשתבחה בהן ארץ ישראל.

און ס׳איז אויך שבת שירה, שירת משה ובני ישראל ושירת מרים ונשי ישראל, כולל שירת דבורה (אין דער הפטורה).

ויה״ר אז נאך פאר שבת שירה, זאל שוין קומען די גאולה, און מ׳וועט האבן די שירה העשירית.

ותיכף ומיד ממש, נאך אין דעם שבת, פאר תפלת מנחה (וואס אליהו לא נענה אלא בתפלת המנחה[30]), ובפרט מנחת שבת - ״ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון״, ווען אלע כ״ד בתי דינים זיינען פארמאכט, ואדרבה - זיי פסק׳נען אפ אז משיח דארף גלייך קומען. ולהוסיף אז דער מספר כ״ד איז כנגד די כ״ד צירופי שם אד׳, און אין זיי ווערט נתגלה די י״ב צירופי הוי׳, ובעבודה - דער חיבור פון נשמה (משם הוי׳) און גוף (משם אד׳),

אז די גאולה קומט תיכף ומיד ממש בזמן תפלת מנחה זה, בזמן בין הערביים - זמן הדלקת המנורה והקרבת תמיד בין הערביים, ונאכל שם מן הזבחים (און ווען עס קומט פסח - מן הפסחים), און ווי מ׳זאטג קודם התפלה: ״אביי הוה מסדר סדר המערכה״, ולהעיר, אז ״אביי״ איז ר״ת ״אשר בך ירוחם יתום״[31], וואס בזמן הגלות איז יעדער איד אזוי ווי א יתום - שגלו מעל שולחן אביהם[32],

און דערנאך זאגט מען ״אנא בכח״, ביזן סיום ״ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד״, דער גילוי פון שם הוי׳ דאצילות בי״ע[33], ביז אז הוי׳ אחד ושמו אחד[34], כששאני נכתב כך אני נקרא[35],

ביז מ׳קומט צו סיום התפלה - ״עלינו לשבח״, און ״אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך״[36].

און דערנאך - במוצאי שבת - אמירת ״ויתן לך״, ביזן סיום - ״ה׳ יברך את עמו בשלום״[37], ״וכל בניך לימודי ה׳ ורב שלום

---

30) ברכות כט, א. 31) הושע יד, ד. 32) ברכות ג, א. 33) תו״א פט, ג. ובכ״מ. 34) זכרי׳ יד, ט. 35) חגיגה יג, ב. 36) תהלים קמ, יד. 37) תהלים כט, יא.

בניך״[38], וואס זיי זיינען ״מרבים שלום בעולם״[39], אויך אין עולם מלשון העלם והסתר,

וכל זה - תיכף ומיד ממש.

* * *

ח. ס׳איז רגיל צו מסיים זיין אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח - זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן ווס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים, אזוי אז עס זאלן צוקומען א ריבוי מאוערות של שמחה,

און מ׳וועט אלע גיין אין ארץ הקודש, לירושלים עיר הקודש, להר הקודש, ולביהמ״ק השלישי, בגאולה האמיתית והשלימה, מתוך שמחה וטוב לבב.

[לאחרי ילוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יהי״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

---

38) שם נד, יג. 39) סוף ברכות. וש״נ.

לזכות

הת׳ **יוסף** שי׳ **חאריטאן**

לרגל הכנסו לעול מצוות בשעטומו״צ

ביום ג׳ שהוכפל בו כי טוב,

י״א שבט **ת**הא **ש**נת **נ**סים

*

ולזכות אחיו ואחיותיו

מנחם מענדל, שניאור זלמן, נפתלי צבי הירש,

שלום דובער, לאה וחי׳ מושקא

שיחיו

■

נדפס ע״י הוריהם

הרה״ח הרה״ת ר׳ **יצחק יעקב**

וזוגתו מרת **רחל יהודית**

שיחיו

חאריטאן

- ווינִיפּעג, קאנאדא -

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד. טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

ובפרט שטייענדיק נאך ארבעים שנה פון יו״ד שבט, ווען ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״[5], ובאופן פון ״קאי״ - אן עמידה בתוקף, בהתאם צו בחי׳ איש האמיתי, און דאס ווערט בכח זה וואס ״נתן ה׳ לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״[6]. און דאס אלץ אין אן אופן פון ״יוסף״ - יוסף ה׳ לי בן אחר[7], און ״יצחק״ - כל השומע יצחק לי[8], מתוך צחוק ושמחה.

[בענין בחי׳ גורל שבנשמה של כאו״א מישראל]:

כידוע די ג׳ ענינים וואס זיינען דא בכאו״א - חלקנו, גורלנו, ירושתנו, ווי מ׳זאגט בכל יום בבוקר נאך קודם התפלה (וואס דאס באווייזט אז די ג׳ ענינים זיינען פאראן בא יעדער איד נאך פאר זיין עבודה ותפלה).

* * *

ב. ס׳איז רגיל צו מסיים זיין, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח, זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים - די וואס האבן דאס דערווייליע ניט געטאן, און די וואס האבן שוין געטאן דוגמתם - קענען אין דעם מוסיף זיין - בבחי׳ קנאת סופרים תרבה כו׳[9], באופן של הוספה כהנה וכהנה.

און דאס וועט נאכמער מוסיף זיין אין ברכת ה׳ צו אידן אין אלע זייערע ענינים, ביז - די גאולה האמיתית והשלימה, והיו עיניך רואות את מוריך[10], און אויך ״יראה כהן בציון״ - אהרן הכהן און משה אחיו און מרים הנביאה (וואס זי האט געזונגען שירה מיט די נשים) - די ג׳ רועים[11],

און עס וועט מקויים ווערן ווי מ׳זאגט נאך ברכת החודש - ״אשרי יושבי ביתך״, אין דעם בית האמיתי - ״מקדש אד׳ כוננו ידיך״, ביז ״כל הנשמה תהלל י-ה״,

ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות (כולל ההכרזה כו׳ ע״י הגבאי של גמ״ח) - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

---

5) ע״ז ה, ריש ע״ב. 6) תבוא כט, ג. 7) ויצא ל, כד. 8) וירא כא, ו. 9) ב״ב כא, א. 10) ישעי׳ ל, כ. 11) ראה תענית ט, א.

בס"ד. ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א
אחרי תפלת מנחה
יום א' פ' בשלח, ערב יו"ד שבט ה'תש"נ

- בו ימלאו ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א -
בעת מסירת דברי ברכה שנתקבלו מארץ הקודש,
ומסירת חוברת של ארבעים שנה חב"ד בארץ הקודש.

הנחת התי בלתי מוגה

[לאחרי שהר' יוסף יצחק הכהן גוטניק והר' ארי' ליב קפלן שיחיו מסרו לכ"ק אדמו"ר שליט"א מכתבי ברכה וחוברת הנ"ל, וברכת הר' גוטניק - אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א:]

ה' ימלא משאלות לבב כל אחד ואחת, פון די חתומים כאן און אינם חתומים כאן (און די וואס האבן געוואלט חתמ'נען און האבן ניט געקענט מאיזה סיבה שתהי') - אז ואברכה מברכיך[1]: ממלא זיין משאלות לבבם לטובה בברכתו של הקב"ה, שתוספתו מרובה על העיקר[2].

ובפרט אז דאס איז פארבונדן מיט דעם "עת רצון" פון יו"ד שבט - העשירי יהי' קודש[3], דער יום ההילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, ווען כל "עבודתו אשר עבד כל ימי חייו" ווערט נתגלה און איז "פועל ישועות בקרב הארץ"[4].

עס זאלן זיין בשורות טובות תמיד כל הימים, אנהויבנדיק פון דער בשורה טובה העיקרית - אז הנה זה משיח צדקנו בא[5] תיכף ומיד ממש,

"והקיצו ורננו שוכני עפר"[6], ובתוכם - דער בעל ההילולא פון יו"ד שבט, און די בעלי ההילולא פאר אים, און בכל הענינים וואס אין זיי דארף זיין "הקיצו ורננו שוכני עפר".

און אלע אידן, "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[7], צוזאמען מיט אלע מוסדות, ובפרט די מוסדות חדשים, צוזאמען מיט כל בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל[8] (גלות) - זאלן גיין לארצנו

---

1) לך יב, ג. וראה סוטה לח, ב. ירושלמי ברכות ספ"ח, הובא בתוד"ה ואברכה - חולין מט, א. שיחת ש"פ וישלח, י"ד כסלו תשכ"ט (לקו"ש ח"ה ע' 422 ואילך). 2) ב"ר פס"א, ד. ועוד. 3) בחוקותי כז, לב. וראה קונטרס משיחות ש"פ שמות, מבה"ח שבט שנה זו. 4) אגה"ק סז"ך-סכ"ח. 5) ראה שה"ש ב, ח. נוסח הושענות דהושענא רבה (בסופו). 6) ישעי' כו, יט. 7) בא י, ט. 8) מגילה כט. א.

הקדושה, און דארטן - לירושלים עיר הקודש ולהר הקודש, ולבית המקדש, "מקדש אד' כוננו ידיך"[9], ביז אין קדש הקדשים, ותיכף ומיד ממש, עם ענני שמיא[10] - נאך ביו"ד שבט זה שנת תש"נ, ומה טוב - גלייך נאך תפלת הבוקר (שחרית), אדער נאך פאר דעם, עכ"פ בהקדים הכי אפשרי, ותיכף ומיד ממש אין דעם זמן גופא,

בשמחה ובטוב לבב.

*

9) פרשתנו טו, יז ובפרש"י. 10) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.

הנחת התי' בלתי מוגה

שיחת
ש״פ בשלח,
חמשה עשר בשבט
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה לחולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס״ד. השלמות לשיחת ש״פ בשלח, ט״ו בשבט ה׳תש״נ.

הנחת התי בלתי מוגה

[בענין ששנה זו היא שנת נסים]:

א. ואע״פ אז דער יאר איז שנת נסים, און עס האבן פאסירט א ריבוי נסים, כולל אזוינע נסים גדולים וואס אין בעל הנס מכיר בנסו (כמאחז״ל[1] עה״פ[2] ״עושה נפלאות לבדו״) - געפינט מען זיך אבער בפועל אין זמן הגלות און מקום הגלות, אין א מצב פון מיצר הגלות; ובמילא איז פארשטאנדיק, אז דער עיקר פון אלע זאכן אין ר״ה לאילנות איז, אז פון דעם מיצר הגלות זאל מען תיכף ומיד ממש קומען צו מרחב הגאולה - ״מן המיצר קראתי י-ה ענני במרחב י-ה״[3] [ווי דאס איז בר״ה באחד בתשרי, אז דורך דעם מיצר פון תקיעת שופר, דער מיצר השפתיים על מיצר השופר, ווערט דער ״ענני במרחב י-ה״].

[לאחרי הענין דפ׳ השבוע - פ׳ בשלח]:

און דערפון קומט מען צו פ׳ יתרו, די פרשה פון מתן תורה. ויש להוסיף הקשר מיט שם הפרשה (יתרו): יתר איז ע״ד שיתר פרשה אחת בתורה[4], וואס דאס איז אן ענין עיקרי אין מתן תורה - דער כח אז יעדער איד זאל לערנען און מחדש זיין אין תורה[5], וכמארז״ל[6] כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש ניתן למשה מסיני; יעדער איד האט זיין חלק אין תורה וועלכע ער דארף מחדש זיין - ״ותן חלקנו בתורתך״[7], כידוע אז ישראל איז ר״ת[8] יש ששים ריבוא אותיות לתורה, יעדער איד האט זיין אות אין תורה.

[ועד״ז דער נאמען פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו - יוסף יצחק איז א שם כללי וואס באדייט כלות עבודת האדם: יוסף ע״ש - יוסף לי ה׳ בן אחר[9], און יצחק ע״ש כל השומע יצחק לי[10]].

[בענין ״האדם עץ השדה״]:

עס ווערט נתגלה אין יעדער איד ווי ער איז ״ארץ חפץ״, און ״עץ השדה״, ובמיוחד - די אלע שבעה מינים (בעבודת האדם), ״ארץ חטה ושעורה וגו׳״, וואס זיי דא בא יעדער איד, כולל אויך א צדיק און א צדיק גמור, ״גמור״ אויך מלשון גמר ושלימות, אז ער

---

1) נדה לא, א. 2) תהלים עב, יח. וראה שם קלו, ד. 3) שם קיח, ה. 4) מכילתא ופרש״י ר״פ יתרו. 5) ראה הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ב ס״ב. וראה זח״א יב, ב. אגה״ק סכ״ו (קמה, א). 6) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ״ב ה״ד. שמו״ר רפמ״ז. ועוד. וראה בהנסמן בלקו״ש חי״ט ע׳ 253. 7) אבות פ״ה מ״כ. 8) מגלה עמוקות אופן קפו. 9) ויצא ל, כד. 10) וירא כא, ו.

איז כולל אין זיך אלע ענינים ודרגות: דרגת הבינוני ודרגת התשובה, וכפרטיות - די שבעה מינים הנ״ל.

ולהעיר מדיני כלים (אין הלכות שבת[11] וכיו״ב), אז א כלי גמור, איז בשעת דאס איז ראוי לתשמישו, בשעת דאס האט אבער א נקב כשיעור - האט עס ניט א דין כלי[12]; עס זיינען אבער פאראן כלים וועלכע זיינען לכתחילה געמאכט מיט א נקב[13] כדי להוציא שמנו או יינו וכיו״ב[14], אדער א נקב דורך וועלכע עס זאל אריינגיין אויר בתוך הכלי[13] אז די מאכלים שבו זאלן בלייבן פריש. ובעבודת האדם - איז דער אויר פון יעדער איד אוירא דארץ ישראל (ווייל יעדער איד איז בבחי׳ ארץ ישראל כנ״ל) וואס איז מחכים[15]. ולהוסיף, אז דער אויר אפילו פון רשות הרבים למעלה מעשרה טפחים איז א מקום פטור[16] - פטור פון אלע ענינים בלתי רצויים. ועאכו״כ א רשות היחיד וואס איז א עולה עד לרקיע[17], ובדוגמת זה בא יעדער איד וועלכער איז א ״רשות היחיד״ ליחידו של עולם, אז ער דערגרייכט ״עד לרקיע״, ובפרט דורך פנימיות התורה, אנהויבנדיק פון ספר הזהר, און ווי דאס ווערט נתבאר אין תורת החסידות, ביז אין אן אופן פון הפצת המעינות חוצה, וואס דורך דעם איז (זהר מלשון) ״והמשכילים יזהירו כזהר הרקיע״[18], און ״בהאי חבורא דילך דאיהו ספר הזהר כו׳ יפקון בי׳ מן גלותא ברחמי״[19].

וואס דאס איילט מען נאכמער צו דורך דער עבודה פון אידן איצטער כולל - אין די אלע ענינים האמורים לעיל, דורך אננעמען החלטות טובות בזה איצטער, סיי בנוגע צו זיך אליין און סיי בנוגע צו משפיע זיין אויף בני ביתו און חבריו וכו׳.

אנהויבנדיק מיט דעם, אז מ׳זאל ממשיך זיין די התוועדות אויך לאחרי זה, נאך תפלת מנחה, און אויך במוצאי שבת - בסעודתא דדוד מלכא משיחא,

און דעמולט זאל שוין זיין נאך די גאולה האמיתית והשלימה, וואס קומט תיכף ומיד ממש, נאך פאר תפלת מנחה, אזוי אז נאך

---

11) ראה שבת קכג, ב ואילך. רמב״ם הל׳ שבת פכ״ה ואילך. 12) ראה רמב״ם הל׳ כלים פכ״ו. 13) ראה רמב״ם הל׳ שבת רפכ״ג. 14) ראה רמב״ם הל׳ כלים פ״ו ה״ג. 15) ב״ב קנח, ב. 16) שבת ז, רע״ב. 17) שם ו, סע״א. 18) דניאל יב, ג. 19) זח״ג קכד, ב (ברע״מ). 20) פסחים רפ״ה.

היינט איז מען מקריב דעם תמיד בין הערביים [וע"ד ערב פסח ווען מ'איז מקדים הקרבת התמיד בין הערביים[20]].

* * *

[כמ"ש בספר שופטים ("המשמח אלקים ואנשים")]:

ב. ולהעיר, אז היינטיקע הפטורה איז פון ספר שופטים, וואס דאס איז א חידוש, ווייל רוב ההפטורות זיינען פון די נביאים האחרונים, ווי די נביאי תשובה וגאולה, און מעשה מרכבה - ישעי' ויחזקאל וכו'.

[בענין הדמיון דמצוות לגרעיני הרימון, שמצוות הן בהתלבשות בדברים גשמיים - בדוגמת ההעלם דהגרעינים:]

וכידוע אז (רוב ה)קרבנות זיינען דוקא פון מן החולין [לבד מקרבן בכור, וועלכע איז קדוש מתולדה[21] (און אויך דאס קען מען מבאר זיין מיט א שקו"ט, ואכ"מ). און אויך פרה אדומה, וואס חטאת קריי' רחמנא[22], איז הקרבתה בחוץ [ולהעיר, אז די ד' לשונות וואס שטייען בא פרה אדומה זיינען כנגד די ד' גליות[23]] - וואס בגלוי זעט זי אין דעם ניט אן קיין קדושה, ע"ד גרעיני הרימון.

[בהמשך לשלימות העבודה דשבעים שנה ד"צדיק כתמר יפרח"]:

און דאס פועל'ט אויף שלימות אין זמן ומקום בכל העניני העולם, ועאכו"כ אין אלע אידן, וואס (ווי מ'זאגט אין "מענה לשון" פון זהר[24]) "גופא דילהון קדישא, נפשא דילהון קדישא, רוחא דילהון קדישא, נשמתא דילהון קדישא כו'", און דערנאך איז מען דארט ממשיך וועגן דוד המלך, דער רגל הרביעי פון דער מרכבה, וועלכער קומט צוזאמען מיט די ערשטע דריי רגלי המרכבה - די ג' אבות, וואס ענינם ווערט נמשך בירושה צו יעדן אידן, ועד"ז איז מובן בנוגע צו דער רגל הרביעי [ווי ער שטייט בשלימות - אין דוד, העכער פאר דעם רגל הרביעי ווי דאס איז כנגד רחל].

* * *

ג. כ"ק אדמו"ר פנה להאורחים שיחיו, ואמר: אזוי ווי עס זיינען דא אורחים פון מאנטריאל - זאלן זיי זאגן "לחיים". ואח"כ אמר:

---

21) ראה נדרים יג, א. חולין ע, א. תמורה כה, א. ועוד. רמב"ם הל' בכורות פ"א ה"ד. 22) חוקת יט, ט. טז. וראה יומא ב, א וברש"י שם. אגה"ק רסכ"ח. ובכ"מ. 23) פסיקתא דר"כ פ' פרה. יל"ש חוקת רמז תשכט. זח"ב רלז, סע"א. ועוד. 24) זח"ג ע, ב.

אלע אורחים וואס געפינען זיך דא זאלן זיך צו זיי מצטרף זיין (באמירת "לחיים").

אח"כ התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון ההקפות דאביו ז"ל.

* * *

ד. ס'איז רגיל בכגון דא - אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח, זאלן ארויפגיין און מכריז ומסביר זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ויה"ר אז דורך דער הוספה אין מעשים טובים כהנה וכהנה, זאל בקרוב ממש קומען די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון ההקפות דאביו ז"ל. אח"ה הורה להש"צ שי' לנגן "יהי"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

לעילוי נשמת

הרה"ח הרה"ת ר' **אליהו נחום**

בן הרה"ח הרה"ת ר' **לוי יצחק** ע"ה

שקליאר

במלאות השלושים ביום ב', י"ז שבט ה'תשי"נ

ת.נ.צ.ב.ה.

■

נדפס ע"י

בנותיו:

מרת **יהודית** ובעלה הרה"ת ר' **אברהם יצחק** ומשפחתם שיחיו

בלאך

מרת **שיינא רבקה** ובעלה הרה"ת ר' **יוסף לייב** ומשפחתם שיחיו

לרנר

מרת **לאה** ובעלה הרה"ת ד"ר **יצחק** ומשפחתם שיחיו

בלאק

מרת **חנה** ומשפחתם שיחיו **איזרעל**

בנו:

הרה"ת ר' **משה יוסף** וזוגתו מרת **רחל** ומשפחתם שיחיו

שקליאר

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ יתרו,
כ״ב שבט
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי׳ תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
ארבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ יתרו, כ"ב שבט ה'תש"נ
- יום היארצייט-הילולא השני של הרבנית הצדקנית מרת חיי' מושקא נ"ע זי"ע -

חנחת חתי' בלתי מוגה

[בענין שמקום נעשה למעלה ממקום וזמן - למעלה מזמן]:

דורך דער עבודה פון א אידן אין זמן ומקום למטה, איז ער עולה מחיל אל חיל - ילכו מחיל אל חיל[1] - ביז מ'דערגרייכט למעלה מזמן ומקום, ביז אז מ'איז דאס מאחד מיט דעם זמן ומקום למטה.

כולל און אנהויבנדיק פון דעם זמן ומקום - בית הכנסת ובית המדרש, ובית מעשים טובים, די אלע דריי קוים, פארבונדן מיט מספר שלשה בא מתן תורה - "אוריאן תליתאי לעמא תליתאי כו'"[2], ביז אז דער מספר שלשה דערגרייכט למעלה ממספר, און דאס ווערט איין זאך מיט מספר - גבול ובלי גבול ביחד.

אזוי אויך אין דעם ענין פון עשרת הדברות, פארבונדן מיט די עשרה מאמרות - עשר מספר שלם, ביז אז עס ווערט פארבונדן מיט למעלה ממספר.

און ווי ס'וועט זיין בשלימות ובגילוי בגאולה האמיתית והשלימה, וואס דעמולט וועט זיין דער גילוי פון אלע ענינים של עשרה, און דער גילוי פון די שני לוחות הברית - פון די לוחות ראשונות ולוחות האחרונות - אין קדש הקדשים. ובפרט דורך דער עבודה פון אידן איצטער צו מגלה זיין בחי' קדש הקדשים שבו - חי' יחידה שבנשמה, "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[3], בתוך כאו"א[4], און פון ביתו און אלע זיינע ענינים, ובאופן פון "לי" - "לשמי"[5].

* * *

[בענין הקדמת הנשים לאנשים בדיבור משה לפני מ"ת]:

ב. אע"פ וואס תורה (בשרשה) איז למעלה מזמן ומקום, למעלה פון גאנץ סדר השתלשלות, פונדעסטוועגן, ווי תורה קומט אראפ למטה אין עולם, שטעלט זיך דאס אויס אין סדר זמן, און מצד דעם - איז דער סדר אז פריער "כה תאמר לבית יעקב" (אלו הנשים) און דערנאך "ותגיד לבני ישראל" (אלו האנשים).

ובפרט ווען מ'שטייט ביום השבת, וואס איז פארבונדן מיט מ"ת

---

1) תהלים פד, ח. 2) שבת פח, א. 3) תרומה כה, ח. 4) אלשיך עה"פ שם. ועוד. 5) פרש"י שם.

במיוחד - כמאחז"ל לכו"ע בשבת ניתנה תורה[6]. ד.ה. ווי תורה קומט אראפ אין זמן - איז דאס פארבונדן מיט שבת.

און אזוי חזר'ט זיך דאס איבער במ"ת בכל יום (ובכל רגע), כנוסח ברכת התורה - "נותן התורה" לשון הוה, ובכל יום יהיו בעיניך כחדשים, ביז חדשים ממש. וכידוע אויך אז מ"ת איז די שלימות וכוונה פון יצי"מ, כמ"ש בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה", ומזכירין יצי"מ (פעמיים) בכל יום.

ועאכו"כ בש"פ יתרו, ווען מ'לייענט פ' מתן תורה, וואס דאס איז בדוגמא צו מתן תורה בפעם הראשון - דאע"פ וואס מ"ת וועט ניט זיין נאכאמאל[7], איז דאס ווייל בזמן מ"ת איז נכלל כל המשך הזמן כולו[8]. און דאס קומט ארויס בגלוי בכל רגע ורגע, ועאכו"כ ווען מ'לייענט פ' מ"ת אין תורה.

דארף די הכנה למ"ת בכל יום, ועאכו"כ בש"פ יתרו, זיין אין אן אופן, אז דער משה שבכאו"א רעדט פריער צו בחי' אשה שבכאו"א און דערנאך לבחי' איש - כמבואר הענין בכ"מ.

* * *

[כ"ק אדמו"ר שליט"א פנה אל האורחים שיחיו, ואמר:]

ג. אזוי ווי עס זיינען דא פאראן אורחים, וידוע דער גודל הענין פון הכנסת אורחים (גדולה הכנסת אורחים כו'[9]) - זאל מען זיי מכבד זיין מיט אמירת לחיים, כמדובר כמ"פ.

ויש לעורר, אז מכאן ולהבא זאל מען אזוי איינפירן בסדר מסודר, אז די אורחים מעצמם זאלן זאגן "לחיים", און מ'זאל ניט דארפן מעורר זיין אויף דעם יעדן מאל, מערניט בבחי' אין מזרזין אלא למזורזין.

ובפרט שטייענדיק בש"פ יתרו, פ' מתן תורה. ובמיוחד - לאחרי ארבעים שנה, ווען מ'האט שוין דעם "נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע"[10]. וואס דאס האט אויך א שייכות מיוחדת מיט מ"ת (דעם שבת) - וואס דעמולט איז געווען "רואין את הנשמע ושומעין את הנראה"[11] ("עינים לראות ואזנים לשמוע"), און אויך דער ענין פון "לב (לדעת)" - דער מקור פון חיי האדם, וואס דאס נעמט זיך פון (מתן) תורה.

---

6) שבת פו, ב. 7) סה"מ תרנ"ו ע' שנו. המשך תרס"ו ע' כג. ע' תקמו. ועוד. 8) ד"ה בחודש השלישי תשל"ד (קונטרס כ"ב שבט שנה זו) ס"ה. 9) שבת קכז, א. 10) תבוא כט, ג. 11) מכילתא ופרש"י פרשתנו כ, טו.

ויש לקשר זה אויך מיט פ' משפטים, וואס **משפטים** זיינען מובן בשכל ודעת האדם, ביז אין שכל פון נה"ב, ביז אין אן אופן פון "אשר תשים לפניהם - כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם"[12].

און דערנאך איז די פרשה ממשיך - "כי תקנה עבד עברי שש שנים יעבוד גו'". דארף מען פארשטיין דעם טעם פארוואס די התחלה פון די משפטים איז מיט דעם דין עבד עברי - וואס איז אן ענין בלתי רגיל (אז א גנב האט ניט וואס צו אפצאלן ונמכר ע"י ב"ד בגניבתו)?

איז איינער פון די ביאורים אין דעם: יעדער איד (ווערט באשאפן בכל רגע מחדש אין אן אופן אז ער) איז אן "עבד עברי" צו דעם אויבערשטן, "עברי" דוקא, ווי אברהם אבינו ווערט אנגערופן - אברהם העברי, כמ"ש[13] "בעבר הנהר ישבו אבותיכם גו' ואקח את אביכם את אברהם מעבר הנהר", וכמאחז"ל, אז אברהם איז געווען בעבר אחד און כל העולם בעבר שני.

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט מ"ת, דער סיום ושלימות פון יצי"מ - וואס אין מצרים האט מען אנגערופן דעם אויבערשטן (און מ'האט אזוי געזאגט צו א גוי, פרעה) "**אלקי העברים** נקרא עלינו"[14].

און דער ענין פון "עברי" ווערט נמשך (פון אברהם) ונתגלה בא יעדער איד - ווי ער איז פארבונדן מיט "עבר הנהר", למעלה מהשתלשלות. און נוסף אויף דעם וואס אידן זיינען "סמוך על שול-חן אביהם", ווערן זיי איין זאך מיט "אביהם" - ישראל וקוב"ה כולא חד.

[בענין "אין למעלה מעונג"]:

ד. ביז די דרגא פון "אין" וואס איז "למעלה מעונג" - בחי' אין האמיתי, עצמותו ית', וואס הוא לבדו בכחו ויכלתו צו באשאפן יש מאין.

[בענין יוסף לי ה' בן אחר]:

ביז מ'איז מהפך דעם "אחר" פון גלות - צו גאולה, דורך אריינשטעלן אין גלות (גולה) דעם אל"ף פון אלופו של עולם[15].

* * *

12) פרש"י ר"פ משפטים. 13) יהושע כד, ב-ג. 14) שמות ה, ג. 15) ראה לקו"ת בהעלותך לה, ג. ועוד.

[בענין שמו של הרמב"ם, ר"ת "רבות מופתי בארץ מצרים"]:

ה. בשמו של הרמב"ם זעט מען א דבר פלא וחידוש - אז דאס איז כולל שם אביו (רבינו משה בן מיימון), ניט ווי ביי אנדערע מחברים (וואס זייערע חיבורים ווערן אנגערופן על שמם) - ווי דער רא"ש און בית יוסף וכיו"ב.

* * *

[בענין ההוספה בניתת הצדקה במספר ע"ת]:

ובזה גופא - קען מען דאך געבן מטבעות של נחושת אדער כסף אדער זהב. איז דער עיקר - זהב, וואס דאס איז דער ענין הכי נעלה, ווי דאס איז געווען בא נדבות המשכן, אז לכל לראש הויבט זיך דאס אן מיט "זהב" (און דערנאך קומט כסף ונחושת), און זהב איז כולל אלע נדבות, ניט נאר די וואס זיינען למטה מזהב, נאר אויך "אבני שוהם ואבני מילואים" אין די בגדי כהונה.

[ולהעיר פון דעם וואס שטייט אין ספרים בשם גדולי ישראל, אז אויך בזמן הזה זאל מען לערנען תורת כהנים און די הלכות פארבונדן דערמיט, בכדי מ'זאל זיין גרייט אז בשעת די גאולה קומט תיכף ומיד זאל מען וויסן די דינים ווי מ'דארף זיך פירן מיט כהנים, און ווען מ'קען אריינגיין אין מקדש וכו'].

און אזוי אויך בנוגע צו נתינת הצדקה והקמת המוסדות בקשר מיט דעם יארצייט - זאל מען דאס טאן אין אן אופן פון "לא תחטא", עס זאל אין דעם גארניט פעלן, ואדרבה - באופן פון "די והותר" ווי ס'איז געווען בנדבת המשכן[16].

[בנוגע להב' שמות של כמה נשיאים - שם הא' בלה"ק ושם הב' בלע"ז]:

בא כ"ק מו"ח אדמו"ר - זיינעןביידע זיינע נעמען בלשון הקודש - מאיזה סיבה שתהי'. ובפשטות - ווייל מ'האט אים אנגערופן על שם זקנו (בנו של הצ"צ). אבער דאס שטעלט נאר איבער די שאלה אויף זקנו.

[סיום השיחה]:

און דורך די אלע החלטות טובות - וועט מען נאך שנעלער קומען צו דעם זמן פון קיום המצוות בשלימות, כמצות רצונך, כולל - הקרבת הקרבנות, ניט נאר באופן פון "ונשלמה פרים שפתינו"[17], נאר פרים בפשטות (ווי דאס איז געווען בזמן הבית, און אויך

---

16) ויקהל לו, ז. 17) הושע יד, ג. 18) ראה הל' ביהב"ח רפ"ב.

לפני זה - אנהויבנדיק דורך הקרבת הקרבן ע"י אדה"ר[18], שורו של אדה"ר, וי"ל אז דאס איז פארבונדן מיט שור הבר לע"ל).

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ותיכף ומיד ממש.

* * *

ו. סאיז רגיל בכגון דא צו מסיים זיין, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה, און מכריז זיין וועגן זייערע פעולות און מעשים טובים, פארבונדן במיוחד מיט התוועדויות און כינוסים אויף א חסידי'שן אופן, מתוך שמחה ועונג, פארבונדן במיוחד מיט שבת - "וקראת לשבת עונג"[19], אז מ'איז קורא וממשיך עונג אין אלע ענינים, ביז אויך אין עניני חול, אז עס ווערט חולין שנעשו על טהרת הקודש, ביז שלימות הטהרה - מי החטאת פון פרה האדומה, פרה העשירית שנעשית ע"י מלך המשיח[20],

ותיכף ומיד ממש.

[אחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל. אח"כ הורה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

19) ישעי' נח, יג. 20) רמב"ם הל' פרה אדומה ספ"ג.

לעילוי נשמת

הרה"ת ר' **משה** ע"ה

ב"ר **בנימין זאב** ע"ה

סיימאן

נפטר כ"ג שבט תשי"ז

ת.נ.צ.ב.ה.

■

נדפס ע"י בניו

הרה"ת ר' **מרדכי צבי** וזוגתו מרת **שיינדל**

ומשפחתם שיחיו

ר' **יצחק יעקב** וזוגתו מרת **שרה מלכה**

ומשפחתם שיחיו

סיימאן

ואמם מרת **שרה לאה** תחי'

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ משפטים, פ' שקלים, מבה"ח וער"ח אדר ה'תש"נ

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי' תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ משפטים, פ' שקלים, מבה"ח וער"ח אדר ה'תש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין הג' ימים רצופים, יום שבת וב' ימי ר"ח]:

א. נאך יום השבת קומט מען צו יום ראשון, וועלכער ווערט אנגערופן (אין תורה) "יום אחד"[1] (פון מעשה בראשית), שבו הי' הקב"ה יחיד בעולמו[2], ביז אז עס ווערט נמשך אין עולמו, אין מעשה בראשית פון א דרגא וואס איז העכער פאר בחי' אחד און יחיד, ביז פון אלקים (שע"י נברא העולם - בראשית ברא אלקים) שלפני הצמצום.

און נאך די צוויי טעג ר"ח קומט יום השלישי שהוכפל בו כי טוב, וואס דאס איז שייך אויך צו יום הששי שהוכפל בו כי טוב, דער יום הששי (בה"א הידיעה) פון מתן תורה (ששה בסיון)[3], וואס שלי-מות ענין מ"ת איז בפורים, ווען קיימו מה שקבלו כבר במתן תורה.

[בענין "זה יתנו"]:

ולהעיר אז "זה" בגימטריא י"ב, וואס איז מרמז אויף די י"ב שבטי י"ה.

[בענין השיעור חומש היומי]:

ובפרט אז נוסף צו דעם וואס מ'לייענט דעם שיעור חומש אין די שיעורי חת"ת (ווייל אין תושב"כ דארף מען ניט האבן לימוד בהבנה והשגה[4]), לערנט מען דעם שיעור.

[בענין "משלוח מנות איש לרעהו ומתנות לאביונים]:

ביז מ'דערגרייכט א מצב אז א איד איז ניט בדרגת אביון וועלכע דארף אנקומען צו מתנות לאביונים, נאר בבחי' "איש לרעהו" (ווייל כל ישראל חברים), און מ'איז מיט אים מקיים "משלוח מנות איש לרעהו". ובדיוק הלשון "איש לרעהו" - וואס "איש" איז בחי' משפיע [ובפרטיות: א' איז בחי' כתר, י' איז בחי' חכמה, און ש"ן בג' ראשין וד' ראשין - דער חיבור פון משפיע ומקבל], ווי ער ווערט פאראייניקט מיט "רעהו".

און דורך דעם ווערט די התאחדות צווישן דער אויבערשטער מיט אידן באופן פון "איש לרעהו" כביכול, און ניט נאר באופן פון "מתנות לאביונים" - מצד דעם וואס אלע נבראים זיינען בבחי' אביון התאב לכל דבר בערך צו דעם אויבערשטן.

---

1) בראשית א, ה. 2) ב"ר פ"ג, ח. 3) פרש"י בראשית שם, לא. 4) ראה הל' ת"ת לאדה"ז ספ"ב.

ובפרט שטייענדיק נאך ארבעים שנה פון יו״ד שבט, ווען ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״[5], ובאופן פון ״קאי״ - אן עמידה בתוקף, בהתאם צו בחי׳ איש האמיתי, און דאס ווערט בכח זה וואס ״נתן ה׳ לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״[6]. און דאס אלץ אין אן אופן פון ״יוסף״ - יוסף ה׳ לי בן אחר[7], און ״יצחק״ - כל השומע יצחק לי[8], מתוך צחוק ושמחה.

[בענין בחי׳ גורל שבנשמה של כאו״א מישראל]:

כידוע די ג׳ ענינים וואס זיינען דא בכאו״א - חלקנו, גורלנו, ירושתנו, ווי מ׳זאגט בכל יום בבוקר נאך קודם התפלה (וואס דאס באווייזט אז די ג׳ ענינים זיינען פאראן בא יעדער איד נאך פאר זיין עבודה ותפלה).

* * *

ב. ס׳איז רגיל צו מסיים זיין, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח, זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים - די וואס האבן דאס דערוויילע ניט געטאן, און די וואס האבן שוין געטאן דוגמתם - קענען אין דעם מוסיף זיין - בבחי׳ קנאת סופרים תרבה כו׳[9], באופן של הוספה כהנה וכהנה.

און דאס וועט נאכמער מוסיף זיין אין ברכת ה׳ צו אידן אין אלע זייערע ענינים, ביז - די גאולה האמיתית והשלימה, והיו עיניך רואות את מוריך[10], און אויך ״יראה כהן בציון״ - אהרן הכהן און משה אחיו און מרים הנביאה (וואס זי האט געזונגען שירה מיט די נשים) - די ג׳ רועים[11],

און עס וועט מקויים ווערן ווי מ׳זאגט נאך ברכת החודש - ״אשרי יושבי ביתך״, אין דעם בית האמיתי - ״מקדש אד׳ כוננו ידיך״, ביז ״כל הנשמה תהלל י-ה״,

ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות (כולל ההכרזה כו׳ ע״י הגבאי של גמ״ח) - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

---

5) ע״ז ה, ריש ע״ב. 6) תבוא כט, ג. 7) ויצא ל, כד. 8) וירא כא, ו. 9) ב״ב כא, א. 10) ישעי׳ ל, כ. 11) ראה תענית ט, א.

בס״ד. ברכת כ״ק אדמו״ר שליט״א
אחרי תפלת מנחה
יום א׳ פ׳ בשלח, ערב יו״ד שבט ה׳תש״נ

- בו ימלאו ארבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א -
בעת מסירת דברי ברכה שנתקבלו מארץ הקודש,
ומסירת חוברת של ארבעים שנה חב״ד בארץ הקודש.

הנחת התי בלתי מוגה

[לאחרי שהר׳ יוסף יצחק הכהן גוטניק והר׳ ארי׳ ליב קפלן שיחיו מסרו לכ״ק אדמו״ר שליט״א מכתבי ברכה וחוברת הנ״ל, וברכת הר׳ גוטניק - אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א:]

ה׳ ימלא משאלות לבב כל אחד ואחת, פון די חתומים כאן און אינם חתומים כאן (און די וואס האבן געוואלט חתמ׳נען און האבן ניט געקענט מאיזה סיבה שתהי׳) - אז ואברכה מברכיך[1]: ממלא זיין משאלות לבבם לטובה בברכתו של הקב״ה, שתוספתו מרובה על העיקר[2].

ובפרט אז דאס איז פארבונדן מיט דעם "עת רצון" פון יו״ד שבט - העשירי יהי׳ קודש[3], דער יום ההילולא פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, ווען כל "עבודתו אשר עבד כל ימי חייו" ווערט נתגלה און איז "פועל ישועות בקרב הארץ"[4].

עס זאלן זיין בשורות טובות תמיד כל הימים, אנהויבנדיק פון דער בשורה טובה העיקרית - אז הנה זה משיח צדקנו בא[5] תיכף ומיד ממש,

"והקיצו ורננו שוכני עפר"[6], ובתוכם - דער בעל ההילולא פון יו״ד שבט, און די בעלי ההילולא פאר אים, און בכל הענינים וואס אין זיי דארף זיין "הקיצו ורננו שוכני עפר".

און אלע אידן, "בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו"[7], צוזאמען מיט אלע מוסדות, ובפרט די מוסדות חדשים, צוזאמען מיט כל בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל[8] (גלות) - זאלן גיין לארצנו

1) לך יב, ג. וראה סוטה לח, ב. ירושלמי ברכות ספ״ח, הובא בתוד״ה ואברכה - חולין מט, א. שיחת ש״פ וישלח, י״ד כסלו תשכ״ט (לקו״ש ח״ה ע׳ 422 ואילך). 2) ב״ר פס״א, ד. ועוד. 3) בחוקותי כז, לב. וראה קונטרס משיחות ש״פ שמות, מבה״ח שבט שנה זו. 4) אגה״ק סז״ך-סכ״ח. 5) ראה שה״ש ב, ח. נוסח הושענות דהושענא רבה (בסופו). 6) ישעי׳ כו, יט. 7) בא י, ט. 8) מגילה כט. א.

הקדושה, און דארטן - לירושלים עיר הקודש ולהר הקודש, ולבית המקדש, "מקדש אד' כוננו ידיך"[9], ביז אין קדש הקדשים, ותיכף ומיד ממש, עם ענני שמיא[10] - נאך ביו"ד שבט זה שנת תש"נ, ומה טוב - גלייך נאך תפלת הבוקר (שחרית), אדער נאך פאר דעם, עכ"פ בהקדים הכי אפשרי, ותיכף ומיד ממש אין דעם זמן גופא,

בשמחה ובטוב לבב.

*

9) פרשתנו טו, יז ובפרש"י. 10) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד. טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ תרומה,
ו' אדר,
ה'תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי' תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ תרומה, ו' אדר ה'תש"נ.

הנחת התי' בלתי מוגה

[בענין היארצייט ביום השבת]:

א. וואס ביום השבת זיינען ניטא קיינע עניני צער וכו'. ובפרט ווען מ'שטייט שוין נאך די תעניות פון שובבי"ם (און די התחלה פון ת"ת, תרומה תצוה). - וועגן די תעניות שובבי"ם ת"ת ווערט ניט דערמאנט אין חסידות חב"ד, חוץ פון איין מאמר, און אויך דארטן איז דא א שקו"ט[1].

און פון יום השבת גייט מען אריין אין יום אחד, "שבו הי' הקב"ה יחיד בעולמו"[2], דעמולט איז מאיר בגלוי אין וועלט יחידו של עולם. און פון יום אחד איז מען הולך מחיל אל חיל, "ילכו מחיל אל חיל", ביז "יראה אל אלקים בציון"[3], כולל - דער גילוי פון בחי' ציון שבנשמה,

און די הליכה מחיל אל חיל איז אויך ובמיוחד אין דעם ענין השמחה - שטייענדיק אין חודש אדר, וואס "משנכנס אדר מרבין בשמחה"[4], ובכל יום אין חודש אדר קומט צו א הוספה אין דער שמחה, עאכו"כ ווען מ'שטייט שוין נאך ששה ימים באדר.

און מ'האט אויף דעם נאכמער כח פון יום השבת - וביום שמחתכם אלו השבתות[5], נוסף אויף "וקראת לשבת עונג"[6], און די שמחה ועונג נעמט דורך גשמיות העולם - בשר שמן ויין ישן [און דאס ווערט אויך א הכנה צו דער סעודה לע"ל[7] - סעודת לויתן ושור הבר און יין המשומר].

[בענין פעולת הקדיש על הנשמות בגופים למטה]:

אין עס גיט זיי צו חיות און בריאות הגוף ובריאות הנפש, בריאות הרוח, בריאות הנשמה און בריאות חי' ויחידה.

[בענין ארבעים שנה]:

וואס דעמולט איז צוגעקומען "לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע"[8], לב לדעת - באופן פון יתקע מחשבתו בחוזק[9], דאס טוט אויף א חיזוק, ביז א חיזוק נעלה ביותר כידוע אז אין חזקה עצמה

---

1) ראה ס' השיחות תשמ"ט ע' 185. 2) ב"ר פ"ג, ח. 3) תהלים פד, ח. 4) תענית כט, סע"א. מג"א או"ח סו"ס תרפו. 5) ספרי בהעלותך י, י. 6) ישעי' נח, יג. 7) ב"ב עד, ב ואילך. פסחים קיט, ב. 8) תבוא כט, ג. 9) תניא ספ"ג.

זיינען פאראן דרגות: בג׳ פעמים הוה חזקה, א חזקה פון ג׳ שנים, פון א יובל שנים, פון כמה יובלות וכו׳.

[בענין מנין העשירי לע״ל]:

דער מנין העשירי פון אלע אידן, אויך פון שבט לוי, כידוע אז אויל שבט לוי וועט האבן א חלק אין ארץ ישראל לע״ל[10], ובעבודה - איז דאס דער ענין פון ״ילוה אישי אלי״[11], און דערנאך קומט מען צו יהודה, וואס האט אין זיך די אותיות פון שם הוי׳ (מיט א תוס׳ דל״ת, מיט אלע פירושים שבזה).

[בענין השייכות דשבת זו לגאולה]:

און ווי מ׳האט געזאגט אין תפלת מוסף: הן גאלתי אתכם אחרית כבראשית, און מ׳איז מסיים ״אני ה׳ אלקיכם״.

און מ׳האט ביידע ענינים אין גאולה - סיי (שיר) לשון זכר[12], און סיי די ענינים פארבונדן מיט לשון נקבה (גאולה לשון נקבה), און ביידע ענינים יחד - וואס די ביידע ענינים וחיבורם יחד איז אויך דא בשבת, כידוע אז בתפלת ליל שבת זאגט מען ״וינוחו בה״, און בתפלת היום - ״וינוחו בו״, און בתפלת מנחה (וואס מ׳גייט באלד דאוונען) - ״וינוחו בם״, בהתאם צו ״שבתות״ לשון רבים.

* * *

ב. בקשר מיט ז׳ אדר דערמאנט מען נאכאמאל וועגן מוסיף זיין אין לימוד התורה און נתינת הצדקה, און החלטות טובות בכלל.

קודם הסיום - און כדי ניט מבלבל זיין - איז לאחרי וואס מ׳וועט זינגען די ניגונים הידועים והרגילים - זאלן די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ויה״ר אז נאך קודם דעם ״יעשו״ זאל שוין קומען די גאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

כ״ק אדמו״ר שליט״א הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״. אח״כ התחיל בעצמו לנגן ״ניעט ניעט ניקאווא״.

לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל.

---

10) יחזקאל מח, לא. ב״ב קכב, א וברשב״ם שם. 11) ויצא כט, לד. 12) מכילתא בשלח טו, א. תוד״ה ונאמר - פסחים קטז, ב.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

און דערמאנען נאכאמאל - וועגן דער הוספה בלימוד התורה והחלטות טובות בקשר מיט ז' אדר, און דער עיקר אז די החלטות זאלן אראפקומען לפועל.

הנחת הת' בלתי מוגה

לזכות

הילד **אלי׳ יוסף יצחק** שיחי׳

לאורך ימים ושנים טובות

נולד בש״ק פ׳ יתרו, כ״ב שבט

יום ההילולא השני של הרבנית **חי׳ מושקא** ז״ל

אשתו של יבלחט״ט

כ״ק אדמו״ר שליט״א

*

לרגל הכנסו לבריתו של אאע״ה

יום א׳ ז׳ אדר

השנה תהא שנת נסים

■

נדפס ע״י הוריו

הרה״ת ר׳ **אורי** וזוגתו מרת **ברכה** שיחיו **בר-גדא**

זקניו

ו״ח ר׳ **ישראל** וזוגתו מרת **שושנה** שיחיו **בר-גדא**

הו״ח ר׳ **ויקטור** וזוגתו מרת **רות** שיחיו **גואטה**

דודיו

הו״ח ר׳ **אשר** שיחי׳ **גואטה**

הבחור **עזרא** שיחי׳ **גואטה**

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ תצוה,
פ׳ זכור, ערב פורים
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
מאתיים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס״ד. השלמות לשיחת ש״פ תצוה, פ׳ זכור, ערב פורים ה׳תש״נ.

הנחת חת׳ בלתי מוגה

[בענין קיימו מה שקבלו כבר במ״ת]:

וואס דאס איז א קיום בכל התורה כולה, כולל כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש (וואס ניתן למשה מסיני)[1], כולל אויך דער לימוד אל״ף-בי״ת פון א קליין קינד, קמץ אל״ף א, כידוע דער פתגם פון כ״ק מו״ח אדמו״ר[2] אז דאס (קמץ אל״ף א וואס א קליין קינד לערנט) איז פארבונדן מיט דעם אל״ף פון אנכי (וואס דאס איז כולל דעם ערשטן דיבור, ״אנכי ה׳ אלקיך״, וועלכער איז כולל אלע עשרת הדברות, וועלכע זיינען כולל כל התורה כולה[3]), ״אנכי״ ר״ת אנא נפשית כתבית יהבית[4], און דער אל״ף, פון אנכי (ר״ת אנא) איז - קמץ אל״ף (כמבואר בפירושה של תורה, וואס תורה בפירושה ניתנה[5]). ולהוסיף, אז קמץ איז כנגד כתר (העכער פאר פתח (אל״ף שכנגד חכמה)[6], מלשון קמיצה - בחי׳ ישת חושך סתרו, העלם העצמי, און דערפון קומט מען אויך צו גילוי אור העצמי ביז גילוי מאור העצמי, אז בא יעדן איד ווערט ליכטיק - באופן פון נר תמיד וועלכע ברענט ״מערב עד בוקר״ (אויך די מעלה פון שינויים, מעלת האתכפיא).

און דורך דעם באלייכטן אידן די גאנצע וועלט, אז עס ווערט א ליכטיקע וועלט, ביז אז מ׳טוט אויף ״הליכות עולם לו״[7], אז די וועלט זאל ווערן א מהלך. ובפשטות: בשעת א קינד מאכט א ברכה ״שהכל נהי׳ בדברו״ אויף א גלאז וואסער, ענטפערן אלע ארום - ביז כל העולם כולו - ״אמן״ (ר״ת ״א-ל מלך נאמן״[8]). ביז אז עס זיינען דא אזוינע וועלכע זיינען זיך משתדל אויסרופן ״אמן״ בקול רם, באופן אז אלע וואס געפינען זיך מסביבם זאלן הערן, און אזוי אויך - חלקו בעולם.

[בענין פס״ד הרמ״א ״טוב לב משתה תמיד״ וגודל ענין ההתוועדות]:

דאס איז אויך דער ענטפער צו דער וואס האט געפרעגט, און מיט

---

1) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ״ב ה״ד. שמו״ר רפמ״ז. ועוד. וראה בהנסמן בלקו״ש חי״ט ע׳ 253. 2) אגרות קודש שלו ח״ז ע׳ קמב. 3) ראה ירושלמי שקלים פ״ו ה״א. 4) שבת קה, א (כגירסת העין יעקב). 5) הקדמת הרמב״ם לספרו היד. 6) ראה ס׳ הליקוטים-דא״ח צ״צ ע׳ נקודות ע׳ רפה ואילך. וש״נ. 7) חבקוק ג, ו. 8) שבת קיט, ב.

א דאגה - אין דעם באשטייט זיין דאגה - אז לאחרי וואס מ׳מאנט אז מ׳זאל מרבה זיין אין התוועדויות, בא יעדער מעגלעכע געלעגנ-הייט, ביום הולדת, פדיון הבן, יום הארוסין (ביום הנישואין - מאי קמ״ל) וכיו״ב - וואס וועט זיין מיט לימוד התורה? און יענ-ער גיט נאך צו, אז ער האט וועגן דעם גערעדט מיט זקני החסידים און משפיעים, און זיי האבן מיט אים מסכים געווען אז ס׳איז דא וועגן וואס צו דאגה׳ן...

[בסיום השיחה, בהמשך לענין ההתוועדויות]:

דערפאר איז כאן המקום, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאל ארויפגיין למעלה און מכריז זיין וועגן די התוועדויות וואס זיי מאכן וכיו״ב, און איינלאדען די מסובים כאן צו זיך משתתף זיין, ומהם יראו וכן יעשו רבים - א ריבוי התוועדויות.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יהי״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

לזכות

החתן התי' הרב **מאיר אליעזר** שי'

והכלה מרת **לאה דבורה** תחי'

שמוקלער

לרגל חתונתם בשעטומ"צ

יום ג', ט"ז אדר

הי' תהא שנת נסים

■

נדפס ע"י הוריהם

הוו"ח ר' **צבי יעקב** וזוגתו מרת **מאשא** שיחיו

ראסלער

הרה"ת ר' **שניאור זלמן** וזוגתו מרת **רייזל רבקה** שיחיו

שמוקלער

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד. טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213

TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ תשא,
פ' פרה
ה'תש"נ

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי' תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ תשא, פ' פרה ה'תש"נ.

הנחת התי בלתי מוגה

[בענין "אחת בשנה", שוהו חידוש מיוחד של זמן זה, וממנו נמשך הכח לכל השנה כולה]:

א. ועד"ז איז אויך בנוגע צו דעם ענין השמחה בחודש אדר, וואס "משנכנס אדר מרבין בשמחה"[1] - דעמולט איז דא א חידוש בענין השמחה אז עס דארף זיין מרבין בשמחה - אע"פ וואס שמחה דארף זיין בכל השנה כולה, כמ"ש[2] "עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב", און עבודת ה' איז אן ענין תמידי בכל מקום ובכל זמן, אפילו אויך בשעת השינה (דורך דעם וואס מ'איז מקדים לזה ק"ש שעל המטה, נוסף אויף דעם וואס דורך שינה באקומט מען א חיות חדשה).

[בענין פ' ויקהל, פקודי, ויקרא]:

ובגאולה האמיתית והשלימה וועט זיין "ויקהל" פון אלע אידן דורך דעם אויבערשטן אליין, "ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל"[3], און אויך "פקודי" - דער מנין העשירי - דורך דעם אויבערשטן אליין,

און דערנאך "ויקרא אל משה", די קריאה פון דעם אויבערשטן צו בחי' משה שבכל א' מישראל, און זאגט אים אן אויף מעשה הקרבנות: "אדם כי יקריב מכם קרבן לה'", מכם דוקא (כידוע תורת אדה"ז בזה), און צוזאמען מיט דער הקרבה פון דעם אדם המקריב (מדבר), איז מען אויך מקריב ומעלה מין החי (די בהמה) והצומח והדומם (שבקרבן)[4], וואס דאס (דומם) איז דער מלח, כמ"ש[5] "על כל קרבנך תקריב מלח".

[און מלח איז געווען אן ענין עיקרי, ביז אז מ'געפינט א דבר פלא - אז אפילו לאחרי וואס בטלה התמיד (והקרבנות) בביהמ"ק (בי"ז תמוז[6]), איז מלח בפשטות געבליבן אין ביהמ"ק, אין לשכת המלח, און מ'האט אויך דעמולט ממשיך געווען מנדב זיין מלח, ניט רעכענענדיק זיך צי מ'האט מקריב געווען קרבנות אדער ניט].

ובעבודה: "מלח" איז אותיות "לחם"[7], וואס דאס איז דער ענין

---

1) תענית כט, סע"א. מג"א או"ח סו"ס תרפו. 2) תבוא כח, מז. 3) ישעי' כז, יב. 4) ראה טעמי המצוות להאריז"ל פ' ויקרא. 5) ויקרא ב, יג. 6) תענית כו, א במשנה. 7) סידור עם דא"ח קא, ג. ועוד.

פון לימוד התורה - ״לכו לחמו בלחמי״[8], ובאופן פון ״לחם״ מלשון מלחמה - לימוד התורה מתוך יגיעה כו׳.

[בענין הט׳ פרות והפרה העשירית]:

ולאחרי וואס מ׳האט פארענדיקט מעשינו ועבודתינו פון די תשע פרות, איז מען שוין גרייט אויף דער פרה העשירי, ״העשירי יהי׳ קודש״[9]. ובפרט דורך דער עבודה פון אידן אז זיי מאכן פון יעדער זאך אין וועלט א כלי צו ״עשירי יהי׳ קודש״, וואס א כלי איז בטל וטפל למה שנמצא בתוך הכלי (כידוע בדיני שבת).

און דערפון גייט מען גלייך איבער פון פ׳ פרה צו די עשי׳ בפועל פון דער פרה העשירית. ע״ד ווי ס׳איז געווען בנוגע צו זכירת מעשה עמלק (בש״פ זכור) און עשיית הענין (בפורים) - אז בקביעות שנה זו איז די זכירה געווען בסמיכות ממש צו דער עשי׳, גלייך פון זכירת עמלק בשבת זכור איז מען אריין אין פורים[10]; זאל אזוי אויך זיין בנוגע צו פ׳ פרה - אז פון קריאת פ׳ פרה בשבת פרה זאל גלייך זיין, בסמיכות ממש, די מעשה הפרה בפועל.

דורך דעם וואס די גאולה האמיתית והשלימה קומט תיכף ומיד ממש, נאך ביום שבת זה, ״בו״ [צוזאמען מיט דער מעלה פון ״שבת זו״ (״בה״), און ביידע מעלות צוזאמען בתפלת מנחה - ״בם״ און ״שבתות״ לשון רבים], נאך פאר תפלת המנחה, נאך פאר סיום ההתוועדות, נאך פאר המשך ההתוועדות.

ובפרט שטייענדיק אין דער ביהכנ״ס וביהמ״ד ובית מעשים טובים פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, וואו ער האט עובד געווען עבודתו במשך עשר שנים האחרונות שלו בחיים חיותו בעלמא דין. וואס שמו איז ״יוסף יצחק״, וואס באווייזט אויף ״יוסף לי׳ ה׳ בן אחר״, און יצחק איז פארבונדן מיט דער גאולה, וואס דוקא ליצחק יקרא ״כי אתה אבינו״ לע״ל[11].

והקיצו ורננו שוכני עפר[12], די וואס האבן פארענדיקט און גומר געווען זייער עבודה בעלמא דין, אלס צדיקים גמורים און בעלי תשובה גמורים, גמור - אויך מלשון גמר ושלימות[13], ונשיא דורנו בראשם, צוזאמען מיט משיח צדקנו, ותיכף ומיד ממש.

* * *

---

8) משלי ט, ה. 9) בחוקותי כז, לב. 10) ראה קונטרס משיחות ש״פ תצוה, פ׳ זכור. 11) שבת פח, א. 12) ישעי׳ כו, יט. 13) סד״ה מצה זו תרס״ד. ועוד.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

[בענין סיפור צרכי החג לכל הנצטרך]:

אנהויבנדיק פון די החלטות און די פעולות בזה (באופן המותר) נאך אין דעם שבת, ולכל לראש - דורך הכנסץ אורחים, וואס הגם אז עיקר ענין הכנסת אורחים איז ביו״ט, זעט מען מנהג ישראל בתפוצות הגולה, אז אידן האבן זיך משתדל געווען (אפילו בשעת הדחק) צו האבן אן אורח שבת באם טיש, וכו״כ - האבן געהאט כו״כ אורחים, און באופן פון נשיאת ראש - אז דאס האט ניט צוגענומען ח״ו פון דער שמחה ועונג בא די בני הבית, נאר אדרבה - דער אורח האט געפילט ווי דורך אים קומט צו שמחה בא דעם בעה״ב און בעה״ב׳סטע, און אויך בא די קינדער.

ויה״ר אז תיכף ומיד זאל מקיים ווערן די הכנסת אורחים פון דעם אויבערשטן צו אידן, וואס יעדער איד דעם אויבערשטן׳ס אן אורח, סמוך על שולחן אביו.

ג. אין די הכנות צו חג הפסח שלשים יום קודם החג - קומט צו נאכמער מצד דעם וואס די שלשים יום הויבן זיך אן בפורים, וואס לאחרי דער ריבוי שמחה אנהויבנדיק פון תחלת החודש, ״משנכנס אב מרבין בשמחה״, קומט צו בפורים א שמחה מיוחדת ולמעלה ממדידה והגבלה - שמחה ״עד דלא ידע״, און מ׳שטייט שוין איצטער נאך פורים, און אויך נאך שושן פורים (פארבונדן מיט יעדער איד, וועלכער ווערט אנגערופן בשם ״שושנה״), און דערנאך - יום השלישי שהוכפל בו כי טוב, ביז מ׳שטייט אין דעם שבת שלאחרי זה.

און פון ימי הפורים באקומט מען דעם כח פון ״אחשורוש״ (״ויהי בימי אחשורוש״ - התחלת המגילה), ע״ש ש״אחרית וראשית שלו״[14], אז א איד באקומט דעם כח צו פועל׳ן אז אויך בחיי ״אחרית״ זאל זיין ״שלו״, כולל - דורך קבלת החלטות טובות על העתיד, אז דורך דעם וואס ער איז אויף זיך מקבל צו דאס מקיין זיין בוודאות, ווערט ער א בעה״ב אויף ״אחרית״ (דעם עתיד), אז עס ווערט ״אחרית שלו״. ביז אז עס ווערטא ״הן גאלתי אתכם אחרית כבראשית״.

און דער כח ווערט נמשך פון דעם אויבערשטן (מלך מלכי המכלים הקב״ה) צו מלך אחשורוש למטה, כידוע אז דער אויבערשטער פירט אן מיט הנהגת המלך למטה[15], ועאכו״כ בא ״מאן מלכי רבנן״[16] - וואס

---

14) מדרש - הובא במאו״א א, קסב. ועוד. 15) ראה משלי כא, א. וראה לקו״ש חי״ג ע׳ 285 הע׳ 1. 16) ראה גיטין סב, א.

זיי ווערן בעה"ב אויף כל העולם, אויך אויף זמן, כמבואר בירושלמי[17] עה"פ[18] "לא-ל גומר עלי".

[בענין לימוד פנימיות התורה, ביחד עם שקו"ט]:

ווי ס'וועט זיין בשלימות לע"ל - א לימוד באופן פון ידיעה, ביז באופן פון "לא ילמדו עוד איש את רעהו כי כולם ידעו אותי"[19], באופן ידעו דוקא [ווי דער רמב"ם שרייבט בתחלת ספרו "לידע כו'", כולל בנוגע צו די ענינים פון מעשה מרכבה בב' פרקים הראשונים], וואס דעת איז באופן פון יתקע מחשבתו בחוזק, און דערפון ווערן נולד די מדות, נוסף צו די ג' מוחין - כיבוש עשר אומות, ווי ס'וועט זיין לע"ל (כמבואר אין דעם דרוש הידוע פון דעם מיטעלן רבי'ן[20], און דערנאך פון דעם צ"צ, ולפנ"ז - פון דעם אלטן רבי'ן).

[סיום ההתוועדות]:

ד. כרגיל, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח פאר פארשידענע פעולות אין תורה תפלה וצדקה - זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך און איינלאדען די מסובים כאן, ומהם יראו וכן יעשו רבים, אויך די וואס האבן עס דערווילע ניט געטאן.

ויה"ר אז דאס זאל גלייך ברענגען דער שכר, ביז שכר האמיתי - גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל. אח"כ הורה להש"צ שי' לנגן "יהי"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

---

17) נדרים פ"ו ה"ח. 18) תהלים נז, ג. 19) ירמי' לא, לג. 20) ד"ה אל תצר את מואב - נדפס במאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א בתחלתו.

לזכות

החתן הרה"ת **יוסף יצחק** הכהן

והכלה מרת **חנה** שיחיו

גוטניק

לרגל חתונתם בשעטומ"צ

יום ה', כ"ה אדר

התחלת שנת התשעים להולדת

הרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא ע"ה

הי' תהא שנת נסים

■

נדפס ע"י הוריהם

הרה"ת ר' **שלום בער** הכהן וזוגתו מרת **דבורה** שיחיו

גוטניק

הרה"ת ר' **שניאור זלמן** הכהן וזוגתו מרת **זלאטא** שיחיו

פערלאוו

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

קובץ
חג הפסח
ה'תש"נ

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי' תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס״ד. שיחת יום א׳, י״ג ניסן ה׳תש״נ
- בבוקר קודם חלוקת השליחות לצדקה -

הנחת התי בלתי מוגה

א. פותחין בברכה[1] - א ברכה צו די אלע וועלכע האבן אויסגע-דריקט (בע״פ און בכתב) זייערע ברכות און גוטע וואונטשן, בקשר מיט דעם יום הולדת בי״א ניסן, [סיי צו די וואס האבן שוין גע-שיקט די ברכות, און אויך צו די וואס זייערע ברכות זיינען בדרך, אדער זיי וועלן עס שיקן בעתיד - וכלפי שמיא גליא].

דער ענטפער אויף די אלע וואונטשן האט א גרעסערע מעלה בשעת מ׳גיט עס (ניט באופן פרטי צו יעדערן באזונדער, נאר) דוקא ברבים, ברוב עם הדרת מלך[2], אנשים, נשים וטף, תינוקות של בית רבן, און אין א מקום קדוש, א ביהכ״נ וביהמ״ד ובית צדקה וגמ״ח, וואס על שלשה דברים אלו ״העולם עומד״ (ועד״ז עולם קטן - זה האדם[4]).

ונוסף אויף מעלת המקום קומט אויך צו מעלת הזמן - דעם ספעצ-יעלן זמן וואס מיר געפינען זיך איצטער - י״ג ניסן שנת ה׳תש״נ.

י״ג ניסן איז דער יום ההילולא פון דעם צמח צדק, וואס נוסף על כל הענינים והעילויים שבזה, איז לכל לראש - אין זיין עצם נאמען - צמח צדק (ע״ש ספרו) - מרומז אן ענין הכי גדול: צמח צדק זיינען די ביידע נעמען פון משיח צדקנו[5].

נאך אן ענין אין י״ג (ניסן) - אז דאס איז בגימטריא ״אחד״, עם כל הענינים והמעלות שבזה, כמבואר בכ״מ. ובפרט אז אין דעם מעל״ע פון י״ג ניסן עצמו זיינען שוין דורך כל שעות הלילה, און א חלק פון שעות היום.

נוסף לזה קומט צו מצד כללות החודש - חודש ניסן, וואס האט צוויי נוני״ן, און איז במילא פארבונדען מיט ״ניסי ניסים נעשו לו״[6], און כללות השנה - ה׳תש״נ, ר״ת הי׳ תהי׳ שנת ניסים. ובפרט אז פון דער שנת תש״נ זיינען שוין דורך זעקס חדשים (חצי השנה), און מ׳האלט שוין באמצע חודש ניסן, ניסי ניסים.

וכ״ז נוסף אויף דעם - וואס מ׳שטייט איצטער אין די ימי ההכנה לחג הפסח, וועלכער הויבט זיך אן מארגן ביינאכט, והתחלתו - היינט ביינאכט, ווען מ׳איז בודק דעם חמץ וכל הענינים השייכים

---

1) פתיחת אגרת הראשונה באגה״ק (בתניא). וראה לקו״ש חכ״ד ע׳ 641. 2) משלי יד, כח. 3) אבות פ״א מ״ב. 4) תנחומא פקודי ג. תקו״ז תס״ט (ק, ב). ועייג״כ אדר״נ פל״א. קה״ר א, ד. 5) [illegible] ראה מעייני הישועה ע׳ 150 ואילך. וש״נ. 6) ראה ברכות נז, רע״א ובפרש״י.

לזה.

ב. ע״פ כל האמור בנוגע לגודל מעלת וזכות מקום וזמן זה - איז פארשטאנדיק, אז איצטער איז א ספיעצעל פאסנדע געלגענהייט, צו געבן כנ״ל, הכרת טובה וברכה צו די אלע וואס האבן אויסגעדריקט זייערע ברכות;

ובלשון חז״ל[7] - כבר מילתי׳ אמורה בתורתנו הקדושה, ״ואברכה[8] מברכיך״, אז כל המברך מתברך[9], בברכתו של הקב״ה, וואס ״תוספתו מרובה על העיקר״[10], און מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה[11]. און גודל מעלת הזכות דהזמן והמקום איז מסייע אז די אלע ברכות זאלן נמשך ווערן בתכלית השלימות בכל הפרטים.

ובפשטות - אז דער אויבערשטער בענטשט יעדער איד און אלע אידן בכל המצטרך להם, הן בגשמיות והן ברוחניות, ומתוך שמחה וטוב לבב.

און יעדער איד, האנשים והנשים והטף, האט ״ניסי ניסים״ בחייו הפרטיים, בכל הענינים, אנהויבנדיק, אז יעדער איינער האט נחת אמיתי פון זיך, און פון דער גאנצער סביבה, ובמיוחד - פון בנים ובני בנים.

און וויבאלד אז אין מעכב בידו, איז מובן, אז די ברכות ווערן נמשך אין אן אופן פון לא עיכבן אפילו כהרף עין*[11]׳ תיכף ומיד ממש.

וכמובן אז דאס אלעס איז כולל ובמיוחד - עס זאל זיין א חג הפסח כשר ושמח[12], און אויך אלע הכנות לחה״פ זאל זיין בתכלית השלימות, ומתוך שמחה וטוב לבב. און דערנאך נמשך ווערן במשך זאלן זיין בתכלית השלימות.

ג. ועוד והוא העיקר - אז ס׳ווערט מקויים די ברכה העיקרית: גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו תיכף ומיד ממש, וואס דאס איז אויך פארבנודן במיוחד מיט דעם איצטיקן זמן - הנזכר לעיל:

י״ג ניסן - דער יום הילולא פון דעם צמח צדק: צ״צ זיינען שני שמותיו של משיח, כנ״ל. און נאך א נקודה בזה: דער צ״צ האט זיך

---

7) ירושלמי ברכות ספ״ח. 8) לך לך יב, ג. 9) ראה סוטה לח, ב. ירושלמי שם. ועוד. 10) ב״ר פס״א, ד. ועוד. 11) ברכה השלישית ומן התורה האחרונה בבהמ״ז (ברכות מח, ב). *11) ל׳ חז״ל - מכילתא ופרש״י בא יב, מא. 12) ראה לקוטי לוי״צ אגרות ע׳ קצז.

עוסק געוועזן בכמה ממאמריו בפרסום תוכן הענין פון "אחכה לו בכל יום שיבוא" (הגם נישט מיט די ווערטער, אבער מיטן זעלבן תוכן). - זאל זיין נישט נאר "**אחכה** לו" - נאר ביאת משיח צדקנו בפועל.

אויך דער ענין פון (י"ג בגימטריא) "אחד" איז פארבונדן במיוחד מיט גאולה העתידה, וואס דעמאלט וועט נתגלה ווערן די שלימות האחדות פון עם ישראל, אז זיי זיינען אן "עם[13] **אחד**": בזמן הגלות זיינען אידן "מפוזר ומפורד בין העמים", אבער לע"ל וועט זיין "ואתם[14] תלוקטו לאחד אחד בני ישראל". און דער "תלוקטו" איז אויך אין אן אופן פון "אחד אחד", אז דער אויבער-שטער נעמט יעדער איינציקער איד אלס יחיד, און גייט מיט אים צוזאמען בגאולה האמתית והשלימה[15], כמ"ש[16] "ושב ה"א אלקיך את שבותך", כהודעת חז"ל בסיום מס' מגילה[17]: "בכל מקום שגלו שכינה עמהן כו' ואף כשהן עתידין להגאל שכינה עמהן שנאמר ושב גו'".

ולהעיר, אז דער מרז"ל איז במס' **מגילה**, וואס איז פארבונדן מיט גאולת פורים, ו"מיסמך[18] גאולה לגאולה", מגאולת פורים (גם) לגאולה האמתית והשלימה (ובפרט אז מ'איז שויך דורך דעם גאנצן חודש אדר מתוך שמחה הכי גדולה, "עד[19] דלא ידע"). און נאכמער: אפילו במעמד ומצב פון (מס' מגילה, פורים -) "אכתי[20] עבדי דאחשורוש אנן", אין די לעצטע רגעים פון גלות, ווערן תיכף די אלע ענינים פון די גאולה.

און דער ענין הגאולה איז אויך מודגש במיוחד שטייענדיק אין ובחודש ניסן ובשנת ניסים, וואס איז פארבונדן מיט ניסי ניסים, וועלכער איז כולל ובמיוחד - דעם נס הגאולה. ובפרט, אז בחודש ניסן עצמו איז מען שוין דורך י"א ניסן, נשיא[21] לבני אשר, וואס "הוא[22] יתן מעדני מלך", [ולהעיר אז אשר איז אויך פארבונדן במיוחד מיט חה"פ, כמרומז בזה וואס אשר בגימטריא תק"א[23]], און מ'האלט שוין ביום אח"ד בניסן - קומט די גאולה תיכף ומיד באחד בניסן, נאך קודם תפלת המנחה.

ד. בכל זה קומט צו - שטייענדיק (כנ"ל) אין די ימי ההכנה לחה"פ - זמן חירותינו, ווען אידן זיינען **נגאל** געווארען פון ארץ מצרים, ו"כימי[24] צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", בגאולה

---

13) אסתר ג, ח. 14) ישעי' כז, יב. 15) ראה פרש"י נצבים ל, ג. 16) שם. 17) כט, א. 18) מגילה ו, סע"ב. וראה בארוכה סה"ש תשמ"ט ח"א ע' 331 ואילך. 19) שם ז, ב. 20) שם יב, א. 21) לשון הכתוב נשא ז, עב. 22) לשון הכתוב ויחי מט, כ. וראה לקוטי לוי"צ אגרות קודש ע' שכד-כה. ע' תיט. 23) ראה ברכה י"א ניסן ובהערות שם. 24) מיכה ז, טו.

האמתית והשלימה תיכף ומיד ממש.

וכידוע אז גאולת מצרים בחה״פ איז די פתיחה און נתינת כח אויף ענין הגאולה בכלל, כולל - די גאולה האמתית והשלימה תומ״י ממש, וידוע דברי המהר״ל[25], אז גאולת מצרים האט פועל געווען, אז פון דעמאלט אן זיינען אידן בגדר בני חורין, און עס איז ניט שייך ביי זיי דער גאנצער גדר פון עבדות וגלות. איז א זיכערע זאך, אז תיכף ומיד ממש קומט די גאולה.

און דער ענין הויבט זיך אן נאך אין די ימי ההכנה לחה״פ, ווי ס׳געווען בפעם הראשונה, ״בעשר[26] לחודש הזה ויקחו להם איש שה גו׳״ פאר דעם קרבן פסח, וממשיך בכתובים שלאח״ז ״משכו[27] וקחו לכם גו׳״ ודרז״ל[27*] ״משכו ידיכם מעבודה זרה״, אז א איד איז מושך ידיו פון אלע עבודות וואס זיינען ״זרה״ (פרעמד) צו א אידן, עאכו״כ פון כל עניני עבודות דגלות כו׳ (וואס איז ״זר״ און היפך מציאותו פון א אידן - א בן חורין), און דורכדעם ווערט ער גרייט אויף גאולת מצרים בחה״פ, ועד״ז גאולה האמתית והשלימה תיכף ומיד ממש.

ובפשטות - אז תיכף ומיד ממש פארענדיקט מען דעם גלות אין די לעצטע רגעים פון גלות, און מ׳האט גלייך די ערשטע רגעים פון די גאולה, נאך זייענדיק אין גלות, בזמן זה ובמקום זה, אין ברוקלין - דורך דעם וואס מ׳שטעלט אריין אין דעם גלות, דער אל״ף פון ״אלופו של עולם״, ווערט דער (ווארט) **גלות אליין** איבערגעשטעלט אין א מעמד ומצב פון גאולה (גאולת).

ו״בנערינו[28] ובזקננו בנינו ובבנותינו״, ו״הקיצו[29] ורננו שוכני עפר״, וכ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו בראשם, מתוך בריאות הגוף והנשמה - ״וארו[30] עם ענני שמיא״, לארצנו הקדושה, ברגע שלאח״ז.

און מ׳איז ממשיך כל ההכנות לחה״פ צוזאצען מיט משיח צדקנו בגאולה האמתית והשלימה, אין א מעמד ומצב און א שטימונג פון גאולה, אנהויבנדיק פון בדיקת וביעור חמץ, אז ס׳ווערט ״כעפרא[31] דארעא״, ״ואת[32] רוח הטומאה אעביר מן הארץ״. און נאכדעם - דעם המשך בערב פסח - הקרבת הקרבן פסח בביהמ״ק השלישי ביום י״ד בין

---

25) בספרו גבורת ה׳ פס״א. וראה לקו״ש פסח תשמ״ח. 26) בא יב, ג. 27) שם, כא. *27) מכילתא עה״פ ועוד. 28) בא י, ט. 29) ישעי׳ כו, יט. 30) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א. 31) נוסח ביעור חמץ. 32) ישעי׳ כו, יט.

הערביים. ובי"ד בערב - "ונאכל[33] שם מן הזבחים ומן הפסחים ונודה לך שיר חדש על גאולתנו ופדות נפשנו", א גאולה שאין אחרי' גלות[34]. און ס'וועט אויך "נגלה[35] עליהם ממה"מ הקב"ה בכבודו ובעצמו", ווי ס'געווען ביי גאולת מצרים.

וכאמור, תיכף ומיד ממש ברגע זה, אזוי אז ברגע שלאח"ז איז די גאולה שוין אן ענין פון עבר!

ה. ויש לקשר זה מיט דעם מזמור תהלים וואס מ'האט אנגעהויבן זאגן בי"א ניסן - מזמור פט:

אין התחלת המזמור - "משכיל לאיתן האזרחי" - זיינען דא כמה פירושים: דאס גייט אויף אברהם אבינו[36], ד.ה. אז דאס איז אן ענין פון עבר; און א צווייטן פירוש (וי"ל תכלית הפירוש בזה) פון אלטן רבי'ן[37] - אז דאס גייט אויף יעדער איד, וואס ביי עם איז דא די בחינה פון משכיל לאיתן, וועלכע איז "האזרחי", "מזריח לכל הכחות והחושים", וואס לפי דער פירוש איז דאס אן ענין פון עתיד, אזרח ל' עתיד, ווייל שלימות הענין וועט זיין בגאולה העתידה[38]. און כ"ק מו"ח אדמו"ר איז מוסיף ביאור (בתורה זו)[39] אז בחי' משכיל לאיתן איז אויך מזריח ומאיר **בהוה** ביי יעדער איד.

ועאכו"כ בשעת די גאולה קומט תיכף ומיד ממש, ווערט דעמאלט די שלימות פון "משכיל לאיתן האזרחי", אזוי אז דאס ווערט אן ענין שבעבר ביי יעדער איד.

וסיום המזמור - "ברוך ה' לעולם אמן ואמן", באווייזט[40] אויף גמר ושלימות "מעשינו ועבודתינו" פון המשכת (ברוך) הוי' בעולם, ביז אז די גאנצע וועלט ווערט א דירה לו ית' בתחתונים, עד בתחתון שאין תחתון למטה ממנו, אין זמן הגלות ומקום הגלות; וואס דורך דעם ווערט דער נצחון המלחמה - "אמן ואמן", גאולה האמתית והשלימה, אזוי, אז דער ערשטער "אמן" זאגט מען נאך אין הגלות, און תיכף ומיד איז מען ממשיך זאגן דעם צווייטן אמן אין די ערשטע רגעים פון די גאולה.

---

33) הגש"פ ברכת אשר גאלנו. 34) ראה תוד"ה ה"ג ונאמר - פסחים קטז, ב. 35) הגש"פ פיסקא "ויוציאנו" ופיסקא "מצה זו". 36) ראה בהנסמן בברכה י"א ניסן. 37) ראה קונטרס לימוד החסידות ע' 5-6. לקו"ת ר"פ ראה. נעתק ב"קובץ י"א ניסן שנת הפ"ט" אות ד-ה. 38) ראה לקו"ת שם. ובכ"מ. 39) ראה ד"ה וייצר תרפ"ה (תש"ח) ע' נט ואילך (סה"מ תש"ח ע' 61 ואילך). נעתק בקובץ הנ"ל אות טו. 40) ראה בכ"ז בארוכה קובץ הנ"ל אות סד ואילך.

און דערנאך איז מען ממשיך דעם מזמור שלאח״ז - מזמור צדי״ק, וואס איז פארבונדען מיט יעדער איד - ״ועמך[41] כולם צדיקים״, ווארום רצונו האמיתי איז צו מקיים זיין רצון השם, כפס״ד הרמב״ם הידוע[42]. ובהמשך המזמורים דמספר צדי״ק - ״מזמור[43] שיר ליום השבת״, ״ליום[44] שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים״.

ולהעיר, אז דער ענין פון ״ועמך כולם צדיקים״, איז פארבונדען במיוחד מיט ענין הקרבנות (וואס מ׳איז מקריב אין דעם ביהמ״ק בגאולה השלימה) ״רזא[45] דקורבנא עולה עד רזא דא״ס ב״ה״, דער כללות׳דיקער תוכן פון קרבנות איז - קירוב צו דעם אויבערשטן.

ו. און מ׳וועט מסיים זיין מיט דער ברכה - אמן כן יהי רצון, אויף כל האמור לעיל, ע״פ פס״ד הרמב״ם[46], אז ווען מ׳רעדט וועגן ענין הגאולה דארף מען פארענדיקן מיט דעם לשון ״אכי״ר״.

ודיוק הלשון בזה - (כן יהי) רצון: דער חפץ - פנימיות הרצון - פון דער אויבערשטער איז זיכער אזוי, און מ׳דארף דאס אפילו נישט זאגן; דער חידוש פון ״אכי״ר״ איז אז מ׳איז מגלה, אז אויך דער רצון בחיצוניות פון דער אויבערשטער איז - אז די גאולה זאל קומען ותומ״י ממש!

און נאכאמאל איבערחזער׳ן וועגן די הכרת תודה צו די אלע וואס האבן געשיקט ברכות וכו׳. ויה״ר אז דער אויבערשטער זאל ממלא זיין משאלות לבבם לטובה בגשמיות וברוחניות, און עס זאל מקויים ווערן ביי זיי און ביי יעדער איד און אלע אידן - כל ברכות השם, בכל הפרטים.

ועוד ועיקר - אז אלע אידן גייען צוזאמען מתוך שמחה וטוב לבב, אין ארץ הקודש, וירושלים עיר הקודש, והר הקודש, וביהמ״ק, בגאולה האמתית והשלימה.

און די שליחות מצוה לצדקה וואס מ׳גייט יעצט טיילן לכאו״א, אויף אפצוגעבן לצדקה, ובהוספה מדילי׳ - וועט נאכמער ממהר ומזרז זיין[47], אז די גאולה זאל קומען אין אן אופן פון ״לא*11 עיכבן אפילו כהרף עין״,

ועוד ועיקר - תיכף ומיד ממש.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א נתן לכאו״א שטר של דולר, כדי לתת אותו (או חילופו) לצדקה].

*

---

41) ישעי׳ ס, כא. 42) הל׳ גירושין ספ״ב. 43) צב, א. 44) תמיד בסופה. 45) ראה זח״ב רלט, א. ח״ג כו, ב. 46) הל׳ פרה אדומה ספ״ג. 47) ראה ב״ב י, א.

לעילוי נשמת

האשה מרת **מאריאשע** ע״ה

בת **ר׳ אברהם** ע״ה

שיף

נפטרה יום ב׳, ז׳ ניסן היתש״נ

ת.נ.צ.ב.ה.

■

נדפס ע״י

הרה״ת ר׳ **גרשון דובער** וזוגתו מרת **חי׳ צבי׳** שיחיו

יעקבסאן

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד. טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213

TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ שמיני
מבה"ח אייר
ה'תש"נ

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי — ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי' תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס״ד. השלמות לשיחת ש״פ שמיני, מבה״ח אייר ה׳תש״נ.

הנחת התי בלתי מוגה

[בענין ירידת המקדש למטה]:

א. און בשעת דער מקדש וועט יורד זיין למטה זיינען פאראן פארשידענע עבודות וואס מ׳וועט דארפן טאן אין מקדש, און דאס גופא איז תלוי אין דעם זמן ווען דער מקדש וועט יורד זיין, וואס במשך היום זיינען פאראן כמה שעות ורגעים, וכל שעה ורגע עביד עבידתי׳, כמילא איז דא א חילוק צי דאס איז בבוקר, אדער באמצע היום, אדער אין דעם איצטיקן זמן (פאר מנחה); אבער בכל אופן (ווען דער מקדש וועט נאר יורד זיין) וועט דער ערשטער מצוה זיין - די מצוה פון שמירת המקדש, לויט די דיעות אז די מצוה איז בכל היום ובכל הלילה.

[השייכות דשמירת המקדש עם יום השבת]:

שבת אין דער ענין פון "משמרת" אין זמן, כמ״ש "ושמרתם את השבת".

[בהקשר דענין שמירת המקדש בסוף הל׳ ביהב״ח וענין שמן המשחה בתחלת הל׳ כלי המקדש]:

ע״ד ווי שמירת המקדש איז סיי א מצות עשה און סיי א מצות לא תעשה, איז אזוי אויך בנוגע צו שמן המשחה, ווי דער רמב״ם שרייבט בתחלת הל׳ כלי המקדש, און אויך אין דעם חשבון המצוות קודם ההלכות.

ולהעיר, אז שמן המשחה האט משה רבינו רבינו געמאכט און נאכדעם האט מען עס נאכאמאל ניט געמאכט, און מ׳געפינט ניט אז מ׳זאל אויף דעם מאכן א זכר בגשמיות אדער ברוחניות.

[בנוגע העבודה רוחנית ד״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״]:

און ווי מ׳האט גערעדט און געשטורעמט וועגן דעם כו״כ פעמים. - און דאס וואס מ׳שטורעמט ניט וועגן דעם בא יעדער געלעגנהייט - איז דאס ניט דערפאר וואס אין דעם איז געווארן א שינוי וחלישות ח״ו, נאר ווייל ס׳איז ניטא קיין צייט צו שטורעמען וועגן אלע ענינים, און מ׳פארלאזט זיך אז מצד גודל הפשטות אין חשיבות הענין, וועט מען עס אליין טאן, און מ׳דארף וועגן דעם ניט איבער׳חזר׳ן יעדן מאל נאכאמאל.

[בענין שכל עניני האדם חביבים הם, אפילו עניני חול]:

ובפרט ע"פ תורת הבעש"ט הידועה בענין השגחה פרטית, אז יעדער פרט, אפילו ווי א בלעטל קערט זיך איבער דורך דעם רוח, איז נוגע אין מחשבה הקדומה דא"ק.

נאר אין דעם גופא דארף זיין נאכמער חביבות צו אן ענין שבקדושה, ובזה גופא - כמה דרגות, כנ"ל.

[בענין פי' הבעש"ט שההתהוות היא בכל רגע]:

וכידוע דער ביאור אין דעם לשון "פירש הבעש"ט", אז דער בעש"ט האט דאס פאנאנדערגעשפרייט, און אזוי איז דאס הולך ומתפשט מדור לדור, ווי מ'זעט בפועל.

[בענין ימי הספירה]:

וואס בשעת מ'איז מסיים אלע ימי הספירה האט מען דעם פון "תמימות", און דאס ווערט נמשך אין אלע ימי הספירה, ביז תחלת הספירה, ובפרט אז נעוץ סופן בתחלתן - דער סיום ושלימות (תמימות) הספירה איז נעוץ אין תחלת הספירה. ובפרט ע"פ הידוע די צוויי חשבונות אין די ספירות, צי מ'הויבט אן פון חסד שבחסד, אדער פון מלכות שבמלכות, דערנאך יסוד שבמלכות וכו'.

ולהעיר פון די חקירה הידועה, אז בשעת משיח קומט באמצע ימי הספירה, און דעמולט וועט דאך ספירת העומר זיין מן התורה - אויב מ'וועט קענען ממשיך זיין קיום מצות ספירה העומד מיט א ברכה מן התורה, כאטש אז התחלת הספירה (לפני ביאת המשיח) איז געווען מדרבנן, ובמילא איז דא א סברא זאגן אז עס פעלט אין דעם "שבע שבתות תמימות תהיינה".

אזוי איז אויך די שאלה בנוגע צו קרבן עומר: אויב משיח וועט קומען באמצע ימי הספירה - צי מ'וועט ברענגען דעם קרבן עומר (וואס דורך דעם וועט מצות ספירת העומר מן התורה). ועד"ז דארף מען וויסן אויך בנוגע צו דעם דין קרבן שתי הלחם בחג השבועות, וואס איז תלוי אין די דעם "וספרתם לכם שבע שבתות תמימות".

ויה"ר אז די גאולה זאל קומען תיכף ומיד ממש, נאך פאר די ספירה פון היינט באנאכט, און דעמולט וועט מען זיך קאכן ניט אין די שקו"ט פון די אלע ענינים נאר אין קיום הענינים בפועל, און מ'וועט דעמולט פרעגן אלע שאלות ביי אהרן כהן גדול און משה רבינו, משה ואהרן עמהם,

הנחת הת' בלתי מוגה

בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, און אלע אידן גייען אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הבית, לביהמ״ק השלישי, ועוד ועיקר - באופן פון מראה באצבעו ואומר זה.

* * *

[בענין אמירת פרקי אבות]:

ב. ווי דער אלטער רבי שרייבט בסידורו: ״נוהגין לומר פרקי אבות פרק אחד בכל שבת שבין פסח לעצרת במנחה״, און ואע״פ אז דער אלטער רבי איז ממשיך אז נאר ״יש נוהגין כך כל שבתות הקיץ״ - איז אזוי מנהג חב״ד צו זאגן פרקי אבות בכל שבתות הקיץ [ובסוף ימי הקיץ - ב׳ פרקים בכל שבת].

ולהעיר, אז נוסף צו אמירת הפרק, אזוי ווי מ׳זאגט כל עניני תפלה (באופן דעקימת שפתיו הוי מעשה), ניט פארפעלנדיק א ווארט ח״ו, דארף מען אויך לייגן א הדגשה אויף דער כוונה שבזה, וואס דאס איז דער נשמה פון דער זאך.

און די החלטה בזה ווערט מקויים אז ״מחשבה טובה הקב״ה מצרפה למעשה״, ער שטעלט צו א מעשה (וואס איז ״אויפן וועג״) צו דער מחשבה, און זיי ווערן ביידע א דבר שלם).

[בענין חלק אלוקה ממעל ממש]:

מיט אלע פירושים אין דעם ווארט ״ממש״, כמדובר כמ״פ במשך שנה זו ושנה שעברה, ויש להוסיף בזה כמה וכמה.

[בנוגע לזה שישראל הם ״חטיבה אחת בעולם״]:

און דאס איז דוקא בעולם - דורך זיי ווערט א דירה לו יתברך בתחתונים, אין עוה״ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו - א דירה לו לעצמותו, כידוע אז אין א דירה געפינט מען זיך בכל העצמות ומהות, ועאכו״כ מיט אלע זיינע נכסים.

ויה״ר אז דאס זאל אויפגעטאן ווערן בפועל ובגלוי תיכף ומיד ממש, נאך ביום שבת זו אדער שבת זה, אדער ״שבתות״ (ל׳ רבים) ווי מ׳זאגט בתפלת מנחה, וואס ״שבתות״ איז כולל (עכ״פ) שתי שבתות - ואחז״ל אז דורך שמירת שתי שבתות כהלכתן נגאלין ישראל (וכמבואר בכ״מ אז בכל שבת זיינען פאראן שתי שבתות, דעיסקא דשבתא כפול), וואס אידן האבן דאך שומר געווען א סך מער ווי שתי שבתות - דארף שוין זיכער זיין דער נגאלין מיד,

הנחת הת׳ בלתי מוגה

און עס ווערט נתגלה בשלימות ווי ״כל ישראל יש להם חלק לעוה״ב״, בעולם התחי׳, און דאס ווערט תיכף ומיד - כידוע אז צדיקים קמים מיד, ״ועמך כולם צדיקים״,

און פון ״ויהי ביום השמיני״, ״תשרה שכינה במעשה ידיכם״, קומט מען צו ״אשה כי תזריע וילדה זכר״, וואס דאס גייט אויך אויף דעם שיר חדש לשון זכר דלע״ל, וכמבוא בתוס׳ אין פסחים, און דוקא בעמוד שני - דער שיר חדש על גאולתנו ועל פדות נפשנו, בקרוב ממש ממש, בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

* * *

[בענין ההשתדלות שכל ילד מישראל ישהה במחנה קיץ על טהרת הקודש]:

ג. והבא לטהר מסייעין אותו.

און אזוי אויך בנוגע צו כל עניני העבודה פון א אידן בלימוד התורה וקיום המצוות, כולל בלימוד כל התורה, וואס דאס איז במיוחד דורך לימוד הרמב״ם. דערפאר איז כאן המקום להעיר וועגן די וואס האבן זיך עוסק געווען אין סיומי הרמב״ם, און וועלן זיכער ממשיך זיין אין דעם.

און דאס אלעם איילט נאכמער צו די גאולה האמיתית והשלימה, והקיצו ורננו שוכני עפר, און דער רמב״ם בתוכם, צוזאמען מיט אלע תנאים ואמוראים, ביז משה רבינו, וואס ״משה קיבל תורה מסיני״, כולל כל התורה כולה [וכמבואר בירושלמי אז די שני לוח-ות הברית, וואס ״מזה ומזה הם כתובים״, זיינען כולל כל התורה כולה], אויך פנימיות התורה, ואדרבה - פנימיות התורה איז גע-ווען בגלוי בשעת מ״ת, ״ומסרה ליהושע״, ביז ״והעמידו תלמידים הרבה״, די תלמידים וואס מ׳האט אויפגעשטעלט בכל דור ודור, ביז דורנו זה.

און מ׳האט אויף דעם נאכמער כח פון פרשת השבוע (דהגם אז מ׳שטייט שוין בסמיכות צו תפלת מנחה וקריאת פרשה הבאה, איז מען נאך אלץ אין ש״פ שמיני) - תפלת משה ואהרן ״ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם״, כולל אלע דרגות אין שכינה, פון מלכות דעשי׳, מלכות דאצילות, ביז ווי שכינה איז למעלה מעלה - קוב״ה ושכינתי׳, וואס ״אנא עבדא דקוב״ה״, ווי מ׳האט געזאגט היינט אינדערפרי, און אזוי אויך בתפלת יו״ט פסח (שממנו אזלינן), צוזאמען מיט זאגן (כנוסח התפלה ווי ס׳איז נתפשט געווארן בתפוצות ישראל): ״ויתקיים בנו

מקרא שכתוב, ונחה עליו רוח ה׳ גו׳ רוח דעת ויראת ה׳״, וואס דאס גייט אויף משיח צדקנו.

ולאחרי תפלת משה ואהרן איז געווען ״וירא כבוד ה׳ אל כל העם״, און דערנאך - ״ותצא אש מלפני ה׳״, וואס בעבודה רוחנית - גייט דאס אויף דעם אש תמיד וואס איז דא בא יעדער איד בלבו פנימה, ״אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה״, און צוזאמען דערמיט האט עס די מעלה אז דאס ברענט ״מערב עד בוקר״, די מעלה פון אתכפיא ואתהפכא, וואס די מעלה וועט זיין אויך לע״ל.

ביז מ׳קומט צו סיום פ׳ שמיני, וואו עס רעדט זיך וועגן די דברים הנאכלים (״אשר תאכלו״) און דברים שאינם נאכלים (״לא תאכלו״), ע״ד דער כללות החילוק צווישן מצות עשה און מצוות לא תעשה, אנהויבנדיק פון ״אנכי ולא יהי׳ לך״ (שנאמרו בדיבור אחד), סיי די עבודה באופן חיובי (״אשר תאכלו״) און סיי די עבודה באופן פון שלילה (״לא תאכלו״), וואס דאס האט אין זיך די מעלה פון אתכפיא ואתהפכא, וואס די מעלה וועט זיין אויך לע״ל, אע״פ וואס דעמולט ״ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ״, ע״ד ווי דער רמב״ם שרייבט בנוגע צו מצות מחיית עמלק לע״ל, אז אילו יצוייר עס וואלט געווען, וואלט מען דאס מקיים געווען.

ויה״ר אז אזוי זאל גלייך זיין בפועל תיכף ומיד ממש - גאולה האמיתית והשלימה, והקיצו ורננו שוכני עפר, ומשה ואהרן עמהם, און נשיא דורנו בראשנו, וואס שמו איז ״יוסף יצחק״, וואס דאס גייט אויף דער עבודה פון ״יוסף ה׳ לי בן אחר״, און אויך ״יוסיף ה׳ שנית יד לקנות את שאר עמו גו׳״, פון אלע שבע ארצות ״ומאיי הים״, און דער טעם לזה איז מובן בפשטות - ווייל יעדער איד איז ״נצר מטעי מעשה ידי להתפאר״, כנ״ל,

ולא עכבן אפילו כהרף עין, תיכף ומיד ממש.

* * *

ד. ס׳איז אויך רגיל אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח פאר פארשידענע התוועדויות זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, און איינלאדען די מסובים, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ויה״ר אז נאך פאר די התוועדויות אדער אנדערע פעולות טובות - זאל קומען משיח צדקנו, ותיכף ומיד ממש.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

---- * ----

הנחת הת׳ בלתי מוגה

לעילוי נשמת

הרה"ח הרה"ת ר' **מיכאל**

בן הרה"ח הרב **חיים צבי** ע"ה

ליפסקער

נפטר עש"ק, ה' אייר, ה'תשמ"ה

■

נדפס ע"י

אשתו מרת **טויבא** תחי' **ליפסקער**

בתו מרת **שרה** ובעלה הרה"ת ר' **עזריאל** ומשפחתם שיחיו

חייקין

בנו הרה"ת ר' **חיים צבי** וזוגתו מרת **חנה** ומשפחתם שיחיו

ליפסקער

בתו מרת **בת שבע** ובעלה ר' **ישראל דוב** ומשפחתם שיחיו

קארפ

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ תזו״מ
ג׳ אייר
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי׳ תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
ארבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ תזו"מ, ג' אייר ה'תש"נ.

הנחת התי' בלתי מוגה

[בענין שבאכילה תלוי חיות האדם]:

א. ווי עס שטייט (עקב ח, ג) "לא על הלחם לבדו יחי' האדם כי על כל מוצא פי הוי' יחי' האדם", ד.ה. אז "יחי' האדם" איז זיכער דורך לחם, נאר דער פסוק איז מוסיף אז ס'איז ניט נאר "על הלחם לבדו" נאר אויך "על מוצא פי הוי'".

[בענין "וספרתם לכם ממחרת השבת"]:

"וספרתם" מיט ביידע פירושים: (א) מלשון סיפור, ע"ד "השמים מספרים כבוד א-ל", "תהלתי יספרו", אנהויבנדיק דורך אידן - וואס זיי זיינען מספר בתהלת ה', דורך זייער עצם מציאות, "מעשה ידי להתפאר", און דערנאך - דורך תורה, (ב) מלשון ספיר, שיינען.

[סיום השיחה]:

און אלע אידן גייען צוזאמען, אלס א "קהל גדול", באופן פון "ישובו הנה", הנה אויך מלשון שמחה - אין דעם אמת'ן "אריבער" - די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

* * *

ב. דער עיקר לימוד וואס מ'דארף ארויסנעמען פון "מלכתחילה אריבער" איז - די הוראה אין מעשה בפועל, א דבר השוה לכל נפש - אנשים נשים וטף, אז זייער הנהגה אין אלע זייערע ענינים, וואס "אני נבראתי לשמש את קוני", דארף זיין באופן פון "מלכתחילה אריבער".

ולהוסיף, אז דאס איז אויך מרומז אין דעם לשון חז"ל "אני נבראתי לשמש את קוני" - כידוע אז "קוני" איז דער תואר הכי נעלה צווישן די ד' תוארים פון דעם אויבערשטן, "ברוך עושך, ברוך יוצרך, ברוך בוראך", ולמעלה מכולם - "ברוך קונך".

ועד"ז בא דעם אדם המשמש את קונו איז דער תואר "אדם", וואס באווייזט אויף שלימות האדם, שלמעלה פון די שלשה תוארים שלמטה מזה (איש, גבר, אנוש), איז אן ענין פון "אריבער",

וכמרומז אין דעם לשון ״אדם״ ע״ש אדמה לעליון: דאס גופא אז אן אדם הנברא זאל זיין דומה לעליון - איז אן ענין פון ״מלכת-חילה אריבער״. ובפרט לויט דעם פירוש אין ״אדמה לעליון״ למעל-יותא, אז (ניט ער איז למטה מעליון און דארף אנקומען צו ״הקב״ה עוזרו״, נאר) ער איז למעלה מעליון כביכול (און נאר דומה אליו), ע״ד מאחז״ל אז ״הקב״ה חייך ואומר נצחוני בני נצחוני״,

און דאס איז א נצחון (נצחוני) וואס ווערט אויפגעטאן ניט דורך עבודה, ווארום דאס איז העכער פאר עבודת האדם - ע״ד בחי׳ אתעדל״ע וואס איז העכער פאר דער אתעדל״ע וואס קומט דורך אתעדל״ת, די אתעדל״ע וואס לא שריא אלא באתר שלים - ״מלכתחילה אריבער״.

און דורך דעם וואס מ׳איז זיך מקשר מיט דעם בעל יום ההולדת פון ב׳ אייר, דורך גיין בדרכיו ובאורחתיו אשר הורנו, כולל ובמיוחד די הנהגה באופן פון ״מלכתחילה אריבער״ - באקומט מען דורך אים אלע ברכות באופן פון ״מלכתחילה אריבער״, באופן פון ״טרם יקראו ואני אענה״, און אן עני׳ וואס איז שלא בערך להקריאה.

[בענין הנוסח הרבש״ע שאומרים לאחרי ספיה״ע ״ואטהר ואתקדש בקדושה של מעלה״]:

און מ׳איז ממשיך ״ועל ידי זה יושפע שפע רב בכל העולמות״, ובדיוק ״שפע רב״ און ניט ״אור״ - כמבואר בכ״מ בחסידות אז שפע איז ניט א הארה בעלמא נאר דאס איז א דבר שיש בו ממש [מיט אלע פירושים אין ממש, כמדובר בהתוועדות שלפנ״ז, וכמ״פ], אז ניט נאר וואס מ׳קען דאס זען, נאר מ׳קען דאס אנטאפן מיטן חוש המישוש.

[בנוגע הפירוש של אדנ״ע ב״בכבודו ובעצמו״, שזה קאי על מלכות דא״ס ועל עצמות דא״ס שלפני הצמצום]:

וואס דער פירוש פון דעם רבי׳ן נ״ע (בנו וממלא מקומו פון דעם בעל יום ההולדת פון ב׳ אייר, ובמילא איז מובן אז ביי אים זיינען אלע ענינים אויך באופן פון ״מלכתחילה אריבער״) איז אויך אן ענין פון ״מלכתחילה אריבער״ - ״בכבודו ובעצמו״ ווי דאס איז **לפני** הצמצום.

און ווי דער פירוש איז שוין איבערגעגעבן ונתפרסם געווארן דורך נשיא דורנו כ״ק מו״ח אדמו״ר, וואס שמו איז יוסף יצחק, והנשיא הוא הכל.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ויש לקשר זה מיט התחלת הפרק פון דעם שבת, ״רבי אומר כו׳״, וואס ער ווערט דא אנגערופן ניט בשם ״רבי יהודה הנשיא״ (ווי עס שטייט לאחרי זה), נאר ״רבי״ סתם, וואס איז כולל דעם פירוש אז דאס איז ניט קיין תואר (אפילו א תואר נעלה), נאר דאס איז שמו ועניננו - אז ער איז דער רבי פון אלע אידן, כפשטות ענינו פון רבינו הקדוש (רבי), אז ער האט מסדר געווען ש״ס משנה, אלס רבינו פון אלע אידן עד סוף כל הדורות.

און ווי מ׳וועט אויך זאגן - חלקים פון די ש״ס משנה - אין ״תיקון ליל שבועות״. - ולהעיר מהדבר פלא אז דאס ווערט אנגערופן בשם ״תיקון שבועות״, וואס אע״פ אז דאס איז בפשטות ע״ש זה וואס דאס איז נתתקן געווארן צו זאגן שבועות, האט עס אויך א שייכות מיט די אנדערע פירושים אין דעםווארט ״תיקון״, כולל - אז דאס טוט אויף א תיקון, און דורך דעם ווערט נתקקן דער ענין פון שבועות. וואס דערפאר זאגט מען דאס בליל שבועות, נאך פאר די עשרת הדברות (שבועות ביום).

ולהעיר פון דעם וואס וואס כ״ק מו״ח אדמו״ר האט דערציילט אז ר׳ הלל פאריטשער פלעגט זאגן ״תיקון שבועות״ביידע נעכט שבועות. אבער דאס איז געווען א הנהגה פרטית שלו (ווייל עיקר אמירת התיקון דורך אלע אידן איז נאר בליל ראשון) - אע״פ וואס וויבאלד אז מ׳האט וועגן דעם דערציילט אלע אידן, דארף מען דאס אויסנוצן און דערפון ארויסנעמען א הוראה בעבודת האדם, במכ״ש דערפון וואס א איד דארף מנצל זיין (אויסנוצן) אלע ענינים, אפילו עניני חול, אין עבודת ה׳, וכמ״ש ״ונצלתם את מצרים״, כולל דעם פירוש - ״ונצלתם״ אויסנוצן אפילו די ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט מיצרים וגבולים.

[בענין השיעור יומי ברמב״ם בריש הל׳ איסורי מזבח]:

און מ׳פארבינדט דאס מיט א סיום והתחלה בהלכות ברמב״ם [ר״ת ״רבות מופתי בארץ מצרים״, אפילו אין די מיצרים וגבולים פון גלות]. - וכאן המקום צו מעורר זיין נאכאמאל וועגן זיך משתתף זיין אין לימוד שיעור היומי בספר הרמב״ם, אדער בספר המצוות, וכמדובר כמ״פ.

[סיום השיחה]:

ובפרט דורך די אלע החלטות וואס אידן נעמען אן, ובמיוחד - אין דעם ביהכנ״ס וביהמ״ד ובית מעשים טובים פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו.

און עס ווערט מקויים בפועל די בקשה פון אידן (אין דעם ״הרחמן״ וואס מ׳זאגט נאך ספירת העומר) ״הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה במהרה בימינו אמן סלה״, און מ׳איז דארטן מקריב אלע קרבנות, תמידין כסדרן ומוספין כהלכתן, און אויך דעם קרבן שתי הלחם [כידוע די שקו״ט וחקירה בזה, אויב משיח קומט באמצע ימי הספירה], וואס דאס איז דער קרבן פון די ערשטע חטים פון דער תקופה חדשה, לאחרי קצירת הארץ,

און אלע אידן גייען אין ארץ הקודש, מיטנעמענדיק מיט זיך אלע בתי כנסיות ובתי מדרשות, כולל דעם ״מקדש״ וואס יעדער איד (כולל - קינדער) האט געמאכט פון ביתו הפרטי, וארו עם ענני שמיא, ולא עכבן אפילו כהרף עין - באופן אז מ׳קען דאס אנווייזן אויפן זייגער, תיכף ומיד ממש.

* * *

[בענין ״מצורע״, ״בדד ישב גו״״, שרומז על הגלות, בנים שגלו מעל שולחן אביהם]:

און אידן זיינען גלייך זוכה צו ווערן צוריק סמוך על שולחן אביהם [סמוך בכל כחו], און מ׳פראוועט אלע צוזאמען א חסיד׳ישער פארברענגען על שולחנו של הקב״ה, צוזאמען מיט דעם אויבערשטן, חסידו של עולם, בראשנו.

ולהעיר מביאור שינוי לשון אגה״ק, וואס איין מאל שטייט דארטן ניט דער לשון חסיד ווי עס שטייט גלייך לאחרי זה - ווייל דאס רעדט זיך וועגן חסדים הנסתרים שלמעלה מגילוי, דערפאר שטייט ניט ״חסיד״. אבער די תכלית ושלימות פון די חסדים, איז, אז זיי זאלן ניט זיין מוגבל צו דארפן בלייבן בהעלם והסתר, נאר זיי זאלן נתגלה ווערן למטה בעוה״ז הגשמי, באופן פון מראה באצבעו ואומר זה.

[בענין כלות הנפש של נדב ואביהוא ״בקרבתם לפני ה׳״]:

און דאס וואס משה רבינו האט געזאגט אז ״יודע הייתי שיתקדש הבית במיודעיו של מקום והייתי סבור או בי או בך״ - וואס זיכער איז דאס אויך אליבא דאמת, ווארום משה אמת ותורתו אמת - יש

לומר, אז דאס איז דערפאר וואס יפה כח הבן מכח האב, כידוע דער פירוש בזה, אז דאס וואס יפה כח הבן איז דאס גופא מכח (פון דעם כח) האב, ובנדו״ד - דער כח פון אהרן אבי נדב ואביהוא.

און דערפון ווערט נמשך דער כח אז בא יעדער איד זאל זיין ״בקרבתם לפני ה׳״, אלס **נשמות בגופים** דוקא, ע״ד ובדוגמת ווי דאס איז געווען בא אליהו הנביא שעלה בגופו בסערה השמימה [וואס פינחס זה אליהו, און פינחס האט מתקן געווען די ענינים פון נדב ואביהוא]. ד.ה. אז בא יעדער איד איז דא די שלימות פון כלות הנפש ווי ער איז און בלייבט א נשמה בגוף, לאריכות ימים ושנים טובות, והיו ימיו מאה ועשרים שנה, ביז ״כימי העץ ימי עמי״, די ימים פון יעדער איד און אלע אידן, אנשים נשים וטף [וואס אויך בא טף שטייט ״חנוך לנער ע״פ דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו״].

[בענין טהרה וקדושה, קדושים תהיו:]

ביז מ׳דערגרייכט א טהרה וואס איז נאך העכער פאר קדושה, כמדובר כמ״פ בביאור לשון הרמב״ם (סוף הל׳ מאכלות אסורות) ״קדושה (און דערנאך) וטהרה יתירה לנפשו״.

און עס ווערט - ווי דער רמב״ם שרייבט (סוף הל׳ תמורה) אז דיני התורה זיינען ״לתקן הדיעות ולישר כל המעשים״, ובלשון הרמב״ם במ״א (סוף הל׳ שחיטה): וערך אותנו נר ליישר המעקשים ואור להורות נתיבות היושר, וכן הוא אומר נר לרגלי דבריך ואור לנתיבתי״, ע״ד די ענני הכבוד אין מדבר וועלכע האבן אויסגעגלי-כן די דרכים - עס זאל זיין א ״דרך ישרה״.

[בענין הפ׳ שבספר ויקרא:]

וואס ספר ויקרא ווערט אנגערופן ספר הקרבנות, און אין דעם גופא - האלט מען שוין נאך חצי הספר, לאחרי ״דרש דרש״, ״שתי דרישות״, וואס דאס גייט אויך אויף נגלה דתורה און פנימיות התורה.

* * *

ד. אין דעם שבת קומט אויך פאר א כינוס פון נשי ובנות ישראל (וועלכע האט זיך אנגעהויבן פאר שבת, און ווערט נמשך ביום השבת און במוצאי שבת), פארבונדן מיט דער עבודה פון הפצת היהדות בכלל, און הפצת המעינות חוצה במיוחד.

ובפרט אז מ׳האט עס אויך פארבונדן מיט ענין השליחות - שלוחים ושלוחות בכל מקום ומקום - וכמדובר כמ״פ אז יעדער איד איז א שליח פון דעם אויבערשטן צו מאכן א דירה לו יתברך בתחתונים. ובפרטיות זיינען דא צווישן אידן גופא די וואס זיינען אויסגעקליבן געווארן און געשיקט געווארן אלס שלוחים ושלוחות בכו״כ מקומות בעולם צו זיך עוסק זיין אין הפצת היהדות והמעינות חוצה - סיי שלוחים, סיי שלוחות און כל בני ביתם, אויך טף [ואדרבה - קינדער טוען אלע ענינים מיט מער תמימות, און פשט׳לעך וכו׳, און דערפאר שטייט ״כי נער ישראל ואוהבהו״].

זיכער וועט דער כינוס צוגעבן נאכמער עידוד וחיזוק אין זייער עבודה, ואיש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק, כולל - אז דורך דעם קומט צו כח אין דער עבודה פון שלוחים ושלוחות בכל מקום שהם, ניט נאר במדינה ההיא ובעיר זה כו׳, נאר בכל מקום - מהם יראו וכן יעשו רבים בכל מקום ומקום.

ובפרט אז דער כינוס איז ניט נאר לשם שמים, נאר דער כינוס אליין איז פארבונדן מיט שמים עצמו - מיט אננעמען החלטות טובות פארבונדן מיט אבינו שבשמים, ובפרט אז מ׳האט עס אויך פארבונדן מיט א חסיד׳ישער התוועדות. אן דערצו איז דאס אויך בשנת הארבעים, ווען ״נתן ה׳ לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״, כנגד חכמה בינה ודעת [עינים לראות - חכמה, אזנים לשמוע - בינה, און לב לדעת - דעת, און מיטן ״לב״, מיט פנימיות הלב וחיצוניות הלב, כנגד מזבח הפנימי והחיצוני, כמבואר אין דעם בריוו (די״א ניסן שנה זו)] - וואס אין דעם במיוחד איז דער עבודה פון הפצת המעינות חוצה.

ובפשטות - אז דער כינוס גיט אלעמען אריין נאכמער כח ועידוד אז די עבודה אין הפצה שבעבר זאל צוגעבן נאכמער כח אין דער הפצה שבעתיד,

ביז די נקודה העיקרית והכללית פון אלע ענינים - אז עס קומט גלייך די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, און דעמולט וועט זיין די שלימות פון הפצת המעינות חוצה, פון ״תורה חדשה מאתי תצא״, די מעינות אליין, ובאופן פון יפוצו, ביז אין חוצה, בכל נקודה פון זמן ומקום,

ותיכף ומיד ממש.

* * *

הנחת הת׳ בלתי מוגה

[סיום השיחה]:

ה. ס׳איז רגיל בכגון דא, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח, זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מסביר זיין וואס זייער כוונה איז דערביי געווען, און איינלאדען די מסובים כאן. ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ועוד ועיקר - אז דאס זאל נאכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יהי״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״. ״ניעט ניעט ניקאווא״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

לעילוי נשמת

הווי״ח אי״א נו״נ עוסק בצרכי ציבור בעל מדות וכו׳

ידיד בית רבי

התמים ר׳ **פנחס טודרוס**

ב״ר **בנימין** ז״ל

אלטהויז

מניקוליוב

נפטר ביום עש״ק ט׳ אייר ה׳תשכ״ג

ומ״כ בעה״ק צפת ת״ו

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ אמור
י״ז אייר ערב ל״ג בעומר
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי׳ תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
ארבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ אמור, ערב ל"ג בעומר ה'תש"נ.

חנחת התי בלתי מוגה

[בענין אחדות ישראל שנעשה ע"י התורה, תורה אחת]:

א. תורה איז למעלה פון די מדידות והגבלות פון סדר השתלשלות, ניט נאר "אלפיים שנה קדמה תורה לעולם", וואס דאס איז נאך בערך ובגדר זמן (אלפיים שנה), נאר אינגאנצן שלא בערך ובגדר זמן ומקום. וביחד עם זה קומט תורה אראפ אין זמן ומקום, און גיט אויך דעם כח אז אידן געפינענדיק זיך למטה "מפוזר ומפורד בין העמים", זאלן זיין אן עם אחד, פארבונדן מיט תורה אחת און ה' אחד.

[בענין החינוך, "להזהיר גדולים על הקטנים", להזהיר מלשון זהר ואור]:

ובאופן פון "והעמידו תלמידים הרבה", וכמדובר כמ"פ אז דאס איז כולל דעם פירוש, אז יעדער תלמיד איז אין אן אופן פון "הרבה" - א ריבוי מחשבות טובות, דיבורים טובים ומעשים טובים [וואס דאס איז שייך אויך צו א קטן - קטן יש לו מעשה, הגם אז אין לו מחשבה].

[בענין ל"ב אייר, אותיות לב]:

וואס דאס איז מרמז אויף דער עבודה פון "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך" [ווי מ'זאגט אין ק"ש ג' פעמים ביום, ופעם ד' - בק"ש שעל המטה], ביז אויך "בכל נפשך ובכל מאדך", וואס דאס איז כולל אלע נכסי האדם.

[בנוגע הגאולה שבאה תיכף ומיד]:

און מ'איז דעמולט מקריב דעם קרבן תמיד של בין הערביים, דהגם אז "כולנו טמאי מתים", איז מען מקריב א קרבן ציבור (ועד"ז - א קרבן וואס קבוע זמנו) בטומאה. ואדרבה - דעמולט האט מען א מעלה נוספת, ע"ד ווי ס'איז געווען בנוגע צו פסח שני (בי"ד אייר), וואס איז ארויסגעקומען דורך דער טענה פון אידן "למה נגרע".

[בהמשך למזמור פ"ט בתהלים]:

און דערנאך איז מען ממשיך (אין מזמור צ) - "תפלה למשה", אז עס ווערט דער חיבור והתקשרות (תפלה מלשון התחברות) פון יעדער איד מיט בחי' משה שבקרבו. ובסיום המזמור - "ויהי נועם ה'

אלקינו עלינו ומעשי ידי כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו", "תשרה שכינה במעשה ידיכם" ובמעשה ידינו. און דערנאך, אין דעם מזמור שלאחרי זה - "ישב בסתר עליון", די התיישבות פון יעדער איד אין בחי' סתר עליון, בחי' הכתר.

ולהוסיף השייכות מיט ספר תהלים בכלל, וואס התחלתו איז "אשרי האיש", וואס "אשרי" איז בחי' הכתר, אשרי מלשון אושר און אויך מלשון עושר (מיט אן עי"ן), כידוע אז אל"ף איז זיך מתחלף בעי"ן (כמבואר בענין "אחד" (אין "שמע ישראל") און "ועד" (אין "ברוך שם כבוד מלכותו"), און ווי עס ברענגט זיך אויך אין סיום פון פרקי אבות: "ה' ימלוך לעולם ועד"), וואס דאס איז מרמז אויך אויף דער פעולה אויף די שבעים (ע') אומות העולם.

[בענין הסימן דשנה הבע"ל - "תהא שנת אראנו נפלאות"]:

ווי איינער האט מיר געשריבן אין א בריוו - דעם סימן פון דעם מספר פון דעם קומענדיקן יאר. וואס איצטער הויבט מען שוין אן דרוקן די לוחות פון שנה הבע"ל, בכדי אז מ'זאל דאס שוין האבן גרייט, מיט אלע מנהגי ישראל וואס מ'דרוקט אין די לוחות, פאר דעם קומענדיקן יאר. כידוע די לוחות וועלכע עס דרוקן פארשידענע מוסדות, אזוי ווי דער "לוח כולל חב"ד" וכיו"ב.

ולהעיר, אז אין דעם ענין פון א לוח איז אויך דא א הוראה אין עבודת ה': הגם אז א לוח הזמנים איז באשטימט (קבוע) פאראויס, און, מ'קען אין דעם לכאורה גארניט אויפטאן - האט באמת אבער א איד בכח צו משפיע זיין אויך אין זמן [כידוע אז א איד האט אין זיך דרגת השמש (בחי' משפיע), וואס איז משפיע זין זמן, און טוט אויף דעם ענין פון "ויהי ערב ויהי בוקר" (נוסף צו דרגת הלבנה, בחי' מקבל)] - דורך דעם וואס ער נוצט אויס דעם זמן צו דינען דעם אויבערשטן, וואס דורך דעם איז ער משפיע און טוו אויף אן עילוי אין דעם זמן עצמו, ע"ד ווי דאס איז אין דעם זמן פון ספירת העומר, אז א איד טוט אויף דעם "וספרתם לכם", כולל - "וספרתם" מלשון אבן ספיר (ע"ד השמים מספרים), אז ער מאכט אויף אז די טעג זאלן לייכטן; ועד"ז אויך בנוגע צו א לוח הזמנים - אז ער טוט אויף אין דעם זמן, ביז באופן פון חקיקה (בדוגמא חקיקת הלוחות), "בחוקותי תלכו".

[בענין גאולה האמיתית והשלימה]:

ווי אידן זיינען מתפלל בכל יום "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", וכיו״ב. ווארום הגם אז "עמו אנכי בצרה", און אידן געפינען זיך אין א מלכות של חסד, וידע איניש בנפשי' אז עס זיינען פאראן זמנים ווען ער שטייט אין א מצב פון שמחה אמיתית, אזוי ווי ביום השבת, וואס ענינו איז תענוג ושמחה - "וקראת לשבת עונג", כולל דורך אכילת בשר שמן ויין ישן וכו' - פונדעסטוועגן דארף א איד האבן די גאולה, ותיכף ומיד ממש, און דעמולט וועט מען עסן די סעודה דלע״ל, סעודת לויתן ושור הבר - די "געפילטע פיש" פון לויתן, און בשר ישן פון שור הבר.

און אלע אידן וועלן גיין אין ארץ הקודש, לירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ״ק השלישי, "מקדש אד' כוננו ידיך" [וואס אילו זכו וואלט דאס געווען בזמן משה, אבער צוליב סיבות איז דאס נתעכב געווארן ביז איצטער. אבער דורך דעם קומט צו ע״ד די מעלה פון עבודת התשובה אויף עבודת הצדיקים, וואס במקום שבע״ת עומדים צדיקים גמורים אין עומדים שם, ביז - אין יכולים לעמוד שם, וויבאלד אז דאס איז אינגאנצן שלא בערך].

[במעלת יום שבת זה]:

ובפרט אז אויף דעם שבת זיינען דא פאראן אורחים וועלכע זיינען אנגעקומען פון צפת עיר הקודש (איינער פון די ד' עיירות הקדושות), וועלכע איז נאענט צו מירון, מקום מנוחתו בקודש פון רשב״י. וכידוע דער מנהג ישראל בדורות שעברו (ווי עס ברענגט זיך אין ספרים, ספרי קבלה און ספרי נגלה), און אזוי פירט מען זיך עד היום הזה - אז אויף ל״ג בעומר גייט מען, צוזאמען מיט דער משפחה, צו מירון, און מ'טוט דארט פארשידענע ענינים. און בשעת ל״ג בעומר איז חל ביום ראשון (ווי בשנה זו) - גייט מען דארטן נאך פאר שבת, און מ'בלייבט דארטן אויך שבת, און מ'עסט סעודת שבת וכו'.

* * *

[בענין הכ״ב אותיות וכו' בספר יצירה]:

ב. ווי מ'ווערט עס אויך זאגן אין "תיקון ליל שבועות" (ווי מ'פירט זיך זאגן דעמולט די התחלה וסוף פון ספר יצירה, ווי פון אנדערע חלקים בתורה). וכמדובר אז "תיקון" איז אויך כולל דעם

הנחת הת' בלתי מוגה

פירוש מלשון מתקן זיין - אז דורך דעם קומט צו א תיקון ושלימות אין די ענינים פון שבועות.

[כענין החינוך]:

וואס חינוך איז דער יסוד לכל חיי האדם, ווי עס שטייט ״חנוך לנער ע״פ דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו״. - ולהעיר פון דעם קס״ד (ווי חסידים דערציילן) אז ״חינוך קטן״ און ״שער היחוד והאמונה״ זאל זיין דער חלק ראשון פון תניא, און א רושם פון דער קס״ד איז געבליבן בפועל, ווי דער אלטער רבי שרייבט אין חינוך קטן ״כמו שיתבאר״ בנוגע צו אן ענין וואס ווערט נתבאר אין לקוטי אמרים.

ובהמשך לזה איז כאן המקום צו דערמאנען אויף דעם וואס מ׳האט געערדט כמ״פ וועגן אפדרוקן דעם ספר התניא בכל מקום ומקום, און מ׳האט שוין געדרוקט מער ווי דריי טויזנט הוצאות - זאל מען זיך משתדל זיין, אז אין די תושבים וואס זיינען צוגעקומען בינתיים, זאל מען דארט אויך אפדרוקן א תניא, בדפוס וצורה נאה וכו׳.

* * *

ג. אזוי ווי מ׳גייט באלד דאוונען מנחה - איז כדאי אז די אורחים וועלכע זיינען אהערצו אנגעקומען פון ירושלים עיר הקודש און צפת עיר הקודש און פון כל העולם - זאלן איצטער זאגן ״לחיים״, ולחיים ולברכה, לחיים טובים ולשלום, ביז צו שלימות החיים - חיים נצחיים לע״ל, בפשטות ממש.

[האורחים שיחיו אמרו ״לחיים״, וניגנו ״ופרצת״].

* * *

[כענין ״מה טוב ומה נעים״, בחי׳ מ״ה שבנשמה]:

ד. וואס בחי׳ מ״ה איז אויך פארבונדן מיט משה (״ונחנו מה״), וואס זיין נאמען איז ראש וסוף תיבת מ״ה, און בינתיים קומט א שי״ן, וואס האט ג׳ קוים, כנגד אוריאן תליתאי. ולהעיר, אז אין תפילין של ראש איז דא א שי״ן של ג׳ ראשין און א שי״ן של ד׳ ראשין, ע״ד ווי די צוויי ענינים פון ״אמר״ (כנגד די ג׳ יסודות עיקריים) און ״ואמרת״ (וואו עס קומט צו דער יסוד הרביעי).

[סיום השיחה]:

ה. ס'איז אויך רגיל אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח - זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, און מזמין זיין די מסובים כאן - לאחרי וואס מ'וועט זינגען דעם ניגון ״שבת אחים גם יחד״, אויב ס'איז דא א ניגון אויף די ווערטער, און אויב ניט - זאל מען עס זינגען מיט דעם ניגון פון ״ופרצת״.

ויה״ר אז די אלע פעולות און התוועדויות זאלן נאכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

[ניגנו ״הנה מה טוב גו׳״ בניגון ״ופרצת״. לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שבינה ביהמ״ק כו׳״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

לזכות

הילד **מאיר** שיחי׳

לאורך ימים ושנים טובות

לרגל הכנסו לבריתו של אאע״ה

יום ג׳, כ׳ אייר

ה׳ תהי׳ שנת נסים

■

נדפס ע״י הוריו

הרה״ת ר׳ **חיים דניאל**

וזוגתו מרת **פרומה צבי׳** שיחיו

פיקרסקי

זקניו

הרה״ת ר׳ **שמחה בונים** וזוגתו מרת **שרה חי׳** שיחיו

פיקרסקי

הרה״ת ר׳ **ראובן** וזוגתו מרת **גולדה חי׳** שיחיו

דויטש

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד. טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213

TELEPHONE# (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ בהעלותך
ט"ז סיון
ה'תש"נ

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי' תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ בהעלותך, ט"ז סיון ה'תש"נ.

הנחת התי בלתי מוגה

[בענין קריאת התורה בשנה א']:

א. וואס דעמולט קומט אויס אז די ג"ן סדרי דאורייתא זיינען כנגד די נ"ג (בערך) שבתות השנה (מלבד די שבתות יו"ט).

[בענין ז' קני המנורה, כנגד הז' סוגי עבודה]:

די עבודה פון א איד באשטייט פון "ואהבת את ה' אלקיך", לית פולחנא כפולחנא דרחימותא, אבער דאס גופא טיילט זיך אויף ז' דרגות, פון חסד שבחסד ביז מלכות שבחסד (ווי דאס איז מודגש אין ספירת העומר). - בפרטיות יותר זיינען דא צען דרגות, אבער בכללות טיילן זיי זיך אויף די שבעה מדות, פון חסד (אהבה) ביז מלכות (קבלת עול), און יעדער מדה בפרט איז כלול פון אלע שבעה.

ועד"ז איז דאס אויך בנוגע צו אידן (מנורת זהב כולה), אז זיי טיילן זיך אויף שבעה סוגים, ובכללות יותר - אויף שלש (עמא תליתאי), כהנים לויים וישראלים (ר"ת כלי, אז זיי ווערן א כלי אויף אלע ברכות והמשכות פון דעם אויבערשטן). בעצם זיינען אידן אן עם אחד, "מנורת זהב כולה", מקשה **אחת** [און פון **זהב** דוקא, הגם אז אין משכן זיינען געווען נאך ענינים, כסף ונחושת און אלע י"ג (ט"ו) דברים], אבער דאס גופא שטעלט זיך אויס אין התחלקות - פריער שלש, ובפרטיות יותר - שבעה, עשרה, ביז ששים ריבוא נשמות כלליות, און יעדער נשמה כללית טיילט זיך אויף ששים ריבוא ניצוצות פרטיות (כמבואר בתניא).

[בענין שהלשון "שתהא שלהבת עולה מאלי'" הוא גם מלשון הבטחה]:

כשם ווי דאס איז בנוגע צו די ציוויים בתורה שבכתב, אז זיי זיינען אויך לשון הבטחה, אזוי איז דאס אויך בנוגע צו תושבע"פ (כולל דעם פירוש אז "שתהא שלהבת עולה מאלי'"), וואס תורה בפירושה ניתנה, צוזאמען מיט דעם ענין אין תושב"כ איז גלייך געווארן דער פירוש זיינער בתושבע"פ.

[בענין ההבטחה שלא ידח ממנו נדח, ואף שירדו הדורות והתגברו ההעלמות, ה"ז לא ענין אמיתי כי סו"ס יתבטלו כל ההעלמות]:

ובפרט אז מ'שטייט איצטער שוין באלף הששי, בסוף זמן הגלות, וואס איז ניט ווי דער אלף החמישי, כנגד ספירת ההוד אותיות דוה, וועלכער איז געווען כולו גלות, משא"כ אין דעם אלף הששי (במכ"ש פון אלף הרביעי) וועט קומען די גאולה האמיתית והשלימה,

ובפרט אז אין אלף הששי עצמו שטייט מען שוין נאך חצי האלף וכו', וואס דעמולט הויבט זיך און דער אור הבוקר פון דער גאולה, כמבואר באור החיים הק'.

ולהעיר אז דער פירוש אור החיים איז געדרוקט בכו"כ חומשים צוזמאען מיט פרש"י, וואס דערפון איז מובן אז אויך דער פירוש אוה"ח האט א שייכות מיט לימוד הפשט, וואס איז שייך צו יעדער איד [ניט ווי אנדערע פירושי התורה וועלכע זיינען ניט געדרוקט אין דעם חומש מיט פרש"י, ווי דער פירוש האריז"ל אויף תורה, וואס איז געדרוקט אין א ספר בפ"ע. - לאחרונה האט מען אויך אפגעדרוקט דעם פירוש האריז"ל בהוצאה חדשה צוזאמען מיט די פסוקים פון חומש, ותבוא עליהם ברכה, ווייל דורך דעם קען מען לייכטער לערנען און פארשטיין דעם פירוש האריז"ל].

און וויבאלד אז מ'שטייט בסוף זמן הגלות - האט מען די הבטחה אין תורה, כפס"ד הרמב"ם, "הבטיחה תורה שסוף ישראל לעשות תשובה בסוף גלותן ומיד הן נגאלין", און די גמרא זאגט אז דורך הרהור תשובה ווערט ער א צדיק גמור, וואס "גמור" איז דא כולל אויך די מעלה פון בעל תשובה - לאתבא צדיקיא בתיובתא.

ובפרט אז אין זמן השנה שטייט מען שוין נאך "זמן מתן תורתנו", ווען יעדער איד האט באקומען די תורה מחדש ובאופן שלא בערך, דעריבער קען מען פון אים מאנען אז ביי אים זאל זיין "בכל יום יהיו בעיניך" ניט נאר "כחדשים" (מיט א כ"ף הדמיון), נאר "חדשים" ממש - בכל עניני התורה ומצוותי'.

און תיכף ומיד ממש קומט די גאולה האמיתית והשלימה און מ'איז ממשיך טאן די עבודה אלס נשמות בגופים דוקא, וואס דאס איז תכלית השלימות - כידוע דער פס"ד אין חסידות, אז תכלית השכר (עולם הבא) וועט זיין דוקא אלס נשמות בגופים (תחיית המתים), און ניט נשמות אליין (גן עדן).

און מ'האט דעם ביהמ"ק השלישי למטה, "מקדש אד' כוננו ידיך", און צוזאמען דערמיט ווערן דעמולט אומגעקערט די "משכונות" פון

דעם בית ראשון און בית שני, סיי די מעלה פון עבודת הצדיקים און סיי די מעלה פון עבודת התשובה - כידוע דער אונטערשייד צווישן בית ראשון ע"ד עבודת הצדיקים און בית שני ע"ד עבודת התשובה.

וואס עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק פארוואס דער בית שני ווערט אנגערופן בכ"מ בשם "בנין הורדוס". דלכאורה: "הורדוס" איז ניט קיין שם בלשון הקודש, און דערצו איז נאך געווען א שאלה אויף זיין יחוס, און "הורדוס עבדא דבית חשמונאי הוה" (ב"ב ג, ב) - איז ווי קומט עס אז מ'זאל פארבינדן דעם ביהמ"ק (מיט אלע זיינע ענינים הכי נעלים) מיט "הורדוס"?! ועוד ועיקר: דער בית שני איז בפועל געבויט געווארן דורך עזרא ונחמי' (און נאר נתתקן געווארן דורך הורדוס) - פארוואס ווערט עס ניט אנגערופן על שמם?

איז דער ביאור אין דעם מובן דערפון וואס דער בית שני איז פארבונדן מיט דעם ענין התשובה. כפשטות הענין, אז דער בית שני איז געקומען נאך דעם וואס אידן (כולל עזרא ונחמי') האבן זיך אומגעקערט - תשובה - פון גלות בבל. און דערפאר זאגט מען אז "גדול יהי' כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון", צוליב די מעלה פון עבודת התשובה אויף עבודת הצדיקים.

ועפ"ז איז מובן פארוואס דער בית שני ווערט אנגערופן על שם הורדוס, ווייל בא הורדוס איז געווען דער ענין התשובה - כידוע (ב"ב ד, א) אז הורדוס האט גע'הרג'ט די חכמי ישראל, און דערנאך האט ער געפרעגט בא בבא בן בוטא "מאי תקנתי' דההוא גברא", און ער האט אים געזאגט "ילך ויעסוק באורו של עולם וכו'", ער זאל מתקן זיין און מאכן שענער דעם ביהמ"ק, ביז אז "מי שלא ראה בנין **הורדוס** לא ראה בנין נאה מימיו".

ויה"ר אז אזוי זאל זיין בפועל תיכף ומיד ממש - אומקערן דער בית ראשון ובית שני, צוזאמען מיט משכן משה, וואס איז נצחי, בגאולה האמיתית והשלימה,

ווי מ'בעט עס בכל יום בתפלה - "את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח", און בשבת ויו"ט - "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", און פון דעם וא"ו (פון "ותחזינה") ווערט א וא"ו המתהפך ללשון עבר.

* * *

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת]:

ב. וואס ״יאכל״ איז פארבונדן מיט דער חיבור נשמה וגוף, בריאות הנשמה ובריאות הגוף, וואס יעדערער פון זיי דארף אנקומען צו דעם צווייטן, און זיי ווערן ביידע איין זאך בשלימות - די ביידע זאכן אין דער מנורה, מנורת זהב כולה, דער אור המנורה (כנגד הנשמה) און דער גוף המנורה (כנגד הגוף).

און דער ״יאכל בשבת״ קומט דורך דער ״טרח בערב שבת״, וואס אין עבודת האדם איז דער ״טרח״ האמיתי והשלם והפנימי - די עבודה פון תשובה, וואס אידן האבן שוין זיכער געטאן, און בשעת ישראל עושין תשובה דארף זיין ״מיד הן נגאלין״,

ובאמת האט דאס שוין די גאולה געדארפט קומען נעכטן, בט״ו סיון, קיימא סיהרא באשלמותא, נאר מפני סיבות שונות ומשונות האט זיך דאס פארהאלטן, אזוי ווי כללות הגלות פארהאלט זיך מפני סיבות שונות ומשונות - כמובן פון דעם וואס די גמרא האט שוין אפגע׳פסק׳נט אז ״כלו כל הקצין״, במילא מוז מען זאגן אז דאס וואס די גאוה איז נאך ניט געקומען איז צוליב סיבות שונות ומשונות; אבער זיכער האט דאס גופא א כוונה, במכ״ש דערפון וואס ״לא עביד קוב״ה ניסא למגנא״, עאכו״כ מאטערן אידן אין גלות מפני סיבות שונות ומשונות - במילא קומט זיכער גלייך די גאולה!

[בענין הלימוד מ״בהעלותך את הנרות״ ״עד שתהא שלהבת עולה מאלי׳״]:

יעדער איד דארף אנצינדן און מגלה זיין דער ״נר ה׳ נשמת אדם״ זי זאל לייכטן אין זיין גוף און חיים גשמיים, און אזוי אויך פועל׳ן אויף אנדערע - ״ואהבת לרעך כמוך״ (ווי מ׳זאגט עס בדיבור בכל יום קודם התפלה), פועל׳ן אז דער ״רעך״ זאלן זיין ״כמוך״. ביז באופן פון ״שלהבת עולה מאלי׳״.

- בנוגע צו זיך אליין קען מען אמאל האבן א תירוץ, אז מ׳איז פארנומען מיט א מצוה שהזמן גרמא, פקו״נ, מיט אן ענין פון לאפרושי מאיסורא (האבנדיק סמיכות אויף רבנות); אבער בנוגע א צווייטן איז ניטא קיין תירוץ פארוואס מ׳פועל׳ט ניט אויף אים דורך רעדן מיט אים דברים היוצאים מן הלב וואס זיי זיינען נכנסים אל הלב ופועלים פעולתם (ווי עס ברענגט זיך דער לשון בכ״מ, אויך אין די שיחות פון רבותינו נשיאינו).

וכהוראת המשנה - "והעמידו תלמידים הרבה", וואס הגם אז דאס שטייט אין פרקי אבות, "מילי דחסידותא", איז דאס איצטער א חלק פון תורה מלשון הוראה, ביז אז כמה ענינים פון פרקי אבות זיינען געווארן א דין בפועל. און דער לפנים משורת הדין איז אויף העכערע ענינים, און דורך דעם באקומט מען אויך א שכר לפנים משורת הדין [בדוגמא ווי ס'איז געווען בא מתן תורה, אז דורך הקדמת נעשה לנשמע (נוסף אויף אמירת נעשה ונשמע) האט מען באקומען א כתר מיוחד פון דעם אויבערשטן].

[בענין בנימין, "בנימין זאב יטרף":

וואס די עבודה איז שייך צו יעדער איד, ע"ד ווי עס שטייט בנוגע צו יוסף אז יעדער איד ווערט אנגערופן על שמו, "נוהג כצאן יוסף", ועד"ז בנוגע צו בנימין, צדיק תחתון, וואס ער גייט צוזאמען מיט יוסף, צדיק עליון.

[סוף השיחה, בהמשך לרצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תומ"צ]:

ויה"ר אז תיכף ומיד ממש האט מען דעם "הרבה להם תורה ומצוות" ווי ס'וועט זיין לעתיד לבוא, בתקופה הראשונה (ווייל דערנאך, בתקופה השני', וועט זיין "מצוות בטלות לע"ל"), ואדרבה - דעמולט וועט צוקומען א הוספה וריבוי אין תומ"צ - "כמצות רצונך", און אויך בכמות - ווי דערציילט אין ספר יחזקאל די הוספות וואס וועלן דעמולט זיין בחנוכת בית שלישי (לגבי בית ראשון ושני), און אויך בנוגע צו כללות בית שלישי - זיינען דא נייע ענינים כמבואר בספר יחזקאל, ווי דער רמב"ם שרייבט: "בנין העתיד להבנות אע"פ שהוא כתוב ביחזקאל אינו מפורש ומבואר", און ער איז מוסיף: "ואנשי בית שני כו' בנוהו כבנין שלמה ומעין דברים המפורשים ביחזקאל".

ועוד ועיקר - אז עס זאל שוין זיין בפועל ממש - בנין ביהמ"ק השלישי, און מ'וועט זעען די הדלקת המנורה, ומשה ואהרן עמהם, והקיצו ורננו שוכני עפר, ונשיא דורנו בראשנו, "יוסף אד' שנית ידו גו' ואסף נדחי ישראל גו'", און מתוך צחוק (כשמו השני יצחק), שמחה וטוב לבב. וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט שבת, ווי עס שטייט אין היינטיקע פרשה "וביום שמחתכם אלו השבתות", און דערנאך איז ער ממשיך וועגן שופרות ("ותקעתם בחצוצרות") וזכרונות ("והיו לכם לזכרון גו'") - אלע דריי ענינים פון מלכיות זכרונות שופרות.

הנחות הת' בלתי מוגה

און אין דעם אלעם קומט צו נאכמער - דורך דעם וואס אידן זיינען מוסיף אין זייער עבודה, כולל ובמיוחד - אין הפצת המעינות חוצה, וואס דורך דעם איז אתי מר דא מלכא משיחא, ווי דער בעש"ט שרייבט - וואס זיין יום הילולא איז בחג השבועות, און אזוי אויך - דוד מת בעצרת, און אויך משה רבינו איז געקומען צו זיין שלימות בא מתן תורה.

ותיכף ומיד ממש.

* * *

[בענין השליחות של כל א' מישראל להעמיד תלמידים הרבה, ולקבוע שיעורים ברבים]:

ג. ויש לקשר זה אויך מיט דער פרשה וואו עס רעדט זיך וועגן הנפת הלויים דוקא דורך אהרן כהן גדול (וואס דאס איז א חידוש ופלא), וואס די לויים זיינען די שלוחים פון אידן און שלוחים פון דעם אויבערשטן - "נתונים נתונים המה לי מתוך בני ישראל", "ילוו אליך וישרתוך".

ובדוגמא לזה איז דא בא יעדער איד, כפס"ד הרמב"ם "לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש אשר נדבה רוחו אותו כו' הרי זה נתקדש קדש הקדשים (די דרגא פון כהן גדול) ויהי' ה' חלקו ונחלתו לעולם כו'", און ווי דער רמב"ם איז מסיים - "ואתה תומיך גורלי", וכידוע אז אין עבודת הנפש זיינען דא בא יעדער אידן אלע דריי ענינים פון - "חלקנו", "ירושתנו" און "גורלנו" (ווי יעדער איד זאגט בכל יום בבוקר).

וואס דאס גיט נאכמער כח צו יעדערער צו קובע זיין שיעורי תורה ברבים. און בשעת מ'וועט זיך משתדל זיין בזה, וועט מען זען אז מ'וועט מצליח זיין מער ווי מ'האט זיך פארגעשטעלט.

און דערנאך וועט מען מוסיף זיין בזה מחיל אל חיל, "עד יראה אל אלקים בציון", און "יראה כהן בציון", כלשון הידוע, און ווי מ'שרייט אזוי אויך היינט - "יכ"ץ" (ר"ת "יראה כהן ציון").

ד. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח פאר פארשידענע פעולות והתוועדויות - כולל זיכער פעולות בקשר מיט שיעורי תורה ברבים - זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ויה"ר אז די החלטות טובות זאלן נאכמער צואיילן די שלימות בלימוד התורה - "תורה חדשה מאתי תצא", און שלימות קיום המצוות

- ״כמצות רצונך״, דורך אידן ווי זיי שטייען בשלימות - נשמות בגופים דוקא, א נשמה בריאה אין א גוף בריא, און בלי הפסק כלל, און אפילו בלי חלישות - איז מען זוכה צו חיים נצחיים, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכזרות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות לאביו ז״ל. אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

לעילוי נשמת

הרה״ח התמים ר׳ **אברהם יצחק** ז״ל

בן ר׳ **יעקב טובי׳** ז״ל

רפפורט

נפטר י״ז סיון תשל״ט

■

נדפס ע״י

זוגתו מרת **הינדא** תחי׳

בניו:

הת׳ ר׳ **ראובן** וזוגתו מרת **חוה גיטל** שיחיו

הת׳ ר׳ **דוד** וזוגתו מרת **פיגא צבי׳** שיחיו

בנותיו:

מרת **שרה** ובעלה ר׳ **חיים דוד יהודא** הכהן שיחיו **שונברון**

מרת **שושנה** ובעלה ר׳ **צבי מרדכי** שיחיו **סיטסקין**

מרת **שולמית** ובעלה ר׳ **דוב** שיחיו **האלאן**

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ שלח,
מבה״ח תמוז
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי׳ תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
ארבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ שלח, מבה"ח תמוז ה'תש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין שאתעדל"ע שבאה ע"י אתעדל"ת היא למעלה מאתעדל"ע מצ"ע, אף שאתעדל"ת דהתחתון מוגבל בגדרי התחתונים]:

א. און דאס איז א תחתון ניט נאר אין מקום, נאר א תחתון אין מדריגה און מהות, ואדרבה - דערפאר איז ער אויך א תחתון בגשמיות ובמקום, ווארום גשמיות ווערט נשתלשל פון רוחניות און רוחניות איז בעה"ב אויף גשמיות און ניט ח"ו פארקערט [ווי דאס איז אויך אין דער עבודה פון אידן - עושין נשמתו עיקר וגופו טפל].

[בענין שתכלית העבודה היא נשמות בגופים למטה, במקום שיש אפשריות לטעות, אבל האדם מתגבר ולא טעה]:

און אלס נשמות בגופים אין עולם הזה איז מען עולה מדרגא לדרגא ומעולם לעולם, און מ'גייט דורך נאר דעם עמוד בין עולם ועולם (בין גן עדן וגן עדן), וואס דאס איז אן ענין חיובי, אן עמוד וועלכער האלט אויף דעם ענין, און ניט דעם נהר דינור, ובמקום זה האט מען נאר דעם אש דקדושה - די עבודה פון אהבה כרשפי אש (נוסף אויף אהבה כמים).

[בענין עבודה בכח עצמו, שיש בזה גם סיוע מלמעלה]:

וכידוע דער סיפור מיטן צמח צדק, וואס דער אלטער רבי האט אים אמאל געוואלט געבן תורה במתנה, און לכתחילה האט ער עס ניט געוואלט נעמען ווייל ער האט געוואלט דאס האבן ביגיעת עצמו (און ניט באופן פון נהמא דכסופא). די מסקנא אין דעם איז אבער געווען - אז ער האט דאס געדארפט נעמען, און דערנאך הארעוועט אין ענינים נעלים יותר, ווי דער צמח צדק האט מדגיש געווען, וויסנדיק אז דער סיפור וועט אנקומען צו חסידים בדורות שלאחרי זה, און דורך זיי - צו כלל ישראל, ווי ס'טוט זיך אויף בדורנו זה במיוחד - הפצת המעינות חוצה צו אלע אידן [אויך צו נשי ובנות ישראל, וואס זיי זיינען אויך מחוייב אין די שש מצוות תמידיות, כמבואר בהקדמה לספר החינוך (געבראכט אין א ריבוי מקומות בספר המצוות להצ"צ, כולל אין שרש מצות התפלה)], וואס דורך דעם איז אתי מר דא מלכא משיחא, וכידוע אויך דער סיפור אז דער צמח צדק [וואס שמו - צמח און צדק - איז שמו של משיח] האט

געזאגט דעם רבי׳ן מהר״ש (מלכתחילה אריבער), אז דער אפדרוקן לקוטי תורה איז פארבונדן מיט דעם קץ הגאולה,

און די הוראה לדורות פון דעם סיפור הנ״ל איז, אז לכל לראש דארף מען נעמען אלץ וואס מ׳גיט, און דערנאך קען מען הארעווען אין ענינים נעלים יותר.

[בענין שליחות בירידת הנשמה למטה]:

די נשמה איז א ״חלק אלוקה ממעל ממש״, ביידע ענינים - ״ממעל״ און ״ממש״, פארבונדן מיט חוש המישוש,

וכמבואר בספר התניא בתחלתו, דער תורה שבכתב פון חסידות חב״ד, און תושבע״פ איז די מאמרים פון רבותינו נשיאינו, אנהויבנדיק פון דעם אלטן רבי׳ן, דער ערשטער פון די שבעה נשיאים, ביז כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו וואס ער איז דער נשיא השמיני.

[בענין גילוי יחידה שבנפש, בחי׳ משיח]:

וואס דאס איז פארבונדן במיוחד מיט שבת, וכדאיתא במדרש (ב״ר פי״א, ח) אז ״שבתא לית לה בן זוג כו׳ א״ל הקב״ה כנסת ישראל היא בן זוגך״, וואס בן זוג בשלימות איז באופן פון ״והיו לבשר אחד״.

* * *

[בענין לימוד התורה של כל א׳ מישראל]:

ב. לימוד התורה איז שייך אויך צו טף, ווי דער דין איז אז מ׳לערנט מיט זיי תורה, ובפרט בפרשת השבוע. [- וידוע אויך דער מנהג אין בתי ישראל, אז דער טאטע פארהערט די קינדער אין דעם וואס זיי האבן געלערנט במשך השבוע]. ולהעיר אויך אז קינדער אין בית הכנסת הערן קריאת התורה און ענטפערן אמן, און אפילו א קינד וואס געפינט זיך אין עזרת נשים, און הערט ניט די קריאה, הערט ער אבער דערנאך א קול תרועה פון אמירת אמן, פרעגט ער זיך נאך אויף וואס זאגט מען ״אמן״, און מ׳איז אים מסביר, אז דאס איז אויף דער קריאה בתורה - איז פארשטאנדיק די התפעלות וואס דאס רופט ביי אים ארויס, וויסנדיק אז דאס איז די תורה פון דעם אויבערשטן.

אפילו קינדער וואס זיינען נאך וויייניקער פאר א יאר אלט, ביז אפילו קטני קטנים - רינגלט מען ארום מיט דברי תורה, ״שיר

המעלות״ וכיו״ב. ולהוסיף, אויך בנוגע צו בנות ישראל, ובפרט לפי מנהגנו - אז מ׳רופט אן א בת ישראל מיט א נאמען בא דער ערשטער געלעגנהייט, בא קריאת התורה אפילו אויב דאס איז באמצע השבוע (ניט ווארטנדיק ביז שבת), והלואי אז דער מנהג זאל נתפשט ווערן בכל מקום, וואס דאס וועט צוגעבן אין די מהירות פון ביאת משיח צדקנו, כמאחז״ל אז ״אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף״, וואס דער קשא הנשמה וגוף איז דורך דעם שם.

[בהמשך להתשובה של בני קרח, מזמור שיר לבני קרח]:

און אין דעם מזמור שלאחרי זה זאגט מען ״משכיל לאיתן האזרחי״, מיט די אלע פירושים שבזה, אנהויבנדיק פון דעם פירוש אז דאס גייט אויף אברהם, וואס ער ווערט אנגערופן ״איתן״, און ער האט מפרסם געווען אלקות בעולם (כמבואר אין רמב״ם).

* * *

[סיום שיחה ד׳]:

ג. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח בקשר מיט פארשידענע פעולות, פארבונדן מיט א ״סעודה״ און א התוועדות - זאלן איצטער ארויפגיין אויבן, און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, מצוה לפרסם עושי מצוה.

און דער עיקר - אז דאס זאל מוסיף זיין אין אלע ענינים האמורים, ביז צו דער שלימות פון ״הכל מתוקן לסעודה״ (ניט נאר משקה נאר א גאנצע סעודה, ובאופן פון ״מתוקן״, עולם התיקון - אורות מרובים דתהו אין כלים מרובים דתיקון), בגאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

לעילוי נשמת
הרה״ח התמים ר׳ ברוך יהודה
ב״ר מרדכי ע״ה באטראשווילי
נפטר ז״ך סיון, התשמ״ח
ת.נ.צ.ב.ה.

•

נדפס ע״י
אשתו בת שבע תחי׳
בתו מרת רבקה תחי׳ באטראשווילי
בתו מרת חי׳ אסתר ובעלה הרה״ת ר׳ חיים דובער שיחיו
זלצמן
בתו מרת רחל לאה ובעלה הרה״ת ר׳ נתן שיחיו
קאנעלסקי
בתו מרת שרה ובעלה הרה״ת ר׳ דניאל שיחיו
פראדקין
בתו מרת פריש ובעלה הרה״ת ר׳ ישעי׳ אייזיק הכהן שיחיו
קאגאן
נכדיו ונינו שיחיו

שיחת
ש"פ בלק
י"ד תמוז
ה'תש"נ

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי' תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ בלק, י"ד תמוז ה'תש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין "ואהבת לרעך כמוך", "אשר לרעך"]:

א. באופן אז "יהי כבוד חברך חביב עלך כשלך", ביז נאכמער - אז כבוד חברך זאל זיין חביב עליך יותר משלך, ווי פארשטאנדיק פון דברי המשנה "וכבוד חברך כמורא רבך ומורא רבך כמורא שמים", וואס דאס איז מערער ווי כבוד עצמו, ווארום בנוגע צו כבוד עצמו איז היפך האמונה צו טראכטן אז דאס איז כמורא שמים ח"ו.

[בענין "ה' ימלוך לעולם ועד"]:

"ועד" מלשון נצחיות - אז אין עולם ווערט אויפגעטאן דער ענין פון נצחיות דורך דעם וואס מ'איז דארט מגלה "ה' ימלוך",

און נצחיות אויך פון לשון נצחון, אז עס ווערט דער נצחון אויף אלע ענינים פון גלות, ביז אז מ'טוט אויף אז דער גלות איז "למס עובד" דורך דעם וואס מ'שטעלט אריין אין גולה (גלות) דעם אל"ף פון אלופו של עולם, ווערט פון גלות - גאולה, ביז מ'דערגרייכט צו א דרגא אין גאולה וואס איז שלא בערך העכער פאר גלות (אויך ווי גלות האט אין זיך דעם אל"ף),

און פון דעם שבת טאנצט מען גלייך אריין - "מדלג על ההרים מקפץ על הגבעות", בשתי רגלים - אין דעם יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים,

און תיכף ומיד ממש קומט משיח צדקנו אויף ווען עס שטייט "(דרך כוכב מיעקב) וקם שבט מישראל", ניט ווארטנדיק ביז סעודתא דדוד מלכא משיחא, נאר גלייך פאר תפלת מנחה, ובפרט אז מ'שטייט שוין לאחרי תפלת מוסף [דהגם אז כל יום זמנו הוא, איז מנהג ישראל צו מתפלל זיין תפלת מוסף נאך תפלת שחרית, פאר תפלת מנחה].

* * *

[בענין חג הגאולה י"ב-י"ג תמוז]:

ב. די בשורת הגאולה האט דער בעל הגאולה באקומען בי"ב תמוז, אבער די תעודת החופש האט מען אים בפועל געגעבן באופן רשמי למחרתו, בי"ג תמוז (וויבאלד אז בי"ב תמוז איז דער משרד געווען פארמאכט). און דערפון איז ארויסגעקומען אז מ'פראוועט דער חג

הגאולה צוויי טעג - י״ב-י״ג תמוז.

וואס דאס איז א חידוש לגבי די גאולה פון י״ט כסלו וועלכע מ׳פראוועט בעיקר איין טאג, כאטש אז די גאולה איז נמשך געווארן בכ״ף כסלו (ווייל די גאולה איז געווען נאך חצות, און מפני סיבה הידועה איז עס דערנאך נתעכב געווארן לכמה שעות), ע״ד בחי׳ אסרו חג בעבותים.

ויש לקשר זה מיט דער גאולה האמיתית והשלימה, די גאולה שלישית, בדרגת ״עבותים״, ע״ד עצי עבות וועלכע זיינען משולשים - וכמ״ש ״וחוט המשולש לא במהרה ינתק״, וואס אין דעם באשטייט דער עילוי פון דער גאולה העתידה, גאולה שאין אחרי׳ גלות, ניט ווי די גאולות שלפני זה וועלכע זיינען דערנאך ״ינתק״, סיי בזמן בית ראשון (הגם אז דעמולט איז געווען וישב שלמה על כסא ה׳, און ביי איז געווען שלימות אין מלכות - מלך על כל ישראל, צוזאמען מיט שלימות הארץ און שלימות התורה), און סיי בבית שני, און אויך די גאולה ראשונה (שרש כל הגאולות), גאולת מצרים, איז דערנאך געווען א גלות, על מנת אז דערפון זאל דערנאך ארויסקומען די העכסטע גאולה, העתידה שאין אחרי׳ גלות, וועלכע איז שלא בערך צו גאולת מצרים, כמ״ש כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, און ווי דער צ״צ איז מבאר (פון זהר) אין זיינע רשימות אויף תהלים.

[בנוגע שנת הגאולה תרפ״ז]:

וכידוע דער סימן וואס מ׳האט אויף דעם געגעבן - תרפ״ז אותיות פרזת, מלשון פרזות תשב ירושלים, און צוזאמען דערמיט איז ״ואני אהי׳ לה חומת אש״, וואס דאס גיט דעם כח אז עס זאל זיין פרזות תשב ירושלים.

[בשייכות הגאולה לפ׳ בלק]:

ועד״ז אויך פ׳ פינחס שלאחרי זה (וועלכע מ׳הויבט אן לייענען בתפלת מנחה בשבת זה) איז פארבונדן מיט דער גאולה - כמאחז״ל פינחס זה אליהו. וידועה די שאלה בזה, אז לכאורה האט געדארפט שטיין אליהו זה פינחס, וויבאלד אז פינחס האט געלעבט פאר אליהו׳ן? איז איינער פון די ביאורים אין דעם, אז ברוחניות איז אליהו געווען פאר פינחס - כמובן פון דברי חז״ל עה״פ ״ורוח אלקים מרחפת על פני המים״, זה רוחו של משיח, וואס צוזאמען מיט משיח קומט דער נביא ומבשר הגאולה - אליהו הנביא, קומט אויס אז

אליהו איז געווען בתחלת הבריאה, און נאך - קודם הבריאה, דגאולה קדמה לעולם.

[בענין "דרך כוכב מיעקב" כפירושו דקאי על כל א׳ מישראל]:

דאס וואס אידן ווערן אנגערופן בשם כוכב איז אויך פארבונדן דערמיט וואס עס שטייט פריער אין דער פרשה "מי מנה עפר יעקב ומספר את רובע ישראל", וועגן מספר בני ישראל, ווי עס רעדט זיך אויך אין פ׳ פינחס - ווארום מספר בני ישראל איז כמספר הכוכבים, ביז באופן פון בלי, עד כי חדל לספור כי אין מספר.

והגם אז עס שטייט אין ספרי תכונה, און אויך אין רמב״ם, א מספר קבוע פון כוכבים, און דאס איז אויך מתאים מיט דעם מספר הכוכבים וואס שטייט אין ספרי קבלה, במילא איז דאס מתאים מיט אמיתית הענינים - איז דאס בנוגע צו די כוכבים הנראים, און דאס וואס עס זיינען דא מערער כוכבים איז דאס נכלל אין דעם מספר פון די כוכבים הנראים.

וע״ד ווי דאס איז בנוגע צו אידן, אז זיי האבן א מספר קבוע - ששים ריבוא מישראל, והגם אז עס זיינען דא מער דערפון זיינען זיי אלע נכלל אין דעם מספר כללי פון ששים ריבוא, כנגד די ששים ריבוא נשמות כלליות, וואס יעדערע פון זיי איז כולל ששים ריבוא ניצוצות פרטיות וכו׳, ווי מ׳זעט בפועל אז עס זיינען צוגעקומען מערער אידן אויף די ששים ריבוא אנשים מבן עשרים וואס זיינען געווען לכתחילה בא מתן תורה (נוסף צו נשים וטף).

וכידוע אז מנין בנ״י איז פון בן עשרים שנה, ב״פ עשר, כנגד די עשר ספירות וכחות מלמעלה למטה און מלמטה למעלה, און עשרים איז אויך בגימטריא כתר, ווערלכן מ׳גיט יעדער איד.

[בענין בני שלשים ורבעים]:

ועד״ז איז אויך אין תורה - אוריאן תליתאי, תורה נביאים כתובים [וואס הויבט זיך אן "אדם שת אנוש", וואס איז מרמז אז עס ווערט די אתהפכא פון אנוש מלשון אנוש וחלוש צו אדם מלשון אדמה לעליון און שת שממנו הושתת כל העולם כולו, און פארבונדן מיט דעם אבן השתי׳ שבקדש הקדשים וואו עס ליגן די לוחות, ובפרט בארבעים ימים הראשונים ווען עס זיינען געגעבן געווארן די לוחות ראשונות], און דערצו קומט צו רבעים - תורה שבעל פה.

[בענין מלכא משיחא]:

און עס ווערט מקויים דער ״וירד מים עד ים ומנהר עד אפסי ארץ״, ביז - כסיום הקאפיטל - ״כלו תפלות דוד בן ישי״, כלו מלשון ויכולו ושלימות, ביז - כסיום ספר תהלים - ״כל הנשמה תהלל י״ה״, תהלל די נפלאות פון דעם אויבערשטן, ״זכר עשה לנפלאותיו״.

* * *

ג. מ׳האט פריער דערמאנט דעם פס״ד הרמב״ם אין סוף הל׳ מלכים (וואס ווערט אנגערופן בכ״מ בשם הל׳ משיח), אז די פסוקים בפרשתנו גייען אויף דוד המלך און מלך המשיח, און דאס איז א חלק פון ספרו ״הלכות הלכות״ (ווי דער רמב״ם שרייבט בהקדמת ספרו), וואס דאס גייט אויף דעם גאנצן ספר, ביז דער סוף הספר וואו עס רעדט זיך וועגן די הלכות פארבונדן מיט משיח, ביז דער סיום - ״ומלאה הארץ דיעה את ה׳ כמים לים מכסים״,

וכמדובר אמאל דער דיוק בזה וואס אין אין הל׳ תשובה ברענגט ער נאר התחלת הכתוב אן דעם סיום ״כמים לים מכסים״, ווייל אין הל׳ תשובה רעדט זיך וועגן משיח ווי ער איז פארבונדן בעיקר מיט זמן הזה און עבודת התשובה, וכמדובר אמאל בארוכה.

און דארטן (אין הל׳ תשובה) שרייבט דער רמב״ם אויך וועגן די יעודים גשמיים וואס דער אויבערשטער גיט יעדער איד בכדי זיין פנויים ללמוד תורה בעיון, ובפרט לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, וואס אויף דעם דארף מען אן עיון מיוחד, וואס דאס איז ענינו פון ספר הרמב״ם - הלכות הלכות, וועלכער דער רמב״ם האט אנגערופן מיטן נאמען ״משנה תורה״ [כאטש אז דער נאמען איז ניט נתקבל געווארן בפועל, כידוע די דריי ספרים וואס זייערע נעמען זיינען ניט נתקבל געווארן, צוליב דעם וואס דאס האט געקענט ברענגען צו מחשבות בלתי רצויות ביי אזא וואס געפינט זיך בקצוי תבל כו׳, און במקום זה רופט מען דעם ספר בשם ״ספר הרמב״ם״, ״ספר היד״, ״יד החזקה״ וכיו״ב].

דערפון האט מען די הוראה, אז אין דער הוספה בלימוד התורה דארף מען זיך משתדל זיין דאס אויך פארבינדן מיט דעם לימוד פון לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, וואס דאס איז די שלימות אין לימוד התורה, תלמוד שמביא לידי מעשה, און דורך דעם קומט אויך צו מערער עיון און תענוג אין לימוד התורה, בשעת מ׳איז זיך

מתעמק אין דעם לימוד בכדי ארויסנעמען דערפון א מסקנא לפועל.

ובפשטות: לימוד התורה דארף כולל זיין אויך די התבוננות וואס פאר א תועלת קען מען ארויסנעמען פון דעם לימוד בנוגע לפועל, בנוגע צו א מצב מסויים בעולם. אפילו אויב דאס איז בקצוי תבל - איז דאס דאך קצוי תבל בגשמיות, אבער בנוגע צו דעם דין אין תורה שבזה, איז דאס ניט "בקצוי תבל" ח"ו, נאר דאס איז שייך צו יעדער איד.

ד. דערביי דארף מען באווארענען א דבר המובן ופשוט בלאו הכי, אז הגם יעדערער דארף לערנען לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא - איז דאס נאר בנוגע צו די שלימות בעיון ותענוג בלימוד התורה וואס קומט דערפון ארויס, אבער ניט בנוגע צו פסק'נען א דין בפועל ח"ו; דאס איז אפגעגעבן געווארן דוקא צו א רב מוסמך הפוסק דינים בפועל.

וכמובן בפשטות, אז אפילו איינער וואס האט סמיכה אויף רבנות האט ניט קיין רשות צו פסק'נען דינים ח"ו. וואס דאס איז איינער פון די טעמים אויף דעם מנהג פון רבנים וואס האבן געגעבן סמיכה, אז דאס (די נתינת סמיכה) איז געווען בתנאי אז דער מקבל הסמיכה זאל באקומען שימוש בפועל בא דעם רב המסמיך, ער זאל זעען ווי דער רב פירט א שקו"ט און קומט לידי מסקנא בפועל. און אויך אין דעם גופא - זיינען פאראן חילוקים אין וועלכן תחום בתורה ער באקומט די סמיכה ושימוש - צי דאס איז בנוגע צו איסור והיתר, אדער בנוגע צו אן אנדער חלק בתורה. ע"ד הלכה כרב באיסורי וכשמואל בדיני.

ונוסף על זה - אפילו בנוגע צו איינער וואס האט שימוש בפועל, איז אויך ידוע דער גודל הזהירות וואס דארף זיין בנוגע צו פסק'נען א הלכה בפועל. ובפרט בדורות האחרונים, וואס מפני צוק העתים איז נאך שווערער פסק'נען דינים. און דעריבער איז מובן, אז בשעת מ'דארף אנקומען צו א פסק דין בתורה - דארף דאס זיין דוקא דורך א רב מוסמך איש מפי איש [וסמיכה בכל כחו, סיי פון נפש האלקית און סיי פון נה"ב, עוז ותושי', וואס הגם אז דורך לימוד התורה ווערט תש כחו, איז דאס אויך כולל דעם פירוש אז עס ווערט תושי', תש י"ה], וואס איז נתמנה געווארן בפועל (בהשגחה פרטית) אויף א קהילה, און פארנעמט זיך - און האט דעם נסיון - מיט פסק'נען דינים בפועל.

וח"ו אז אן אנדערער, מלבד א רב הפוסק בפועל, זאל פסק'נען א דין - וויסנדיק די גודל הזהירות וואס דארף זיין בנוגע צו

פסק׳נען למעשה בפועל.

וכידוע דער סיפור מיט א גרויסער רב [דער סיפור האב איך ניט געהערט פון רבי׳ן דעם שווער, נאר דאס געלייענט אין ספרים, ובמילא קען זיין פרטים אין דעם סיפור וואס זיינען ניט בתכלית הדיוק. דעריבער וועל איך ניט דערמאנען דעם נאמען פון דעם רב], וואס בשעת מ׳האט איס געוואלט אננעמען אלס א רב בעיר מסויימת, האט מען איס בוחן געווען מיט פארשידענע שאלות מסובכות. דער רב האט ריכטיק געענטפערט אויף אלע שאלות, חוץ פון איין שאלה וואס ער האט גע׳פסק׳נט ניט כדעת רוב הפוסקים. בשעת מ׳האט איס אויף דעם מעורר געווען, האט ער נאכמאל איבערגעטראכטן דעם ענין, און געזאגט אז אזוי קומט ביי איס פארט אויס (שלא כדעת רוב הפוסקים).

בשעת מ׳האט ביי איס געפרעגט, היתכן אז אלע שאלות האט ער מכוון געווען כדעת רוב הפסוקים חוץ פון דער שאלה? האט ער מסביר געווען, אז כל ימי חייו איז ער קיינמאל ניט נכשל געווארן אין א פסק דין שלא כראוי, און זיכער וועט אזוי אויך ווייטער זיין, און דער טעם אויף דעם איז - ווייל בשעת א רב פסק׳נט א דין האט ער אין דעם סייעתא דשמיא ער זאל ניט נכשל ווערן. דערפון איז פארשטאנדיק, אז דאס וואס ער האט ניט מכוון געווען ענטפערן ריכטיק אויף דער שאלה הנ״ל - איז דאס, ווייזט אויס, דערפאר, וואס די שאלה איז ניט געווען נוגע לפועל, נאר סתם אן אויסגעטראכטע שאלה, ובמילא וועט דערפון ניט ארויסקומען קיין כשלון, און דערפאר האט ער אין דעם ניט געהאט קיין סייעתא דשמיא!

דורך דער מעשה איז בפועל ארויסגעקומען - אז די אנשי הקהילה האבן זיך נאכמער דערוואוסט וועגן דער גדלות פון דעם רב (וואס לולא די מעשה וואלט מען דאס ניט געוואוסט), און זיי האבן איס ממנה געווען אלס רב, און ער איז נתפרסם געווארן אלס גדול בישראל.

דער מוסר השכל פון דעם סיפור (וואס היות אז דאס איז דערגאנגען צו אונז, ובפרט אז ס׳איז אפגעדרוקט געווארן מיט זיין נאמען) איז - ניט בכדי פועל׳ן אן ענין של הרמת רוח ח״ו, נאר בכדי לערנען וועגן דער גודל הזהירות וואס דארף זיין בנוגע צו א פס״ד הנוגע למעשה בפועל.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

און הגם אז מ׳האט פריער גערעדט אז יעדערער דארף האבן די מעלה פון לאסוקי שמעתא אליבא דהלכתא - איז דאס בנוגע צו דעם עיון ותענוג הלימוד שבזה, ניט בנוגע צו לויפן פסק׳נען דינים לפועל; פסק׳נען דינים בפועל איז ניט אין דער תחום פון יעדער איד, און במילא דארף ער דאס ניט נאכלויפן מיטן חשבון אז ער וועט דערפאר באקומען נאך א חלק אין גן עדן ועולם הבא ...

און טאמער איינער וויל שטארק האבן די מעלה פון א פסק דין בפועל, האט מען די עצה, אז ער זאל גיין צו א רב הפוסק דינים און מציע זיין פאר אים זיינע סברות, און דער פס״ד בפועל זאל קומען דורך דעם רב, און דער תלמיד וועט האבן דעם זכות ושכר אז ער האט דאס מציע ומעורר געווען בא דעם רב.

ואשרי חלקם וגודל זכותם פון די רבנים - סיי אין ארץ הקודש און סיי אין חוץ לארץ - וואס זיינען זיך עוסק אין פסקי דינים בפועל, און האבן גע׳פסק׳נט אויף דער שאלה ״עד מתי״, וואס באמת איז דאס קיין שאלה ניט ווייל ״כלו כל הקיצין״, און זיכער וועט דאס מקויים ווערן בפועל ממש, בגאולה האמיתית והשלימה, באופן פון ״ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה״, ותיכף ומיד ממש.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א התחיל לנגן ופרצת, ועמד מלא קומתו ורקד על מקומו משך זמן.

אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״. אח״כ התחיל לנגן ״ניעט ניעט ניקאווא״].

* * *

ה. כאן המקום צו דערמאנען נאכאמאל וועגן מאכן התוועדויות בהמשך צו דעם חג הגאולה - אויך בי״ד, ט״ו וט״ז תמוז. און וויבאלד די גאולה וועט זיכער קומען בינתיים - וועט י״ז תמוז שוין נהפך ווערן לששון ולשמחה ולמועד טוב, א יו״ט גדול נאך גרעסער פאר די ג׳ רגלים.

ובפרט אז דאס איז חודש תמוז, חמה בתוקפה, ״כצאת השמש בגבורתו״, און דאס ווערט א הכנה קרובה צו ״הקב״ה מוציא חמה מנרתקה וצדיקים [ועמך כולם צדיקים] מתרפאין בה״. און א רפואה וואס פועל׳ט למפרע - כידוע דער כללות החילוק צווישן נדרים און מומין בקידושי אשה, אז ״קידשה על מנת שאין עלי׳ נדרים והיו עלי׳ נדרים, והלכה אצל חכם והתיר לה, ה״ז מקודשת. קידשה על

מנת שאין בה מומין והיו בה מומין והלכה אצל רופא וריפא אותה אינה מקודשת״ (רמב״ם הל׳ אישות פ״ז ה״ח-ט), ווייל א חכם איז עוקר הנדר מעיקרו, און א רופא איז מרפא נאר מכאן ולהבא. ס׳איז אבער דא אן אופן אין רפואה וואס איז מרפא למפרע, ווי דער ראגאטשאווער איז מבאר.

ובעבודת האדם - גייט דאס אויף נישואי כנסת ישראל והקב״ה, אז אלע ענינים וואס דארפן האבן רפואה בא אידן, ובפרט בזמן הגלות - ווערן נהפך לטוב למפרע, [ובפרט אז מ׳איז שוין דורך אלע ענינים, כמדובר בהתוועדויות שלפנ״ז, און ס׳איז ניט כדאי דערמאנען וועגן דעם נאכאמאל, לא תקום פעמיים צרה, און עס וועט זיין אך טוב לישראל].

און דאס איז כולל ובמיוחד - די רפואה אויף חולת אהבה פון אידן צו דעם אויבערשטן, ווערט דאס אלץ נתרפא למפרע, אזוי אז עס בלייבט נאר איבער די מעלה וואס קומט ארויס דורך דעם צמאון, וכמבואר בתניא בנוגע צו דער מעלה פון תשובה אויף זדונות, ועאכו״כ אין טוב עצמו - ע״ד לאתבא צדיקיא בתיובתא, צדיק גמור ובעל תשובה גמור, און דער גמר ושלימות פון אלע ענינים, אויך אין זמן - די עבודה בבחי׳ ״בא בימים״, יומין שלמין, אז עס פעלט ניט קיין איין מצוה, ביז מ׳האט א יום שכולו ארוך, שגם בתחלתו הוא ארוך.

ו. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב פארשידענע התוועדויות כולל בקשר מיט דעם חג הגאולה - זאלן איצטער ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו.

און דאס וועט ממהר זיין דעם יו״ט גדול פון שבעה עשר בתמוז, יהפך לשמחה, און מ׳וועט גיין מחיל אל חיל, פון יו״ט ליו״ט גדול יותר, וכל זה - אנהויבנדיק פון דעם שבת, וכשבת זה עצמו - תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווענלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

לעילוי נשמת

התמים **שמואל**

בן הרה"ת ר' **אהרן** וזוג' **סלוה** שיחיו

נקטף בדמי ימיו בן טו"ב שנים

יום ו', עש"ק פ' פינחס, כ' תמוז תשמ"ז

ת.נ.צ.ב.ה.

■

נדפס ע"י הוריו

הרה"ת ר' **אהרן** וזוגתו מרת **סלוה** שיחיו

חיטריק

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ מטות מסעי,
מבה״ח מנחם אב
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי׳ תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
ארבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ מטות מסעי, מבה"ח מנחם-אב ה'תש"נ.

הנחת התי' בלתי מוגה

[בענין השייכות דשבת חזק לגאולה]:

א. נוסף צו דער שייכות פון שבת בכלל צו דער גאולה, וואס יעדער שבת איז מעין "יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים" [ווי מ'האט עס געזאגט אין ברכת המזון בליל שבת]. ובהדגשה בשנה זו וואס התחלת השנה איז געווען מיט א יו"ט של ראש השנה שחל להיות בשבת.

[כענין "אלה המצוות גו'" בסוף פרשתנו]:

"אלה" - באופן פון מראה באצבעו ואומר אלה. און "אלה" איז בגימטריא ל"ו - ג' פעמים י"ב, כנגד די י"ב שבטים בגימטריא ז"ה (ע"ד "אלה"), וועלכע טיילן זיך אויף די ד' דגלים, כנגד די ד' ספרים הראשונים פון חמשה חומשי תורה, וואס מ'איז מסיים בשבת חזק זה.

און עס ווערט דער "אלה מסעי בני ישראל", אז אלע אידן גייען, "ילכו מחיל אל חיל", "אל ארץ טובה ורחבה", ובאופן פון "ואתהלכה ברחבה".

ולהעיר, אז דאס איז פארבונדן מיט יהושפט, וואס שמו באשטייט פון די ערשטע ג' אותיות פון שם הוי' [וכמבואר אין מפרשים בנוגע צו כמה שמות, אז מ'האט זיי פארבונדן מיט אותיות פון שם הוי'] - יה"ו, און "שפט" איז פארבונדן מיט דער ה"א אחרונה (פון שם הוי'), וואס ענינה איז דין ומשפט, "ושפט בצדק דלים" (ענינו של משיח) - ספירת המלכות. און אין "יהושפט" שטייט ניט בגלוי דער ה"א אחרונה (ווי די ערשטע דריי אותיות יה"ו), נאר די פעולה פון ה"א אחרונה - "שפט". און דאס ווערט א הכנה צו שלימות ענין המפשט בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש נאך ביום שבת זה.

והגם אז אין דנין בשבת - איז דאס אבער צוליב א גזירה דרבנן, וואס כללות ענין הגזירות ותקנות זיינען צוגעקומען בזמן בית שני (כמבואר בלקו"ת), משא"כ בזמן בית ראשון, ועאכו"כ בזמן שלמה, וואס ביי אים איז געווען שלימות ענין המשפט, כולל - דער משפט ופס"ד אז דער קינד בלייבט גאנץ [המשך הענין - בשיחה

המוגהת]. וכמרומז אויך בשמו שלמה מלשון שלום (וואס דערמיט איז פארבונדן שלימות ענין המפשט, צו מאכן שלום), ביז שלום מעין פון דעם מצב השלום בגאולה העתידה, ווי דער מיטעלער רבי איז דאס מבאר.

ולהעיר אז בימים אלו איז אפגעדרוקט געווארן א נייעם ספר פון מאמרי אדמו״ר האמצעי (בהמשך צו די ספרים וואס זיינען אפגעדרוקט געווארן ביז איצטער), אפגעדרוקט געווארן בפעם הראשונה מכתב יד, און דארטן זיינען דא נייע ענינים, און באופן פון ״רחובות הנהר״ דבינה (ענינו המיוחד פון דעם מיטעלן רבי׳ן).

ויה״ר אז דאס זאל זיין א הכנה קרובה צו דעם ענין פון ״דובער״, דער גילוי הענין פון דוב המסורבל בבשר וואס וועט זיין אין דער סעודה דלע״ל - דער בשר פון שור הבר און בשר פון לויתן (עלמא דאתכסיא), וואס בכ״מ שטייט דער לשון בשר אויך בא דגים - בשר דגים [און דערפאר דארף מען אמאל שולל זיין אז בשר מיינט ניט בשר דגים נאר בשר בהמה], פארבונדן אויך מיט יום השבת ווען מ׳עסט בשר שמן.

[בענין פרקי אבות דשבת זה]:

אין אנהויבס פרק לערנט מען ״והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה, שאין אתה יודע מתן שכרן של מצוות״. דארף מען פארשטיין: וויבאלד אז ״אין אתה יודע מתן שכרן של מצוות״, קען דאך זיין אז עס וועט זיך ארויסווייזן אז דער שכר פון א מצוה קלה איז גרעסער פון א מצוה חמורה - איז פארוואס ווערט זי אנגערופן בשם מצוה קלה? איז איינער פון די ביאורים אין דעם: דער ענין פון שכר מצוות וועט זיין לעתיד לבוא (ווי עס שטייט בסיום הפרק: ״ודע שמתן שכרן של צדיקים לעתיד לבוא״), במילא וועט ערשט דעמולט אויפגעטאן ווערן דער ענין פון שכר מצוות, משא״כ בזמן הזה, וואס ״אין אתה יודע מתן שכרן של מצוות״ איז דאס בגדר מצוה קלה כו׳.

און פון פרק שני קומט מען גלייך צו פרק שלישי (וואס זמנו הויבט זיך אן גלייך נאך אמירת פרק שני נאך תפלת מנחה בשבת זה), כנגד ביהמ״ק השלישי, ובפשטות - אז עס ווערט ״דאלאי גלות״, און עס קומט גלייך די גאולה האמיתית והשלימה, נאך ביום שבת זה, ש״פ מטות מסעי ה׳תש״נ, ר״ת הי׳ תהא שנת נסים,

תיכף ומיד ממש - נאך פאר תפלת מנחה, און נאך פאר קריאת התורה, און נאך פאר די הכנות לזה, און נאך פאר דעם המשך דיבור זה, ומתוך שמחה וטוב לבב, בנערינו ובזקנינו בבנינו בבנותינו, און נשיא דורנו בראשונו, נשיא הוא הכל, ותיכף ומיד ממש.

* * *

[בענין מנחם אב]:

ב. וכידוע אז עס זיינען פאראן כמה דרגות אין נחמה, ווי ס׳איז בהדגשה אין די ״שבע דנחמתא״, וואס ע״פ הכלל מעלין הקודש איז פארשטאנדיק, אז יעדערער פון די שבע איז אן עלי׳ בנחמה לגבי די פריערדיקע, ז׳ דרגות אין נחמה, זו למעלה מזו, און צוזאמען מיט די הפיכה פון די ערשטע דריי - איז דאס עשרה, העשירי יהי׳ קודש, און דערנאך קומען צו נאך צוויי - ווערט עס י״ב,

ובכללות איז דאס נכלל אין די ז׳ דרגות, וואס איז אויך כנגד די שבע ברכות נישואין, ביז די שלימות בזה - אין דער נישואין צווישן אידן מיט דעם אויבערשטן לע״ל, מהרה ישמע בערי יהודה וגו׳, וואס כשם ווי בא נישואין למטה זיינען פאראן שבע ברכות, אזוי איז דאס אויך בא נישואין של הקב״ה (מה שהוא עושה הוא מצוה לאחרים לעשות).

[בענין הגאולה בתורה מספיקות ומסברות עקומות כו׳]:

כולל א קרומע סברא וואס האט אויך אן ארט אין שכל, כמובן פון דעם וואס מ׳רופט עס אן ״קרומע סברא״, דאס הייסט: א סברא אין שכל איז דאס, אבער דאס איז פארקרימט, דאס איז שלא במקומה, במילא ברענגט עס ניט צו א מסקנא ישרה.

[בענין תנא דבי אליהו כו׳]:

וואס זיכער געפינט זיך אליהו אין זיין בית המדרש וואו עס לערנען תלמידי אליהו, און אליהו איז מבשר הגאולה, וואס לא בא אליהו אלא לקרב כו׳, שנאמר והשיב לב אבות על בנים גו׳.

ביז אז עס ווערט נתגלה די שלימות פון ״כל השונה הלכות״, בלימוד ההלכות פון קיום המצוות לעתיד לבוא, וואס דעמולט וועלן די מצוות זיין באופן נעלה יותר - כמצות רצונך. במילא ווערט די שאלה - ווי וועט מען גלייך איבערשפרינגען און וויסן ווי צו מקיים זיין די מצוות דלע״ל? איז דאס דורך דעם וואס ״כולם ידעו

אותי״, דער איבערשטער וועט עס לערנען מיט יעדן אידן - ״כל השונה הלכות״.

און פון ״מאימתי קורין את שמע בערבין״ ווערט אזוי אויפגעטאן בעולם - ״ממזרח שמש עד מבואו״ בכל העולם - ״והיתה לה׳ המלוכה״, ״ה׳ ימלוך לעולם ועד״,

און עס ווערט נתגלה ווי יעדער איד איז א ״בן עולם הבא״, כמובן מזה וואס יעדער איד זאגט דאס בכל יום בתפלה, נאך ״אין אלקינו״ (מיט די ד׳ ענינים שבזה), און ״פטום הקטורת״, וואס מעשרת.

* * *

[סיום שיחה ג׳]:

ג. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב פארשידענע ענינים, כולל זיכער - מאכן סיומים, זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו.

און דורך דער הוספה אין החלטות טובות וועט מען נאכמער מזרז זיין די גאולה האמיתית והשלימה, ובנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, גייען אלע אידן אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי, לקדש הקדשים, מתוך שמחה וטוב לבב, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יהי״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״

אח״כ אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

לזכות

הילדה **דובא רייזא** שתחיי

לאורך ימים ושנים טובות

נולדה בשעטומו"צ יום ג', כ"ד תמוז

הי' **תהא שנת נסים**

ולזכות אחי'

מנחם מענדל שיחיו

ולזכות הוריהם

הרה"ת ר' **יוסף יצחק** וזוגתו מרת **חנה** שיחיו

רוזענבלום

■

נדפס ע"י זקניהם והוריהם

הרה"ת ר' **חיים דוד** וזוגתו מרת **העניא** שיחיו **ליין**

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ ראה,
מבה"ח אלול
ה'תש"נ

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי' תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ ראה, מבה"ח אלול ה'תש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין ז' הקפות של הכלה מסביב החתן]:

א. וואס דער מספר שבע איז ניט נאר זיבן מאל, נאר דאס איז כולל א סדר והיקף שלם וואס איז כולל אלע ענינים, וע"ד ווי די ז' קני המנורה כנגד די ז' סוגים פון נשמות ישראל זיינען כולל אלע ששים ריבוא מישראל.

[בענין שבת מברכים אלול]:

ובכל זה קומט צו נאכמער הדגשה מצד דער קביעות פון שבת מברכים אלול בשנה זו - בז"ך מנחם אב, וואס דאס איז פארבונדן מיט דער עבודה פון שמן זית זך, בהדלקת המנורה ע"י אהרן כהן גדול.

און דערפון קומט מען דערנאך צו יום ראשון, כ"ח אב, וואס איז מרמז אויף דעם ענין פון כח - דער כח וואס יעדער איד האט צו טאן די עבודה, און א כח וואס ווערט נמשך פון דעם אויבערשטן.

און דערנאך קומט יום שני, ערב ראש חודש, וואס ווערט אנגערופן יום כפור קטן, פארבונדן מיט דער עבודה פון יוהכ"פ (וואס לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיוהכ"פ) - די עבודה פון יחידה שבנפש, וואס ביוהכ"פ (יחידה בזמן) גייט אריין דער כהן גדול אין קדש קדשים (יחידה במקום), ובדוגמת זה איז דא בא יעדער איד, וואס ער האט בכח (וכח הקרוב אל הפועל) צו זיין א כהן גדול (כמדובר אין די פריערדיקע התוועדויות);

און יום כפור קטן איז מרמז אויף אידן, "מי יקום יעקב כי קטן הוא".

און דערנאך קומט מען צו ראש חודש אלול, ביום שלישי שהוכפל בו כי טוב, טוב לשמים וטוב לבריות, און יום ב' דראש חודש ביום הרביעי שבו נתלו המאורות, דער מאור הגדול און מאור הקטן, וואס דאס באווייזט אז אלע ענינים ווערן באלויכטן - אלע עניני גדלות און אלע עניני קטנות, עניני המשפיע ועניני המקבל, וואס יש בזה מה שאין בזה, וואס דערפאר ווערן זיי ביידע אנגערופן "שני מאורות הגדולים".

ונוסף לזה איז בתולה נשאת ליום הרביעי, ר״ת לבנה, פארבונדן מיט אידן הדומין ומונין ללבנה.

[בענין הראי']:

ולהוסיף, אז אויך שבת האט א שייכות מיט ראי' - כידוע אז שבת ויו״ט זיינען כנגד חכמה ובינה, עונג ושמחה, וואס בכחות הנפש איז דאס - ראי' און שמיעה.

* * *

[בענין ארי' ר״ת אלול ר״ה יוהכ״פ והושענא רבה]:

ב. וואס דעמולט - בהושענא רבה - באקומט מען די גוטע צעטלעך, נוסף אויף די גוטע זאכן וואס מ'האט נאך במשך חודש אלול ובמשך שנה זו בכלל, ובפרט זייענדיק א שנת נסים, תש״נ ר״ת תהא שנת נסים, און מ'קומט דערנאך צו שנת תנש״א, ר״ת תהא שנת אראנו נפלאות.

און דאס קומט לאחרי שנת תשמח ושנת הקהל, הקהל את העם, האנשים והנשים והטף, און דער מלך נשיא דורנו לייענט פאר זיי די פרשיות התורה,

און דאס ווערט א הכנה צו דעם הקהל אמיתי פון אלע אידן מכל ארבע כנפות הארץ, בגאולה האמיתית והשלימה.

[בענין המשך הפרשיות ראה ושופטים]:

ולהעיר, אז אין לקו״ת זיינען ניטא קיינע דרושים אונטערן קעפל ״שופטים״ (ווי גערעדט אמאל בארוכה); די ענינים פון שופטים זיינען כלול אין ״ראה״.

[סיום השיחה]:

וכאמור לעיל, אז מ'שטייט ביום השבת, ז״ך אב, וואס דאס קומט - און דעמולט איז די שלימות פון - לעצטן שבת עשרים באב, עשרים בגימטריא כתר (כמדובר אין דער התוועדות שלפנ״ז), און דעמולט איז געווען די שלימות ועלי' פון חמשה עשר באב, וואס איז געווען ביום שני בשבוע. וואס הגם אז ביום זה נבראת מחלוקת - איז דאס פארבונדן מיט מחלוקת לשם שמים, מחלוקת שמאי והלל, וואס סופה להתקיים [וכמדובר אין א פריערדיקע התוועדות דער רמז אין דעם ווארט ״משה״ (בהתחלת פרקי אבות) ר״ת משה שמאי הלל].

הנחת הת' בלתי מוגה

און פון ז״ך אב קומט מען צו כ״ח אב און צו יוהכ״פ קטן און די צוויי טעג ראש חודש אלול.

און קומענדיק פון חמשה עשר באב, זאל מען זוכה זיין צו קומען צו דעם סיום פון מסכת תענית - ״ואמר ביום ההוא הנה אלקינו זה קוינו לו ויושיענו זה ה׳ קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו״,

והקיצו ורננו שוכני עפר, און נשיא דורנו בראשנו, און חיים נצחיים בא די אלע וואס זיינען איצטער נשמות בגופים, בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

* * *

[בהשייכות דר״פ ראה וסוף הפרשה]:

ג. און פון ״ראה אנכי נותן לפניכם היום״, אז אלקות לייכט באופן גלוי, קומט מען צו סיום הפרשה - ״והיית אך שמח״, א שמחה הכי גדולה דערפון וואס ״אנכי ה׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים״, אז מ׳האט ארויסגענומען דעם ״אנכי״ פון מיצרים וגבולים און אלקות שטייט בגלוי בכל העולמות ובכל סדר השתלשלות, ביז אין עוה״ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו,

און דאס וואס עס שטייט ״אך שמח״, ״אך״ לשון מיעוט - מיעוט שאר כל השמחות, ווארום דאס איז אזא שמחה גדולה, אז זי איז א שמחה יחידית שלא בערך צו אלע אנדערע שמחות, ע״ד ווי ״לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב כו׳״, וואס איז גרעסער ווי דער יו״ט פון חמשה עשר בניסן און חמשה עשר בתשרי, הגם אז זיי זיינען אויך ימי שמחה (יו״ט); עד״ז וועט די שמחה לע״ל זיין באופן פון ״אך שמח״, שלא בערך צו שאר השמחות.

[בענין שבת מברכים אלול]:

ד. די עבודה פון ״אני לדודי ודודי לי״ הויבט זיך אן מ׳באקומט דערויף כח פון שבת מברכים אלול, ווען מ׳בענטשט דעם גאנצן חודש [און הגם אז דאס איז נאר בכח, איז דאך למעלה אין כח חסר פועל, ביז די שלימות פון כח ופועל ווי זיי קומען צוזאמען], מיט אלע ששה לשונות של ברכת החודש, און דערנאך האט מען געזאגט ״ונאמר אמן״ [ובאופן פון ״ראה״, מ׳האט געזען ווי דער קהל זאגט ״אמן״ און מ׳שאקלט זיך דערביי, און מ׳איז אין דעם אויך מצרף די קינדער אז זיי זאלן אויך זאגן ״אמן״ און מיטשאקלען],

און דערנאך - אמירת אשרי, וואס איז כולל אלע אותיות פון אל״ף בי״ת, וואס באווייזט אויף די המשכה אין גאנץ סדר השתלשלות.

נוסף אויף אמירת תהלים בבוקר (זייענדיק שבת מברכים), אנהויבנדיק פון ״אשרי האיש״, וואס אשרי איז בחי׳ כתר ותענוג, און דערנאך די פסוקים וספרים בתהלים שלאחרי זה, מיט די הפסקים בינתיים עם אמירת קדיש, וואס זיי זיינען ניט קיין הפסקים, נאר עליות מספר לספר, מדרגא לדרגא, ביז סיום ספר תהלים - ״כל הנשמה תהלל י-ה״, וואס י״ה איז א שם בפ״ע [און פארבונדן מיט י״ה (ט״ו) באב], שלמעלה משם הוי׳, און דערפון ווערט נמשך אין גאנץ סדר השתלשלות.

ויה״ר אז תיכף ומיד ממש, נאך אין דעם שבת, בזמן בין הערביים, וואס ווייזט אויף חושך הגלות (גלות הרביעי) - זאל קומען דער אור הגאולה, ביום שכולו ארוך, ארוך באל״ף ועי״ן - בגלוי כשולחן ערוך, ולהעיר אז בא אשכנזים איז הברת אות אל״ף גלייך צו הברת אות עי״ן (משא״כ בא ספרדים), ועי״ד ווי דער אות אל״ף פון ״אחד״ איז מתחלף מיט דעם עי״ן פון ״ועד״, אזוי אז מ׳איז ממשיך ומגלה דעם אל״ף אין דעם עי״ן - המשכת אחד פון גוי אחד בארץ אין די ע׳ אומות.

* * *

[בענין עבודה בכח עצמו ולא באופן של מתנה מלמעלה]:

ה. ולהעיר אז אין חסידות ברענגט זיך א מאדנע זאך, אז ״מנחה״ - א ווארט אין לשון הקודש בתורה שבכתב - איז ר״ת מ״ן, ״מיין נוקבין״, בלשון ארמי. ואדרבה - דאס (די עבודה מלמטלמ״ע, מ״ן) איז די התחלה פון דעם ווארט ״מנחה״, און דערנאך קומט דער ״חה״ בגימטריא י״ג וואס ווייזט אויף דער המשכה פון אח״ד בגימטריא י״ג (וכנגד די י״ג דברים שבמשכן).

[בענין קיום מצות צדקה בשבת ע״י הכנסת אורחים]:

כולל - דורך דעם וואס מ׳גיט א צווייטן אידן זאגן ״לחיים״, ״לחיים״ פאר כלל ישראל און פאר ביאת משיח צדקנו וכו׳.

[סיום השיחה]:

ו. ע״פ מנהג ישראל זאגט מען פרקי אבות בכל שבתות הקיץ [און זיכער וועט מען דאס אויך מקיים זיין לאחרי ביאת משיח צדקנו,

הנחת הת׳ בלתי מוגה

וכידוע אז א מנהג ישראל באקומט דעם תוקף פון א מצות עשה ומצות לא תעשה, סור מרע ועשה טוב, און דאס ברענגט צו ״בקש שלום ורדפהו״, מיט די אלע מעלות אין שלום, וואס שלימות ענין השלום וועט זיין לע״ל].

ובשבת זה - זאגט מען פרק ששי. אין דעם פרק זעט מען א דבר פלא: די התחלה פון דעם פרק איז ״שנו חכמים בלשון המשנה״, ד.ה. אז אע״פ וואס דער פרק באשטייט פון ברייתות - איז אבער געווען ״שנו חכמים בלשון המשנה״. דארף מען פארשטיין פארוואס די חכמים האבן משנה געווען בלשונם און געזאגט און געלערנט די ברייתות ניט בלשון ברייתא נאר ״בלשון המשנה״, וואס אויף דעם שטייט דערנאך ״ברוך שבחר בהם ו**במשנתם**״.

ז. ס׳איז רגיל אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך. און אזוי זאל זיין די העלאה מלמטלמ״ע פון אלע אידן, כולל דורך מוסיף זיין התוועדויות, וכל המרבה ה״ז משובח, און צוזאמען דערמיט - אויך די המשכה מלמעלמ״ט, ושניהם יחד, ״ושמתי כדכד״, ב׳ פעמים כד, א׳ כנגד שוהם וא׳ כנגד ישפה, פארבונדן אויך מיט דער אורים ותומים, וואס זיינען מאיר און פותר אלע ספיקות.

ביז צו דער גילוי פון דער גאולה האמיתית והשלימה, ע״י משיח צדקנו, ומתוך שמחה וטוב לבב.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אח״כ צוה לנגן ״שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

---- * ----

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ שופטים
ד' אלול
ה'תש"נ

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי' תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ שופטים, ד' אלול ה'תש"נ.

הנחת חתי' בלתי מוגה

[בענין "כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו"]:

א. ס'איז מובן בשכל, אז לכל לראש קומט די תכלית - "לכבודו" און דערנאך די זאך וואס איז באשאפן געווארן צוליב דער תכלית - "כל מה שברא הקב"ה בעולמו", ווארום דאס איז באופן פון סיבה ומסובב; אעפ"כ זעט מען אז רוב זמן האדם איז פארנומען מיט "כל מה שברא הקב"ה בעולמו", ווייל די כוונה איז, אז אין "כל מה שברא הקב"ה בעולמו" זאל מען מגלה זיין די תכלית - אז דאס איז "לכבודו" של הקב"ה.

[בענין "כל מלאכתך עשוי'"]:

אע"פ וואס יום השבת איז אסור במלאכה, און אפילו צו רעדן וועגן מלאכה, און - אויך צו טראכטן וועגן דעם (ולהעיר אז א דיבור מסודר דארף קומען דורך און נאך מחשבה) - אעפ"כ זאגן חז"ל אז ביום השבת "יהא בעיניך כאילו כל מלאכתך עשוי'", מ'דארף טראכטן וועגן "מלאכתך", נאר - באופן "כאילו כל מלאכתך עשוי'".

[בענין תק"ש בר"ה, שעי"ז ממליכים הקב"ה למלך]:

תקיעת שופר "רמז יש בו, כלומר עורו ישינים משנתכם כו' וחפשו במעשיכם", און "שופר" איז מרמז אויף "שפרו מעשיכם" - איז דאס אבער א "רמז", און דער ענין הגלוי אין תק"ש איז - צו ממליך זיין דעם אויבערשטן אלס מלך.

[בענין שבתפלה מודגש ענין הביטול]:

ואע"פ אז תפלה איז בפה, ועקימת שפתיו הוה מעשה - דארף מען אויף דעם אנקומען צו א לימוד מיוחד אין תושבע"פ, ובפשטות איז תפלה אן עבודה שבלב.

[בענין לימוד התורה]:

דורך לימוד התורה איז מען מרבה שלום בעולם, כמאחז"ל "תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם שנאמר וכל בניך לימודי ה', א"ת בניך אלא בוניך", ולא אלמן ישראל - אויך בדרונו זה זיינען פאראן תלמידי חכמים וועלכע זיינען מרבה שלום בעולם.

[בענין הסדר בפרקי אבות תורה עבודה וגמ״ח, שמתחיל עם ענין התורה כנגד יעקב]:

ולהעיר אויך אז יעקב איז ״בחיר שבאבות״. וואס אויך אין דעם דארף מען פארשטיין: פארוואס זאגט מען אידן אז יעקב איז ״בחיר שבאבות״ - צי דען דארפן אידן זיך ארייגלאזן צו מעסטן און פארגלייכן די אבות, וואס אין קורין אבות אלא לשלשה?! נאר דאס גופא איז נוגע צו (דער עבודה פון) אידן, אז צוזאמען דערמיט וואס אין סדר זמנים איז דער סדר (העבודה) אברהם יצחק ויעקב, דארף מען וויסן אז אין תכלית הענינים איז יעקב, כנגד תורה, ״בחיר שבאבות״.

[בענין רבי עקיבא, שכולהו אליבא דרבי עקיבא]:

ולהעיר אז רבי עקיבא האט אנגעהויבן לערנען תורה ווען ער איז געווארן בן ארבעים, וואס דאס האט א שייכות מיט שנה זו - ארבעים שנה פון הסתלקות כ״ק מו״ח אדמו״ר, ווען ״נתן ה׳ לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״, קאי איניש אדעתא דרבי׳.

[בענין שהל״ט מלאכות הן כנגד המלאכות שבמשכן, כי העבודה בעניני העולם היא כדי לעשות משכן ומקדש לה׳]:

וכידוע אז משכן משה [וואס איז אויפגעשטעלט געווארן דוקא אין מדבר העמים] איז נצחית - מעשה ידי משה נצחיים, ביז אז דאס איז אפילו ניט נתמשכן געווארן אזוי ווי דער בית ראשון ובית שני (״משכן משכן - שני פעמים, רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנין״); און דער ציווי פון ״ועשו לי מקדש״ איז א ציווי תמידי, כדברי הרמב״ם אז נאר די מצוות תמידיות גייען אריין אין דעם חשבון פון מנין המצוות. ובזמן הזה איז מען מקיים די מצוה דורך ״ושכנתי בתוכם - בתוך כל אחד ואחד״, ביז אז מ׳מאכט פון כל עניני העולם א משכן ומקדש לה׳.

* * *

[בענין י״ג מדות הרחמים (תפלה) כנגד הי״ג מדות שהתורה נדרשת בהן, שאומרים לפני התפלה]:

דער ערשטער פון די י״ג מדות שהתורה נדרשת בהן איז - ״קל וחומר״. וואס ״קל וחומר״ טיילט זיך אויס במיוחד דערמיט וואס עס זיינען דא ״קלים וחמורין שכתובים בתורה״, וואס איינער פון זיי איז - ״ויאמר ה׳ אל משה אבי׳ ירוק ירק בפני׳ הלא תכלם שבעת ימים״, ״קל וחומר לשכינה״.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ולהעיר אז מרים [די עלטסטע קינד, עלטער פאר אהרן ומשה, כידוע אז מרים איז געווען בת ה' און אהרן בן ג' ווען משה איז געבארן געווארן] האט זיך משתדל געווען בדרך הטבע צו אויפהאדעווען און מציל זיין משה, וכמ"ש "ותשם בסוף על שפת היאור, ותתצב אחותו מרחוק לדעת מה יעשו לו", און דערנאך ווערט דערציילט די סדר השתלשלות פון הצלת משה בדרך הטבע - "ותרד בת פרעה גו' ותרא את התיבה בתוך הסוף ותשלח את אמתה ותקחה וגו'", און זי האט אים מגדיל געווען בבית פרעה [דער מלך בכיפה], ביז אז על שם זה - הצלת משה בדרך הטבע (ע"י בת פרעה) - ווערט ער אנגערופן בשם משה, "כי מן המים משיתיהו" [וואס באווייזט אויף דער גילוי פון עלמא דאתכסיא אין עלמא דאתגליא], אפילו ווי משה איז געשטאנען בדרגא הכי נעלית, על הר סיני בעת מתן תורה - הייסט ער בשם משה [און ניט מיט די אנדערע שמות וואס משה האט געהאט, כדאיתא במדרש], צוליב די מעלה וואס איז דא דוקא אין דער עבודה בדרך הטבע, אין עניני העולם [דאע"פ אז ס'איז דא נאך א פירוש אין "ותשלח את אמתה", אז דאס איז "לשון יד", איר האנט איז בדרך נס געווארן לענגער כדי צו קענען דערגרייכן משה'ן - איז אבער דער פירוש הפשוט אין "את אמתה" - "את שפחתה"].

דערפון האט מען דעם לימוד אין דער עבודה פון אידן, אז ניט קוקנדיק אויף זייער גודל המעלה ("אתה בחרתנו מכל העמים כו'") - איז די תכלית דוקא אין דער עבודה בדרך הטבע אין עובדין דחול.

[בענין "שופטים ושוטרים תתן לך בכל) שעריך"]:

ביז אז מ'איז זוכה צו האבן די שערים פון דעם בית המקדש, כמבואר אין מס' מדות [וואס מ'האט געלערנט אין די "דריי וואכן"], "חמשה שערים היו להר הבית", "שבעה שערים היו בעזרה",

און עס ווערט נתגלה דער "זה השער לה' צדיקים [ועמך כולם צדיקים] יבואו בו", ווי מ'זאגט אין הלל בתפלת ראש חודש, כולל בראש חודש אלול בשבוע שעברה [ביום שלישי שהוכפל בו כי טוב, וביום הרביעי שבו נתלו המאורות, די שני מאורות הגדולים, דער מאור הגדול און מאור הקטן כנגד ישראל הדומין ומונין ללבנה],

ובהמשך לזה זאגט מען "אנא ה' הושיעה נא" ב' פעמים, כפליים לתושי' [מיטביידע פירושים אין תושי': (א) שטארק, און (ב) תש כחו פון לעו"ז, אז מ'שוואכט אפ און מ'איז מבטל חומריות, און

פון די גשמיות מאכט מען א כלי צו רוחניות, עושה נשמתו עיקר וגופו טפל],

ביז צו סיום פון הלל - ״מלך מהולל בתשבחות״.

און מ׳איז מהלל דעם אויבערשטן אויף דער גאולה האמיתית והשלימה - ״ונודה לך שיר חדש על גאולתנו ועל פדות נפשנו״,

און עס ווערט דער גילוי פון ב׳ פעמים זה - כמבואר בסוף מס׳ תענית, ״הנה אלקינו זה קוינו לו ויושענו זה ה׳ קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו״,

און דער גילוי פון ״אני אנכי הוא מנחמכם״, ב׳ פעמים אנכי, און דוקא אנכי וואס איז העכער פאר שם הוי׳, כידוע אז שם הוי׳ האט א פירוש [מלשון מהוה, אדער מלשון הי׳ הוה ויהי׳ כאחד], משא״כ אנכי האט ניט קיין פירוש - אנכי מי שאנכי,

און אנכי איז נאך העכער פאר אני, כידוע אז אנכי איז פון לשון חשיבות, משא״כ אני איז שייך זאגן אויך אויף א שפל. - ולהעיר פון דעם חילוק צווישן אן עניו ושפל - און ווי עס שטייט דער לשון ״ענוים״ אויף אידן אין דעם ילקוט שמעוני שנתפשט לאחרונה והולך ונתפשט: ״משיח עומד על גג ביהמ״ק והוא משמיע להם לישראל ואומר ענוים הגיע זמן גאולתכם״ - אז שפל איז אזא וואס האט ניט (ווייסט ניט אז ער האט) קיינע מעלות, במילא האט ער ניט מיט וואס צו זיך ברימען, משא״כ אן עניו האט (ווייסט זיינע) מעלות, און אעפ״כ איז ער אן עניו, אזוי ווי משה רבינו וועלכער איז געווען הנבחר מכל מין האדם, און צוזאמען דערמיט ״והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה״.

[בענין והעמידו תלמידים הרבה]:

ביז עס ווערט דער אמת׳ער ״והעמידו תלמידים הרבה״ דורך דעם אויבערשטן אליין - אז ער לערנט מיט אידן תורה חדשה מאתי תצא, באופן פון ״והעמידו תלמידים הרבה״, דאע״פ אז לא ילמדו עוד איש את רעהו כי כולם ידעו אותי, איז אבער אין דעם גופא וועט זיין לימוד בכדי עס זאל צוקומען אין עומק כו׳. וכידוע אז צוזאמען דערמיט וואס משיח וועט זיין א מלך וועט ער אויך זיין א רב, וילמד תורה לכל העם כולו, באופן של ראי׳ - תכלית ההתאמתות,

[ועפ״ז איז מובן דער קשר פון משיח מיט משה רבינו (מקבל

התורה) - גואל ראשון הוא גואל אחרון, און דעריבער ווערט נתקיים דבריו "שלח נא ביד תשלח", ווייל גואל ראשון הוא גואל אחרון].

[סיום השיחה]:

און מ'האט דעם פסק דין פון נשיא דורנו אז מ'האט שוין פארענדיקט מעשינו ועבודתינו, און צוצופוצן די קנעפ, און עס דארף נאר זיין "עמדו הכן כולכם" צו דער גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

* * *

[בענין יושבים ועוסקים בתורה, לימוד באופן של עסק]:

ג. אפילו ווען ער איז פארנומען מיט אנדערע ענינים טראכט ער וועגן דעם עסק, ביז אז אפילו ווען ער שלאפט חלום'ט זיך אים וועגן דעם עסק. ועד"ז דארף זיין בנוגע צו לימוד התורה באופן של עסק - אז אפילו ווען ער איז פארנומען מיט אנדערע ענינים ווי אכילה ושתי', טראכט ער וועגן תורה, ווי דאס איז געווען בא רשב"י, וואס "תורתו אומנתו", אז אויך זייענדיק אין מערה האט ער געגעסן און געטרונקען, "איברא להו חרובא [וי"ל אז דאס איז ע"ד ומלשון חד חרוב] ועינא דמיא" - איז אויך דעמולט איז ביי אים געווען "תורתו אומנתו", "כולא יומא גרסי".

און כדאי ר"ש לסמוך עליו בשעת הדחק, כולל ובמיוחד - אין דעם דוחק הגלות, ובפרט - גלות אדום, גלות זה האחרון, וואס כמאמר רשב"י: גלו לאדום שכינה עמהם [ווי די גירסא אין עין יעקב, כמדובר אין א פריערדיקע התוועדות], "מדוע אדום ללבושך".

[סיום השיחה]:

ד. די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח, חלקם - צוליב שיעורי תורה, און בתי תורה עבודה וגמילות חסדים - זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים,

ובמיוחד - אין אננעמען החלטות טובות אין אלע ענינים פון חודש אלול, ובפרט - אין והעמידו תלמידים רבה, וואס זיכער וועט מען האבן הצלחה אין געפינען תלמידים אין אויפשטעלן תלמידים, און - תלמידים הרבה,

ובקרוב ממש וועלן אלע בתי כנסיות ובתי מדרשות, צוזאמען מיט אלע זייערע מתפללים און חברים, אנשים נשים וטף - עולה זיין

אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ״ק השלישי, בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, אמן כן יהי רצון.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - הורה כ״ק אדמו״ר שליט״א להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

לזכות

הילדים **נחום ושמואל** שיחיו

לאורך ימים ושנים טובות

לרגל הכנסם לבריתו של אאע״ה

יום ג׳, ז׳ אלול

ה׳ תהא שנת נסים

ולזכות אחיו ואחיותיו

מרדכי גרשון, צבי אלימלך, רבקה, שניאור זלמן, מנחם מענדל, לוי יצחק ולאה

נדפס ע״י הוריהם

הרה״ת ר׳ **גבריאל** וזוגתו מרת **מאליא רחל** שיחיו **שפירא**

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד. טלפון 03-9606887-0.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ כי תצא
י״א אלול
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי

״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פּארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה

הי׳ תהא שנת נסים

מאתיים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ

ארבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ כי תצא, י"א אלול ה'תש"נ.

חנוכת חתי בלתי מוגה

[בענין קביעות החגים דחודש תשרי הבע"ל, שימי החג ויום השבת הם ג' ימים רצופים]:

און ווי מ'זעט אין די לוחות פון דעם קומענדיקן יאר וועלכע זיינען שוין אפגעדרוקט. וואס אע"פ אז מ'וועט זיי בפועל אנהויבן נוצן בשנה הבאה, קען מען שוין דארט ארייגקוקן און זעען די קביעות פון די חגים, און די פארשידענע הלכות וכו' פארבונדן מיט די טעג, וואס דערפאר איז דער לוח אין דעם גדר פון ספרי קודש, וויבאלד דארט זיינען דא הלכות שבתורה פארבונדן מיט די טעג, דבר יום ביומו.

[בענין "אלול" ר"ת אני לדודי ודודי לי]:

און די ס"ת זיינען די ד' יודי"ן כנגד די ארבעים יום פון ראש חודש אלול ביז יוהכ"פ.

ולהעיר, אז בחנוכת בית ראשון בזמן שלמה (וישב שלמה על כסא ה') איז געווען אכילה ושתי', און דאס איז געווען לפי הרצון - ע"ד די מעלה פון פורים (וואס יום הכפורים איז כ-פורים), אז מ'האט די מעלה פון יוהכ"פ צוזאמען מיט אכילה ושתי', ביז שמחה עד דלא ידע.

[בסיום ההתוועדות]:

די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין און מבאר זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

און דאס זאל נאכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה, וגילוי היחידה - יחידה במקום, ויחידה בזמן ויחידה בנפש - יחידה הכללית, כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וואס שמו איז יוסף יצחק - יוסף ה' לי שנית, און איז מקבץ אלע אידן, ומתוך צחוק ושמחה וטוב לבב (יצחק).

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל. אח"כ הורה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'". אח"כ התחיל לנגן "ניעט ניעט ניקאוווא".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, זועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

לזכות

החתן התמים ר' **אהרן יעקב** והכלה מרת **עלקא** שיחיו

רייניץ

לרגל חתונתם בשעטומ"צ יום ב', י"ג אלול

ה' **תהא** שנת ניסים

נדפס ע"י הוריהם

הרה"ת ר' **יצחק מאיר** הכהן וזוגתו מרת **לאה מינדל** שיחיו

ליפשיץ

הרה"ת ר' **ברוך צבי** וזוגתו מרת **רחל** שיחיו

רייניץ

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ כי תבוא
ח״י אלול
ה׳תש״נ

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וחמשים לבריאה
הי׳ תהא שנת נסים
מאתיים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
ארבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ תבוא, ח"י אלול ה'תש"נ.

הנחת התי' בלתי מוגה

[בענין יום השבת]:

א. וואס דעמולט איז "כל מלאכתך עשוי" [צוליב עונג שבת, "וקראת לשבת עונג", ואין למעלה מעונג], "מלאכתך" דוקא, אבער מלאכת שמים איז דא אויך בשבת (כמדובר אין א התוועדות שלפנ"ז).

[בענין חדרגות בתשובה]:

ביז תשובה עילאה, וואס "עילאה" איז כולל אויך א ריבוי דרגות, זו למעלה מזו, וע"ד "גבוה מעל גבוה שומר וגבוהים עליהם".

[בענין "בראשית ברא אלקים גו'"]:

און א איד ווערט א שותף להקב"ה במעשה בראשית, וואס אין אן אמת'ע שותפות זיינען ביידע שותפים גלייך. ובנדו"ד איז נאכמער - "למעשה ידיך תכסוף", דער אויבערשטער איז כוסף ונשתוקק און דארף כביכול אנקומען צו אידן, ובלשון חז"ל - "נתאווה הקב"ה להיות לו ית' דירה בתחתונים", באופן של נתאווה דוקא, וכמבואר ענינו אין המשך תרס"ו בתחלתו

- דער המשך הגדול בזמנו, כאטש אז לפני זה זיינען אויך געווען המשכים, כולל - פון דעם רבי'ן מהר"ש (מלכתחילה אריבער), ולפני זה - מאמרים פון דעם צמח צדק, ועאכו"כ לפני זה - פון דעם מיטעלן רבי'ן באופן פון "רחובות הנהר", ועאכו"כ פון דעם אלטן רבי'ן, וואס ער איז דער מקור ויסוד פון די אלע מאמרים שלאחרי זה.

ולהעיר אז דער תואר "אלטער" איז מדגיש אז דאס איז כולל א ריבוי שנים (וענינים). וע"ד ווי עס שטייט אין ספרים אז מ'גיט א קינד דעם נאמען "אלטער" אלס א סגולה לאריכות ימים ושנים טובות. ד.ה. אז זייענדיק נאך א קליין קינד, גיט מען אים א נאמען בא זיין ברית וואס באווייזט אז ער איז אין זיך כולל אלטקייט ביז מאה ועשרים שנה און מער דערפון. ולהוסיף, אז מ'גיט דעם נאמען בשעת הברית, וואס א ברית באווייזט אויף דעם

ענין הנצחיות - ברית עולם, און ווי עס שטייט אויך אין פ' נצבים: "לעברך בברית ה' אלקיך".

[בענין פירוש הרמב"ן בתיבת "ברא" שקאי על בריאה יש מאין]:

ולהעיר מדעת הרמב"ן (כפס"ד והכרעת תורת החסידות) אז שלימות השכר פון עוה"ב וועט זיין - עולם התחי', נשמות בגופים. ניט כדעת הרמב"ם אז שלימות השכר וועט זיין לנשמות אין גן עדן [ולהעיר אז רמב"ם און רמב"ן זיינען די זעלבע אותיות, נאר רמב"ם איז מיט א מ"ם סתומה (וואס איז אויך פארבונדן מיט דער גאולה) און רמב"ן איז מיט א נו"ן]. וואס דאס איז אויך פארבונדן דערמיט וואס דער רמב"ם שרייבט בספרו היד, אז די יעודים דלע"ל ("גר זאב עם כבש גו'") זיינען א משל כו', אבער דערנאך באגרת הקודש שלו (אגרת תחיית המתים פ"ו) שרייבט ער, אז "אין דברינו זה החלטי כו' ואם הוא כפשוטו הרי יהי' נס כו'".

* * *

[בענין (ג' וד') שבעת הנרות כנגד שבעת הסוגים שבנשמות ישראל]:

ב. און די עבודה רוחנית פון הדלקת המנורה איז דא אויך בזמן הגלות, כמרומז אויך אים דעם וואס הדלקת המנורה כשרה בזר, וואס זמן הגלות איז אזוי ווי א "זר" בערך צו זמן שביהמ"ק הי' קיים - איז אויך אין זמן הגלות דא די עבודה רוחנית פון הדלקת הז' נרות, דער בירור פון די ז' מדות (עיקר העבודה בזמן הזה).

און דורך דעם ווערט אויך אויפגעטאן דער ענין פון "זר" למעליותא, זר (מיט א צירי) מלשון כתר ועטרה [ולהעיר פון דברי רבי שמעון אין פרק ד' פון פרקי אבות: "שלשה כתרים הן כו'"], ביז דער זר פון מזבח און פון שולחן, וואס פון אים ווערט נמשך מזונות לכל העולם [ולהעיר פון דברי הגמרא (חגיגה כו, ב): מראין "לעולי רגלים לחם הפנים ואומרים להם ראו חיבתכם לפני המקום סילוקו כסידורו"], ע"ד ווי די מנורה שממנה יוצאת אורה לכל העולם [ולהעיר אז בזמן שלמה האט מען געמאכט עשר שולחנות ועשר מנורות, והשקו"ט והדיעות בזה צי מ'האט זיי גענוצט בפועל].

ויה"ר אז עס זאל קומען דער זמן הגאולה ווען מ'וועט זען במעשה בפועל ממש די אלע ענינים, ניט נאר במעשה (ממש) ווי זיי שטייען געשריבן אין ספרים (דיו על הקלף, על הכתב ביז בדפוס), נאר מעשה בפועל ממש - ממש שבממש.

הנחת הת' בלתי מוגה

און דאס איילט מען נאכמער צו דורך דער עבודה רוחנית מעין זה בזמן הגלות פון "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", אז מ'מאכט פון דעם אייגענעם שטוב א משכן ומקדש לה' (כמדובר כמ"פ), כולל ובמיוחד - די עבודה פון הדלקת המנורה ועריכת השולחן, דורך דעם וואס נשי ובנות ישראל צינדן נרות שבת קודש ויו"ט (בערב שבת ויו"ט, בזמן תוספת שבת), און גרייטן צו דעם שולחן ערוך (כולל - פאר אורחים, אויך ביום השבת, דהגם אז פרש שבתכם לא נאמר, איז מנהג ישראל אז אויך בשבת פראוועט מען הכנסת אורחים).

* * *

[בענין עבודת התפלה "אליו ולא למדותיו"]:

ג. דערפון האט מען א הוראה נפלאה בנוגע צו עבודת התפלה בכל יום, אז בשעת א איד שטעלט זיך דאוונען אפילו אין אן אײנפאכן טאג אין וואך (ניט דוקא בשבת) דערגרייכט ער דערמיט צו "אליו ולא למדותיו". ועאכו"כ בשעת מ'שטייט פאר תפלת מנחה פון שבת, וואס איז פארבונדן מיט בחי' עתיק. אבער מ'דארף ניט אנקומען דוקא צו תפלת מנחה פון שבת, נאר אויך אין תפלת מנחה בימי החול - זאגט מען דאך אז אליהו לא נענה אלא בתפלת המנחה, וכמבואר די מעלה אין תפלת מנחה אין ספרים (ספרי מוסר און ספרי חסידות, ד.ה. אז עס האט ביידע מעלות, סיי פון מוסר און סיי פון חסידות), צוליב דעם וואס צו תפלת מנחה (בימי החול) רייסט זיך אפ א איד פון זיינע עסקים ומלאכות בעניני חול (סידורא דפת) און שטעלט זיך דאוונען צו דעם אויבערשטן, "דע לפני מי אתה עומד", וואס דערפאר האט עס א חביבות מיוחדת כו'.

[בענין התשתדלות בסיפוק צרכי החג לחזקוקים לזה ומתוך שמחה דוקא]:

און שמחה אמיתית, באופן פון חיות - בהתאם צו ח"י אלול. - ניט אז ער קנייפט די באקן ביז זיי ווערן רויט און דעמולט זעט אויס צו אנדערע אז ער איז בשמחה, נאר שמחה אמיתית, בפנימיות.

[סיום השיחה]:

ד. די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב פארשידענע פעולות זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ועוד והוא העיקר - אז תיכף ומיד ממש קומט די גאולה, און אלע אידן זיינען עולה מלמטה למעלה אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ"ק השלישי, לקדש הקדשים.

והקיצו ורננו שוכני עפר, ועאכו"כ די וואס געפינען זיך דא - זיינען ממשיך אלס נשמות בגופים בחיים נצחיים בלי הפסק כלל,

אנהויבנדיק דורך דעם וואס אחכה לו בכל יום שיבוא, אז ער קומט ביום זה ממש, און פון דעם מקום ווערט א מקום של שמחה ומקום של נסים, ובפרט אז ס'איז בסוף שנת נסים, און הכנה צו שנת אראנו נפלאות,

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ותיכף ומיד ממש, ומתוך שמחה וטוב לבב.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל. אח"כ הורה להש"צ שי' לנגן "יהי"ר כו' שיבנה כו'". אח"כ התחיל לנגן "ניעט ניעט ניקאוואי".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

לזכות

הבחור הת' **אהרן אליעזר** שיחי'

לאורך ימים ושנים טובות

לרגל הבר מצוה שלו

יום ה', ט"ז אלול

ה' תהא שנת נסים

■

נדפס ע"י הוריו

הרה"ת ר' **יהודא ליב** וזוגתו מרת **תרצה** שיחיו

שפירא

הכתובת להשיג ה"התנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448, FAX# (718) 774-7FAX

משיחות
ש״פ נח
בדר״ח מרחשון
ה׳תנש״א

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי׳ תהא שנת אראנו נפלאות
ארבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ נח, ב' דראש חודש מרחשון ה'תנש"א.

הנחת התי בלתי מוגה

[בענין שבת פ' נח]:

א. וע"פ הנ"ל, אז אין פ' נח - פרשה שני' - קומט צו א חידוש בעולם לגבי פ' בראשית - פרשה ראשונה - איז פארשטאנדיק, אז ע"ד ווי מ'זאגט אויף שבת בראשית, אז אזוי ווי מ'שטעלט זיך אוועק שבת בראשית אזוי גייט עס א גאנץ יאר, עד"ז ווערט דאס אויך נמשך בנוגע צו שבת פ' נח.

און אע"פ אז ס'איז ידוע דער ווארט (סה"ש תש"ב ע' 30), אז לאחרי פרשת בראשית (וואס איז "א פריילעכע וואך") קומט פרשת נח, וואס "פרשת נח איז דער מבול, עס איז א קאלאמוטנע וואך", און "די אמת פריילעכע וואך איז אבער פרשת לך לך כו'" - איז אבער דא דער עילוי אין דעם ענין פון דעם מבול, אז דורך דעם ווערן נמשך די אורות מרובים דתהו (ראה תו"א נח י, א), און זיי ווערן נמשך (דורך עבודת האדם) אין די כלים מרובים דתיקון, וואס דאס איז בהתאם לזה אז דער מבול בא לטהר את הארץ.

[בענין התחלת תקופת גשמים בחודש מרחשון]:

תפלת גשם איז געווען בשמיני עצרת, וואס איז פארבונדן מיט א שמחה גדולה, שמחה פורץ גדר, און דערפון ווערט עס דערנאך נמשך אין חודש מרחשון.

ולהעיר, אז גשם (שמ"ג) איז בגימטריא ז' פעמים ז' פעמים ז', וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט "והי' אור הלבנה כאור החמה ואור החמה יהי' שבעתיים כאור שבעת הימים", וואס שבעתיים איז מ"ט (ז' פעמים ז') און "שבעתיים כאור שבעת הימים" איז מ"ט פעמים ז' - שמ"ג (אותיות גשם). וואס דאס איז דער עילוי והחידוש לע"ל לגבי דעם מצב העולם בתחלת הבריאה (ומעין ובדוגמת זה אין דעם "עולם חדש" בזמן נח), וואס דעמולט איז געווען "שני המאורות הגדולים", משא"כ לע"ל וועט זיין, נוסף אויף "והי' אור הלבנה כאור החמה" (כבתחלת הבריאה), אויך "שבעתיים כאור שבעת הימים".

[בענין העונג באכו"ש בשבת]:

ביז צו די שלימות בזה לע"ל - באכילת סעודת לויתן ושור הבר, ומעין זה - די אכילה וואס איז געווען בתיבת נח (פון "כל מאכל אשר יאכל").

[בגילוי קביעות שנה זו]:

מ׳האט געזעדט כמ״פ, אז שנה זו איז אויסגעטיילט בענין שלשה: די צוויי טעג ראש השנה האבן אריינגעפירט גלייך אין שבת, און אין חוץ לארץ - אויך די ימים ראשונים און ימים אחרונים פון סוכות האבן אריינגעפירט אין שבת, אזוי אז מ׳האט ג׳ ימים רצופים פון קדושה, ובתלתא זימנא הוי חזקה, און אין חו״ל - ג׳ פעמים ג׳.

און אין ראש השנה עצמו געפינט מען די הדגשה פון שלשה - מלכיות, זכרונות ושופרות, און יעדערער פון זיי איז משולש - ג׳ פעמים ג׳. ולהעיר אז דאס איז אויך פארבונדן מיט פ׳ נח, ווארום אין די פסוקי זכרונות זאגט מען אויך "וגם את נח באהבה זכרת שנאמר ויזכור אלקים את נח", פארבונדן מיט "עצם מעלת נש״י" (המשך תער״ב ח״א פר״א).

- ולהעיר אז אויך "אמה" ("ואל אמה תכלנה מלמעלה") באשטייט פון ג׳ אותיות, ר״ת אלקינו מלך העולם, וועלכע באדייטן דריי ענינים, און זיי קומען צוזאמען אין איין ווארט "אמה". און דער סיום איז דוקא מיט "העולם", ווייל דוקא דורך דער ירידה למטה מטה און גילוי מלכותו ית׳ בעולם (מלך העולם), דערגרייכט מען למעלה מעלה, ביז צו דער מ״ם סתומה (בסיום תיבת "העולם").

און אויך "שבעתיים כאור שבעת הימים" איז ז׳ פעמים ז׳ פעמים ז׳ - במספר שלשה.

ובדוגמת זה איז אויך בא אידן, וועלכע טיילן זיך אויף דריי: כהנים לויים ישראלים, און יעדערער פון זיי איז כלול משלשה: כהן גדול, סגן כהן גדול, כהן הדיוט, וכו׳.

און אויך לע״ל - וואס קומט דורך מעשינו ועבודתינו - איז בהדגשה דער ענין פון שלשה: דער בית המקדש השלישי, וואס ער איז א ביהמ״ק משולש, ווייל ער איז כולל אויך די ערשטע צוויי בתי מקדשות (כמובן פון פרש״י (ר״פ פקודי) "מקדש שנתמשכן בשני חורבנין", וואס דער אויבערשטער קערט אום דעם משכון בשלימותה). און אין ביהמ״ק השלישי עצמו - קדש הקדשים, וואס איז כולל דריי ענינים: קדש (אחד) הקדשים (צוויי).

ב. און פון פ׳ נח קומט מען דערנאך צו פ׳ לך לך (וועלכע מ׳הויבט אן לייענען בתפלת מנחה) - "לך לך מארצך וממולדתך

ומבית אביך" (אויך דריי ענינים), וואס דאס באווייזט אויף די שלימות העבודה פון א אידן - אז ער שטייט שטענדיק אין א תנועה פון הליכה, און ניט באופן פון עמידה (אפילו די עמידה פון אן "עולם
חדש" שבפ' נח).

און אפילו ווען ביי אים איז אמאל דא אן עמידה - איז דאס נאר בכדי צוצוברענגען צו אן עלי' נעלית יותר, ע"ד ירידה צורך עלי', און ניט אין אן אופן אז דורך דער עלי' איז מען מבטל די מציאות התחתונה (ע"ד ווי דאס איז דורך דעם נהר דינור), נאר אז מ'איז מעלה דעם תחתון למעלה (ע"ד דער עמוד בין ג"ע לג"ע).

און די הליכה איז "אל הארץ אשר אראך", ארץ ישראל, ובזה גופא - "ילכו מחיל אל חיל", ביז "יראה אל אלקים בציון",

און אין עבודה - די הליכה, דער גילוי פון ציון שבנשמה, פנימיות ועצם הנשמה, וואס אין דעם איז אויך שייך הליכה, כמובן פון דעם ביאור בדברי רבי יוחנן בן זכאי "איני יודע באיזה דרך מוליכין אותי", אז וויבאלד ער איז געווען שטענדיק עסוק בלימוד התורה, האט ער ניט געהאט זמן צו טראכטן און מאכן א חשבון אויף עצם הנפש שלו.

און דורך דער קריאה בתורה (בפ' נח און דערנאך בפ' לך לך) ווערן נמשך די ענינים למטה. ובפרט אז די קריאה איז מיט טעמים, בחי' רינה שבתורה [ולהעיר וועגן די זהירות וואס דארף זיין בשעת מ'איז קורא ברבים, אז מ'דארף אויף דעם מעביר זיין ג' אדער ד' פעמים בינו ולבין עצמו]. וכמבואר בכ"מ דער עילוי פון טעמי תורה, כמובן אויך פון דעם וואס שטייט אין ספרים אז "טנא" (וואס שטייט בא ביכורים) איז ר"ת טעמים נקודות אותיות. און דאס ווערט נמשך אורות בכלים - "ושמת בטנא".

ועוד והוא העיקר - אז בא יעדער איד זאל זיין די שלימות פון "נח נח", נייחא לעליונים ונייחא לתחתונים, נייחא בכפליים אין אלע ענינים, כולל - נייחא אין נשמה און נייחא אין גוף,

ביז אז דאס ברענגט אריין א חידוש אין אלע עניני העבודה פון א אידן. והפרט שטייענדיק בשנת "אראנו נפלאות", וועלכע קומט נאך שנת נסים, און נאך שנת תשמ"ט ידיך, און נאך שנת הקהל.

און עס ווערט "הקהל את העם האנשים והנשים והטף", און מ'הערט ווי דער מלך איז קורא בתורה, וואס דאס איז "כאילו ... מפי

הגבורה שומעה״, דער גילוי פון ״שמש בגבורתו״, שמש ומגן הוי׳ אלקים, דער גילוי פון הוי׳ הוא האלקים.

ביז די שלימות בזה בגאולה האמיתית והשלימה, והקיצו ורננו שוכני עפר, און כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו בראשנו, וואס שמו איז יוסף יצחק - פארבונדן מיט ״יוסיף ה׳ שנית ידו״, און ״יוסף ה׳ לי בן אחר״, אז מ׳מאכט פון ״אחר״ א ״בן״, ומתוך שמחה וטוב לבב (יצחק),

ובפשטות - אז מ׳איז מקבל פני משיח צדקנו מיט א ריקוד בשמחה ובטוב לבב, ותיכף ומיד ממש.

* * *

[כהמשך לענין ד״וכבשוה״]:

ג. און פון פ׳ נח קומט מען דערנאך צו פ׳ לך לך, ״לך לך גו׳ אל הארץ אשר אראך״, און ס׳איז ניט געבליבן בא דער ״אראך״, ווי ס׳איז געווען בא משה - ראיית ארץ ישראל מרחוק, נאר דערנאך איז אברהם אבינו אריין אין ארץ ישראל, און דער אויבערשטער האט עס אים אפגעגעבן, ביז אז ״קום התהלך בארץ גו׳ כי לך אתננה״, וואס דורך דער הליכה בארץ האט עס אברהם קונה געווען, א קנין עולם פאר אידן במשך כל הדורות [ביז אז לכמה דיעות האט יעדער איד (אויך איצטער) א חלק (ביז ד׳ אמות) אין ארץ ישראל, און ס׳איז נוגע להלכה בנוגע צו פרוזבול],

און דאס גיט דערנאך אויך דעם כח אויף כיבוש הארץ, כיבוש ז׳ ארצות, ביז די שלימות לע״ל - כיבוש כל עשר הארצות, און אלע אידן קומען אין ארץ ישראל, ביז אז כל יושבי׳ עלי׳, ניט נאר ב׳ שבטים, נאר אלע י״ב שבטים,

בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו - מילוי הבקשה פון יעדער איד און פון אלע אידן, ווי גערעדט אויך אין דער התוועדות שלפנ״ז, בביהכנ״ס וביהמ״ד, ברוב עם, ובהסכמת כולם, און מ׳האט אויף דעם שוין די פסקי דינים פון א ריבוי רבנים - אז ס׳איז שוין געקומען דער זמן הגאולה, ועוד והוא העיקר - תיכף ומיד ממש.

* * *

ד. ס׳איז רגיל צו מסיים זיין דערמיט, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן

וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ויה״ר, אז די החלטות טובות און די פעולות טובות - בפרט אז דאס איז מער ווי איין פעולה, און מער ווי צוויי פעולות כו׳ - זאל מכריע זיין דעם קו המשקל און ברענגען תשועה והצלה (כפס״ד הרמב״ם הל׳ תשובה פ״ג ה״ד), ביז די תשועה והצלה העיקרית - גאולה האמיתית והשלימה,

ובפרט אז שוין כלו כל הקצין, און מ׳האט שוין אויך תשובה געטאן, ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו האט מעיד געווען, אז ״עמדו הכן כולכם״, און מ׳האט שוין צוגעפוצט די קנעפלעך,

ובמילא דארף מען שוין גלייך גיין - ארו עם ענני שמיא - אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ״ק, לעזרה, וואס דארטן האט מען געפראוועט שמחת בית השואבה שאזלינן ממנה, און דער המשך - שמחת תורה, און דערנאך - שבת בראשית און ש״פ נח, און מ׳גייט באלד לייענען (בתפלת מנחה) פ׳ לך, און נאך פאר דעם - קומט שוין די גאולה, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון ההקפות דאביו ז״ל.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

---- * ----

לזכות

הבחור הת' **שלמה שמואל** שי'

לאורך ימים ושנים טובות

לרגל הבר מצוה שלו

יום ד', ה' מרחשון

ה' **ת**הא **ש**נת **א**ראנו **נ**פלאות

*

ולזכות אחיו

אהרן אליהו ושלום דובער שיחיו

■

נדפס ע"י הוריהם

הרה"ת ר' **מאיר יהושע** וזוגתו מרת **דבורה לאה** שיחיו

אייכלר

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ וירא
ט״ו מרחשון
ה׳תנש״א

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי׳ תהא שנת אראנו נפלאות
ארבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ וירא, ט"ו מרחשון ה'תנש"א

הנחת חתי בלתי מוגה

[סיום שיחה א']:

א. והקיצו ורננו שוכני עפר, ובתוכם - דער בעל יום ההולדת און בנו יחידו ממלא מקומו, כ"ק מו"ח אדמו"ר, וואסביידע זיינע נעמען זיינען פארבונדן מיט דער גאולה: יוסף - יוסף ה' שנית ידו גו', יצחק - כל השומע יצחק לי, וואס שלימות הצחוק והשמחה וועט זיין לע"ל, און זייענדיק דער "מנהל פועל" פון דער ישיבה, וועט ער ממשיך זיין "מנהל פועל" פון אלע עניני הגאולה, ביז אין אן אופן פון ממש, וואס ממש איז דער טייטש - אז בנערינו בזקנינו בבנינו ובבנותינו גייט מען אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ"ק השלישי, ולקדש הקדשים, וואס דארטן געפינען זיך די לוחות הברית, באותיות החקיקה - פארבונדן מיט לימוד פנימיות התורה באופן של חקיקה, ביז - שמביא לידי מעשה,

און עס ווערט "וירא אליו הוי'", גילוי אלקות בראי' חושית, כולל אויך אין לימוד התורה - לימוד התורה באופן של ראי', ותיכף ומיד ממש.

* * *

[בענין המיוחד בשנה זו]:

ב. ובפרט אז שנה זו איז "שנת אראנו נפלאות", ד.ה. אז בשנה זו זעט מען בגלוי די נפלאות של הקב"ה אין הנהגת העולם למטה, ובאופן פון "אראנו נפלאות" דוקא (וואס דאס איז די הוספה בזה לגבי שנה שעברה - "שנת נסים"), וואס דורך ראי' ווערט תכלית ההתאמתות (וואס דערפאר איז "אין עד נעשה דיין").

וכמדובר כמ"פ, אז בשנה זו זעט מען בפועל נפלאות, ביז - נפלאות וועלכע זיינען א הכנה צו די נפלאות בגאולה האמיתית והשלימה, "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות".

- דערביי דארף מען באווארענען, אז די נפלאות זיינען ניט קיין ענין פון "אתחלתא דגאולה" ח"ו, כמדובר כמ"פ אז אלע ענינים פון גאולה, אנהויבנדיק פון "אתחלתא דגאולה" און "אתחלתא דאתחלתא דגאולה", וועלן זיין דוקא דורך משיח צדקנו,

וואס ער איז א בשר ודם מזרע דוד ושלמה. און די אלע גילויים שלפנ״ז זיינעם נאר א הכנה והכשרה להגאולה. ואין להאריך בדבר המובן ופשוט, כמבואר ומדובר בכ״מ.

[בענין ה׳, כנגד חמשה חומשי תורה]:

וויבאלד אז תורה איז בשביל ישראל (שנאמר בתורה דבר אל בנ״י, צו את בנ״י), דעריבער שפיגלט זיך אפ יעדער זאך אין תורה אויך אין אידן, וכשם ווי ס׳איז דא דער בנוגע למספר שלשה בתורה, אז ״אוריאן תליתאי״ איז געגעבן געווארן ״לעמא תליתאי״, אזוי איז דאס אויך בנוגע צו מספר חמשה, חמשה חומשי תורה [ולהעיר פון דעם פיוט אין הגדה ״אחד מי יודע כו׳ חמשה כנגד חמשה חומשי תורה״, וואס הגם אז מ׳זאגט דאס ניט במנהג חב״ד, האט מען געזען דעם פיוט אין כמה הגדות פון רבותינו נשיאינו], אז אידן טיילן זיך במספר זה, ועד״ז טיילן זיך אידן אין די אנדערע מספרים שבתורה - ששה סדרי משנה, און שבעה קני המנורה, וואס כנגדם זיינען די שבעה סוגים בנשמות ישראל, ביז ווי זיי טיילן זיך כנגד די שמונה קני המנורה פון נרות חנוכה, וועלכע איז פארבונדן מיט דער גאולה העתידה לבוא, וכמדובר לעיל די שייכות כללית פון שמונה צו דער גאולה.

[בענין אמירת דברי תורה בג״ע גם לאחרי ההסתלקות]:

בנוגע צו פסק׳נען א דין - איז תורה לא בשמים היא, און מ׳קען ניט פסק׳נען א דין לויט ווי מ׳האט דאס געהערט למעלה, אבער אמירת דברי תורה בכלל קען מען אויך הערן מלמעלה בגן עדן.

[בענין פ׳ וירא]:

וואס דאס קומט בהמשך צו דעם וואס רעדט זיך בפרשה שלפנ״ז וועגן נתינת הארץ צו אברהם, און ״קום התהלך בארץ גו׳״, וואס דורך דעם האט ער קונה געווען ארץ ישראל אלס א ירושה ונחלת עולם, וכמדובר כמ״פ אז יעדער איד אויך היינט האט דארט אן אמה אחת אדער ד׳ אמות (וכמדובר אמאל דער פירוש בזה וכו׳).

* * *

ג. כנהוג, זאלן די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח ארויפגיין און מסביר זיין בקשר מיט וואס דאס איז פארבונדן, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ויה״ר אז מ׳זאל גלייך זוכה זיין צו ״וירא אליו ה׳״, וואס דערצו דארף זיין די השתוקקות פון יעדער איד, כנ״ל,

און דערנאך קומט המשך הפרשה - וועגן לידת יצחק, וועלכער איז פארבונדן מיט דער גאולה האמיתית והשלימה, דלעתיד יאמרו ליצחק כי אתה אבינו. און יצחק איז ענינו תגבורת החיות, און ער האט געלעבט דער מספר שנים הכי גדול פון די אבות - מאה ושמונים שנה, מער פאר די קע״ה שנה פון אברהם און די קמ״ז [כנגד די מזמורי תהלים פון דוד מלכא משיחא] פון יעקב. און דערנאך יוסף שבדורנו, כ״ק מו״ח אדמו״ר - שבעים שנה.

כ״ק מו״ח אדמו״ר האט אבער געזאגט כמ״פ, אז מ׳דארף שוין מערניט ווארטן אויף דער גאולה, אפילו ניט קיין שבעים מינוט און אפילו ניט שבעים רגעים, נאר לא עכבן אפילו כהרף עין, און די גאולה קומט תיכף ומיד ממש.

לחיים, לחיים ולברכה, לחיים טובים ולשלום, מיט די אלע נוסחאות פון דער ברכה, ועוד ועיקר הברכות - די גאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יהי״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״. אח״כ התחיל לנגן ״ניעט ניעט ניקאווא״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

―――― * ――――

לעילוי נשמת

הרה"ת עוסק בצ"צ וכו' ר' **יוסף יצחק** ע"ה

טיפענברון

נקטף בדמי ימיו

ביום ב' פ' חיי שרה, כ"ב מרחשון תשמ"ז

■

נדפס ע"י

זוגתו מרת **פריידא רחל**

ובתו ובנו שיחיו

טיפענברון

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,

שיחת
ש״פ תולדות
מבה״ח ועו״ח כסלו
ה׳תנש״א

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי | ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי׳ תהא שנת אראנו נפלאות
ארבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. תשלמות לשיחת ש"פ תולדות, מבה"ח וער"ח כסלו ה'תנש"א.

הנחת התי' בלתי מוגה

[בענין הקמת בית יעקב בחרן]:

א. די אלע י"ב שבטים, כולל שבט לוי [לוי מלשון "ילוה אישי אלי"]. וואס בכמה ענינים ווערט ער געציילט באזונדער, אבער בפ' ויצא ווערט ער גערעכנט בסדר התולדות פון אלע שבטים.

ולהעיר מפס"ד הרמב"ם, אז "לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש אשר נדבה רוחו כו'", און ער איז מסיים "ואתה תומיך גורלי", וואס גורל גייט אויף פנימיות הנשמה, און "ואתה תומיך גורלי" - גייט אויף דער תמיכה פון בחי' גורל שבנשמה דורך "אתה", עצמות ומהות, וואס דוקא אויף אים איז שייך זאגן "אתה" לשון נוכח. און דאס ווערט נתגלה דוקא למטה, וכמבואר בתו"א אז דער מאור איז בהתגלות, דשים שמים שגור בפי כל ובמיוחד בא נשים וקטנים, ובלשון הידוע - "אליו ולא למדותיו", און "אתה" (לשון נוכח) איז נאך העכער פאר "אליו". און דאס ווערט נמשך אין אלע ענינים - כמרומז אין דעם וואס "אתה" האט אין זיך אן אל"ף און תי"ו, וועלכע זיינען כולל אלע אותיות פון אל"ף בי"ת, און דאס קומט דערנאך אראפ אין א ה"א - בה"א נברא עוה"ז.

[בענין גילוי המטמוניות לע"ל שגנז יוסף]:

ועד"ז וועט זיין דער גילוי פון דעם "גביע הכסף" וועלכער יוסף האט געהייסן באהאלטן באמתחת בנימין. וואס דאס איז מרמז אויף כללות ענין הגלות - וועלכע איז אן ענין פון "גניבת דעת", ווייל ניט קוקנדיק אויף דעם גלות האט דער אויבערשטער אן אהבה גדולה צו יעדער איד - עד כדי כך אז מ'קען ניט משער זיין וויפל דער אויבערשטער האט אונז ליב [וכתורת הבעש"ט הידועה, אז די אהבה פון דעם אויבערשטן צו אידן איז אזוי ווי צו א בן יחיד שנולד להורים זקנים לעת זקנותם], און בהתאם צו דער אהבה האט מקומו פון א איד געדארפט זיין סמוך על שולחן אביו, ובפועל איז דא דער גלות - אן ענין של גניבת דעת; און לע"ל וועט נתגלה ווערן דער גביע הכסף וועלכער איז באהאלטן אין דעם גלות (גניבת דעת), און די מעלה פון בנימין, שלמעלה מיוסף וכו', און דערנאך "ויגש אליו יהודה" - אלס ערבות פאר בנימין.

ולאחרי דער גודל הירידה אין גלות, א ירידה סיי בכמות און סיי באיכות, קומט מען צו דער גודל העלי׳ פון דער גאולה, אן עלי׳ בכמות ובאיכות, ברוחניות ובגשמיות, כפס״ד הרמב״ן (מיט דעם אישור פון תורת החסידות), אז שלימות השכר לע״ל וועט זיין נשמות בגופים.

[בענין הרפואה של ילדי צ׳רנוביל]:

וכידוע אז אע״פ וואס רפואה בכלל איז נאר מכאן ולהבא, איז אבער ע״פ תורה דא רפואה באופן אז מלכתחילה ״לא אשים עליך״, ועד״ז לאחרי זה - רפואה וואס פועל׳ט למפרע (ע״ד הפרת נדרים).

[בענין שישראל הוא סמוך על שולחן אביו]:

ביז אז ער איז דער איינציקער אורח על שולחן אביו. וואס דאס האט אין זיך אן עילוי אפילו לגבי גילוי השכינה עצמה - כמאחז״ל גדולה הכנסת אורחים מקבלת פני השכינה, ווי מ׳לערנט אפ פון ״אחד הי׳ אברהם״.

[בענין השלוחים וגילוי פנימיות התורה]:

ווי ס׳איז איינגעשטעלט געווארן דורך דעם מייסד און מנהל פועל פון ישיבת תומכי תמימים, אז דארט זאל זיין קבוע דער לימוד פון תורה תמימה, נגלה דתורה צוזאמען מיט פנימיות התורה, און ניט נאר אין אן אופן אז בשעת מ׳לערנט איינעם ווייסט מען אז בזמן שני וועט מען לערנען דעם צווייטן, נאר אז דער לימוד הנגלה גופא זאל זיין דורכגענומען מיט נשמתא דאורייתא, און לימוד פנימיות התורה זאל זיין באופן און צוזאמען מיט נגלה דתורה - אלס א תורה אחת.

[בענין הכינוס השלוחים]:

און פון דעם כינוס השלוחים, ובפרט שטייענדיק אין דעם בית הכנסת ובית מדרש ובית מעשים טובים פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו [וואס א בית איז למעלה ממדת האדם, ועאכו״כ ״אין בית אלא תורה״, אבער ביחד עם זה איז זי פארבונדן מיט מדידה והגבלה - ד׳ אמות על ד׳ אמות ווי׳ טפחים וכו׳, וואס דעמולט איז דאס שייך צו ״וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך״] - קומט מען צו דעם כינוס האמיתי, פון ״קהל גדול ישובו הנה״: ״קהל״ - דער קהל פון אלע י״ב שבטים (ניט נאר שבט יהודה ובנימין); ובאופן פון ״גדול״ - גדול ה׳ ומהולל מאד בעיר אלקינו, ביז די גדלות האמיתית אין קדש הקדשים, בירושלים עיר הקודש, בארץ הקודש, שעתידה ארץ

ישראל שתתפשט בכל הארצות; ״ישובו״ - לא בחפזון תלכו, נאר בשובה ונחת; ״הנה״ - אין הנה אלא לשון שמחה.

און מ׳לערנט דעמולט ״תורה חדשה מאתי תצא״, וואס ״אתי״ האט אין זיך אויך אן אל״ף ותי״ו, וועלכע זיינען כולל כל אותיות הא״ב. ומסתבר אז מ׳וועט מאכן נאכאמאל ברכת התורה אויף דעם לימוד פון תורה חדשה, במכ״ש דערפון וואס מ׳מאכט ברכת התורה ווען מ׳איז עולה לתורה, אע״פ וואס מ׳האט געמאכט ברכת התורה בברכות השחר.

* * *

[בענין שליחות הנשמה למטה]:

ב. ״נשמה שנתת בי טהורה היא״, און דערנאך איז זי יורד - בשליחותו של הקב״ה - אין אלע עולמות, ״אתה בראת אתה יצרת אתה נפחת בי״, ביז למטה וואו זי דארף אנקומען צו א שמירה, ״אתה משמרה בקרבי״, אבער די שמירה איז פון ״אתה״, מבחי׳ שומר ההיקף ולמעלה מזה - ״שומר ישראל״, ״הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל״, ווי עס שטייט אין די ״שיר המעלות״ בספר תהלים, כנגד די ט״ו מעלות בביהמ״ק, וועלכע זיינען געווען אן אמה וחצי, אמה ר״ת אלקינו מלך העולם, און חצי וואס באווייזט אויף ״לב נשבר ונדכה גו׳״.

[בענין הקמת בית יעקב, של הי״ב שבטים]:

און אויך דינה אחותם. ולהעיר, אז דינה איז אויך פון לשון דין, וואס דאס באווייזט אויף דער גילוי פון די חסדים נסתרים (אין דין).

[בענין כינוס השלוחים ביום שבת זה]:

און דערנאך ווערט עס נמשך ביום ראשון בשבוע, וועלכער ווערט אנגערופן יום אחד - לפי שהי׳ הקב״ה יחיד בעולמו, ווי עס שטייט אין בראשית רבה [ולהעיר מהשייכות צו קידושא רבה פון דעם שבת], ביז צו דער שלימות פון רבה - בגאולה האמיתית והשלימה, וואס איז פארבונדן במיוחד מיט מוצאי שבת - סעודתא דדוד מלכא משיחא.

[בענין גילוי בחי׳ משיח שבכאו״א]:

ועי״ד המבואר אין אגה״ק (ס״ד), אז תפלה איז אן ענין פון גאולה פרטית.

[בענין ״ויתן לך״]:

און דערפון קומט מען צו דעם צווייטן פירוש אין רש"י, אז "מוסב לענין הראשון ראה ריח בני שנתן לו הקב"ה כריח שדה וגו' ועוד יתן לך מטל השמים וגו'" - אז כשם ווי דער אויבערשטער גיט אים די ברכה אז ביי אים זאל זיין "כריח השדה" פון גן עדן, וואו עס זיינען ניטא קיינע שוועריקייטן, אזוי האט אויך א איד דעם כח בעבודתו, און ניט נאר אין דער ערשטע נתינה ועבודה, נאר אויך אין "יחזור ויתן".

* * *

ג. ס'איז רגיל בכגון דא צו מסיים זיין, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך - מצוה לפרסם עושי מצוה, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ויש להוסיף אין דעם עילוי פון דעם שבת, שבת מברכים ראש חודש כסלו, ובשנה זו - מחר חודש, אז מ'גייט גלייך אריין אין ראש חודש, איין טאג ראש חודש [משא"כ ווען עס זיינען דא צוויי טעג ראש חודש, איז דאך דער עיקר יום - די התחלה פון מנין ימי החודש - ביום שני דראש חודש]. ולהוסיף, אז דאס איז פארבונדן דערמיט וואס דער ראש חודש איז ביום אחד בשבוע (ע"ד יום אחד פון ראש חודש), און מ'זאגט דעמולט "לה' הארץ ומלואה".

וחודש כסלו - חודש הגאולה [וואס שלימות הגילוי פון ענין "לה' הארץ ומלואה" וועט זיין אין דער גאולה האמיתית והשלימה], י"ט כסלו און טי"ת ויו"ד כסלו, און בסוף ימי החודש - די ימי חנוכה, גאולה פון גלות יון, אבער א גאולה נאך פארבונדן מיט ענין הגלות [ולהוסיף, אז דאס איז מער בהדגשה אין די ימים טובים מדברי סופרים, ווי חנוכה ופורים, משא"כ אין די ימים טובים בתושב"כ], וואס דאס גיט צו אין דעם אז פון גלות זאל מען קומען צו דער גאולה, ביז דער גאולה חמישית, גאולה האמיתית והשלימה, און מ'האט דעם ענין פון ששה - ששה סדרי משנה, און שבעה קני המנורה, ביז די שמונה נרות פון חנוכה.

און דאס אלץ - תיכף ומיד ממש, אז נאך פאר תפלת מנחה קומט דער שליח האמיתי - אליהו הנביא, מבשר הגאולה, און מלכא משיחא קומט, און זיי ווארטן ניט איינעם אויפן צווייטן, נאר זיי קומעןביידע צוזאמען,

ובפרט שטייענדיק בשנת אראנו נפלאות, נאך דעם שנת נסים,

און דערנאך גייט מען מתפלל זיין מנחה, און דערנאך - תפלת ערבית, שתיקנה יעקב אבינו, "ויפגע במקום ההוא",

תיכף ומיד ממש, בגאולה האמיתית והשלימה.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

לזכות

הילד **שלום דובער** שי׳

לאורך ימים ושנים טובות

לרגל הכנסו לבריתו של אאע״ה

יום ד׳, ד׳ כסלו

ה׳ תהא שנת אראנו נפלאות

■

נדפס ע״י הוריו

הרה״ת ר׳ **גבריאל אלכסנדר** וזוגתו מרת **לאה** שיחיו

נמדר

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש״פ ויצא
ז׳ כסלו
ה׳תנש״א

יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי׳ תהא שנת אראנו נפלאות
ארבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ ויצא, ז' כסלו ה'תנש"א.

הנחת חתי בלתי מוגה

[בענין העבודה (שינוי טבע הרגילות) בקשר עם גילוי תורת החסידות בחודש כסלו]:

א. דער כללות ענין החסידות - לפנים משורת הדין - איז אן ענין של עבודה, אז מ'באנוגט זיך ניט מיט דער טבע הרגילות אפילו פון קדושה, די הנהגה ע"פ דין, נאר מ'איז משנה הטבע און מ'איז מוסיף יותר מכפי המוכרח ע"פ טבע דקדושה - לפנים משורת הדין.

ולאחרי וואס די הנהגה פון לפנים משורת הדין ווערט א חלק פון זיין הנהגה הרגילה [ווי דאס איז בנוגע צו הדלקת נרות חנוכה, אז איצטער איז געווארן א "מנהג פשוט" אז אלע זיינען מדליק די נרות באופן פון "מהדרין מן המהדרין" בזמן הש"ס], דארף דעמולט זיין א הנהגה נעלית יותר.

ע"ד ווי דאס איז בנוגע צו די ענינים פון "מילי דחסידותא" וואס רעדן זיך אין פרקי אבות, אז לאחרי וואס זיי זיינען אריינגעשטעלט געווארן אין משנה, און דערנאך - סידור השוה לכל נפש פון דעם אלטן רבי'ן (וועלכער האט בוחר געווען דעם נוסח פון צווישן כו"כ נוסחאות), און מ'זאגט די פרקי אבות אין די שבתות בין פסח ועצרת, ויש נוהגין - כל שבתות הקיץ (ווי דער אלטער רבי שרייבט בסידורו) - איז דאס געווארן א חלק פון דער סדר הרגיל בעבודה. און איצטער - דארף דער לפנים משורת הדין זיין אין ענינים נעלים יותר.

ועד"ז בנוגע צו כללות גילוי החסידות, אז לאחרי וואס אן ענין מסויים איז נתגלה געווארן - ווי בנוגע צו דעם מנהג פון מאכן א התוועדות בשמחת תורה [וואס דעמולט - בשמח"ת תרנ"ט - האט דער רבי נ"ע מכריז געווען וועגן דעם נאמען פון ישיבת תומכי תמימים] - לאחרי וואס דאס איז נקבע געווארן דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר דורך דעם וואס ער האט וועגן דעם דערציילט בשיחתו, איז דאס געווארן א סדר קבוע, און איצטער דארף זיין דער לפנים משורת הדין אין ענינים וואס זיינען למעלה מסדר ורגילות שלו.

ועד"ז בנוגע צו די ענינים וועגן וועלכע מ'האט גערעדט כמ"פ, מערער ווי שלשה פעמים, וואס אפילו שלשה פעמים הוי חזקה, ועד"ז מיעוט רבים שנים, ואפילו פעם אחד - איז דאך דאס ע"ד ווי עס

שטייט אין פרקי אבות בנוגע צו אחד שיושב ולומד תורה, אז דורך דעם ווערט דער ״אבוא אליך וברכתיך״.

* * *

[בענין ההמשך בהחלטות טובות בקשר עם ״כינוס השלוחים העולמי״]:

ב. וכמודגש אויך אין דעם וואס בהשגחה פרטית איז דער הודעה וועגן דעם כינוס השלוחים געבליבן הענעגן אויפן וואנט, כאטש אז ס׳איז שוין כמה ימים נאך דעם כינוס - ותבוא עליהם ברכה - דאס איז מעורר אז עס דארף זיין א המשך צו די החלטות (ובפרט אז עס האט נאך פאר דער ״מהדורא בתרא״ פון די החלטות) בקשר מיטן כינוס השלוחים.

וכידוע הלשון ״עולמי״ אויך מלשון נצחיות, אז דאס ווערט נמשך באופן תמידי, נוסף אויף דעם פירוש ״עולמי״ - אז די פעולת השליחות איז בכל העולם כולו, צו איבערמאכן עולם, מלשון העלם והסתר - נוסף צו דעם ענין פון העלם וואס איז מעלים אויף דער זאך, אבער דאס איז ניט קיין סתירה ומנגד, אויך דער ענין פון הסתר וואס איז מנגד און א סתירה - און מאכן א דירה לו יתברך בתחתונים.

[סיום השיחה]:

די גאולה קומט תיכף ומיד ממש, אזוי אז נאך פאר דעם חנוכה פראוועט מען דעם חנוכת בית המקדש השלישי, און מ׳איז דארט מקריב די קרבנות,

און די שאלות אז לכאורה דארף מען האבן די ד׳ ימי ביקור וכו׳ - וועט מען דעמולט האבן א בירור אין דעם, דורך משה ואהרן עמהם, והקיצו ורננו שוכני עפר, און נשיא דורנו עמהם,

און נאך לפני זה - אנהויבנדיק דערפון אז מ׳האט אלע אידן שבדורנו זה, נשמות בגופים, און מ׳גייט איבער בלי הפסק כלל אין חיים נצחיים, און אלע אידן, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, כולל די אידן וואס געפינען זיך דא, וביניהם - די אורחים וועלכע זיינען אנגעקומען אויף דעם שבת - צוזאמען מיט בני ביתם - און היות אז משיח קומט גלייך פארשפארן די אורחים צוריקגיין למקומם ברענגען בני ביתם, ווארום משיח ברענגט זיי אלע דא, און אלע אידן גייען - ווארו עם ענני שמיא - נאך ביום

שבת זה (ובפרט לויט דער דיעה זא אין איסור תחומין למעלה מעשרה) - אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ"ק השלישי, ותיכף ומיד ממש, ומתוך שמחה וטוב לבב.

* * *

[כ"ק אדמו"ר שליט"א פנה להאורחים שיחיו, ואמר:]

ג. די אורחים פון מאנטריאל וועלכע זיינען אהערצו געקומען אויף דעם שבת - זאלן איצטער זאגן "לחיים" און זינגען א ניגון שמח.

ויה"ר אז די אורחים פון מאנטריאל צוזאמען מיט אלע אידן בכל מקום שהם, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, זאלן גלייך גיין אין ארץ הקודש, לירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ"ק השלישי, ולקדש הקדשים, ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי אמירת לחיים של האורחים שי' - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל].

* * *

ד. ס'איז רגיל בכגון דא - אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן דעם מאורע פרטית ודבר שמחה וכו', ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ועוד ועיקר - אז מ'זאל ממלא זיין די החלטות במעשה בפועל. און בשעת משיח וועט גלייך קומען - וועט זיכער צוקומען אין מילוי הפעולות. והקיצו ורננו שוכני עפר, ונשיא דורנו בתוכם, וואס ער איז ממלא מקום פון די נשיאים שלפניו, ממלא מקומם בשלימות המילוי, ביז אז דאס ווערט א הכנה צו קיימא סיהרא באשלמותא פון חודש כסלו, און דערפון קומט מען דערנאך צו די ימי החנוכה.

און מ'האט אויף דעם א תוס' כח דערפון וואס עס געפינען זיך דא אורחים, וואס גדולה הכנסת אורחים יותר מהקבלת פני השכינה.

און די החלטות זיינען כולל ובמיוחד - החלטות בלימוד התורה, ובפרט פנימיות התורה, ובאופן פון קביעות דוקא - קביעות עתים לתורה, סיי קביעות בזמן און זיי קביעות בנפש (וכמובן ופשוט ניט מזלזל זיין אין דער קביעת בזמן כפשוטו ח"ו),

וואס דאס ווערט א הכנה קרובה צו דער גאולה האמיתית והשלימה, וועלכע וועט זיין א גאולה קבועה ונצחית, ובנין ביהמ"ק השלישי קבוע ונצחי - מקדש אד' כוננו ידיך, בנינא דקוב"ה, בית נצחי,

ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יהי״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״. אח״כ התחיל לנגן ״ניעט ניעט ניקאווא״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

לזכות

החתן התי׳ ר׳ **חיים צבי**

והכלה מרת **חנה** שיחיו

חנוכה

ליום חתונתם בשעטומ״צ

יום ג׳, ג׳ כסלו

הי׳ תהא שנת אראנו נפלאות

■

נדפס ע״י הוריהם

הרה״ת ר׳ **מנחם שמואל דוד** הלוי וזוגתו מרת **לאה** שיחיו

רייצ׳יק

הרה״ת ר׳ **יעקב** וזוגתו מרת **בינה** שיחיו

חנוכה

הכתובת להשיג ה״הנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ וישב,
כ"א כסלו
ה'תנש"א

הנחת הת' בלתי מוגה

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי' תהא שנת אראנו נפלאות
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ וישב, כ"א כסלו ה'תנש"א.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין לימוד פנימיות התורה ולימוד נגלה דתורה]:

א. אנהויבנדיק נאך ביום שבת זה, וואס שבת איז פארבונדן מיט לימוד התורה במיוחד, פנימיות התורה און נגלה דתורה. און הגם אז דער עיקר הלימוד בשבת איז אין פנימיות התורה, איז דעמולט אויך דא דער לימוד הנגלה. ואדרבה: בהתחלת התפלה (בהתחלת היום) איז דא אן ענין אין נגלה דתורה - דער פרק משניות איזהו מקומן.

- אין ספרים איז מבואר דער טעם פארוואס מ'לערנט דוקא דעם פרק - ווייל אין אים זיינען ניטא חילוקי דיעות, נאר דאס איז לכולי עלמא, עלמא (עולם) אויך מלשון העלם והסתר, אז אויך זיי זיינען מודה לזה, און דאס ווערט נמשך לכולי עלמא - בזמן ומקום, וכמרומז אין התחלת הפרק "איזהו מקומן".

און דער סיום הפרק איז - "הפסח..אינו נאכל אלא לצלי", וועלכע איז פארבונדן מיט דער גאולה האמיתית והשלימה, כמ"ש "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות".

און דער ענין איז שייך צו יעדער איד, ווייל "צלי" איז מאכל מלכים, וואס יעדער איד "בני מלכים הם" (שבת סז, א), און נאכמער - "מלכים הם" (ווי עס שטייט אין תקו"ז (בתחלת ההקדמה)).

ולהוסיף, אז די ג' אברים כלליים פון א מענטשן זיינען מרומז אין דעם ווארט "מלך" - ר"ת מוח לב כבד, וואס כללות עבודת האדם איז מיט די אברים - "בכל לבבך בכל נפשך ובכל מאדך".

[בענין יצי"מ וגאולה העתידה]:

נאך יצי"מ האט געדויערט מ"ט יום ביז מתן תורה, משא"כ בגאולה העתידה וועט גלייך זיין "תורה חדשה מאתי תצא", ובאופן פון תצא - הפצת המעינות חוצה.

[בענין חלוקת התניא]:

ובמוצאי שבת קודש זה איז כדאי אויסטיילן די תניא'ס וואס זיינען געבליבן עד גמירא צו די וועלכע האבן דאס נאך ניט באקומען. ומובן, אז צוליב ואהבת לרעך כמוך ביז כמוך ממש, זאלן די וואס האבן דאס שוין באקומען בתחלה - וכל קודם זכה - צו זיך מצרף זיין נאך אידן וכו'.

[בנוגע לחלוקת הש"ס, שנחשב כאילו כל א' למד כל הש"ס]:

וכידוע אז יעדער איד איז מחוייב צו לערנען ומחדש זיין בתורה, ווי עס שטייט אין זהר (ח"א יב, א) "למלעי באורייתא ולאשתדלא בה ולאפשה לה

כו'", און ווי ער אלטער רבי שרייבט אין הל' תלמוד תורה.

וכמדובר כמ"פ, אז יעדער איד האט זיין חלק מיוחד אין תורה, "ותן חלקנו בתורתך", "חלקנו" דוקא. אבער וויבאלד אז רוב אידן ווייסן ניט וועלכן חלק איז שייך צו זיי, אין אתנו יודע עד מה - איז די עצה אויף דעם צו לערנען כל התורה כולה, אלע מסכתות הש"ס; ובזמן הזה מפני צוק העתים - טוט מען דאס דורך חלוקת הש"ס בין כמה וכמה.

ומעין זה איז אויך דורך לימוד ספר הרמב"ם, ווי ער שרייבט בהקדמת ספרו, אז "ספר זה מקבץ לתורה שבעל פה כולה".

[בענין "יוסף ה' לי בן אחר"]:

וי"ל אז עד"ז איז בנוגע צו "אחר" (אלישע בן אבוי, רבו של רבי מאיר) - ווי די גמרא דערציילט (חגיגה טו, ב) אז "אמר ר"מ מוטב דלידייני' וליתי עלמא דאתי כו' אעלה עשן מקברו". ויש לומר אז א איד - אפילו געפינענדיק זיך אין היכל המלך, פונדעסטוועגן, אויב ער איז ניט סמוך על שולחן אביו - איז דאס פאר אים היפך פון גן עדן, און כל זמן ער געפינט זיך דארט איז ער בבחי' "אחר", ער איז אן אנדערער, וואס מקומו האמיתי פון א אידן איז - אין עצמות ומהות!

און עצמות ומהות געפינט זיך דוקא אין תחתונים, וואס דוקא אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו, ווערט א דירה לו יתברך.

[בענין ההופסה בלימוד התורה בקשר עם י"ט כסלו]:

ותלמוד גדול שמביא לידי מעשה, בעבודת התפלה וקיום המצוות בהידור, כולל ובמיוחד - מצות הצדקה שמקרבת את הגאולה, צדקה פאר מוסדות אדער צדקה לעזור יחידים, אדער צדקה אן א "קעפל" - צדקה בצנעא, מתן בסתר.

ולהעיר ממאחז"ל אז המאבד סלע ומצאה עני - איז מקיים מצות הצדקה, אע"פ וואס ער האט אין דעם ניט געהאט קיין ידיעה וכוונה, ואדרבה - עס קען זיין אז ער איז דערויף מצטער. ביז אפילו דער צער פון נפש האלקית, אז ער האט דערמיט געקענט מקיים זיין מצות הצדקה (מיט כוונה וידיעה). אבער דורך המאבד סלע קומט צו די מעלה פון צדקה באופן פון מתן בסתר].

[בענין "חטוף ואכול חטוף ואישתי"]:

ווי דער רבי (מהורש"ב) נ"ע שרייבט אין זיין מכתב הידוע, געדרוקט אין קונטרס ומעין מבית ה', צוזאמען מיט דער צילום פון גוף כתי"ק פון דעם מכתב.

ויה"ר אז יעדער איד זאל שרייבן מכתבים - בריוולעך - מיט בשורות טובות וועגן הוספה בלימוד התורה וכו'.

ב. ובפרט אז עס זיינען דא די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח -

זאלן זיי ארויסגיין און מכריז זיין פרטי הדברים, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

און דאס זאל נאכמער צואיילן דעם זמן ווען עס וועט זיין דער מילוי הבקשה "לישב בשלוה" בתכלית השלימות, בגאולה האמיתית והשלימה, ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל. אח"ה הורה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'". אח"כ אמר:]

להזכיר עוד הפעם - אז אין די ערטער וואו מ'האט נאך ניט געמאכט א התוועדות בקשר מיט י"ט כסלו, זאל מען עס משלים זיין אין דעם שבת און אין די ימים שלאחרי זה, כידוע אז דער אלטער רבי'ס אנקומען לביתו האט געדויערט כו"כ ימים נאך י"ט כסלו.

נוסף וגם זה עיקר - אז די טעג נאך י"ט כסלו באקומען די השפעה וחיות פון י"ט כסלו, ובמיוחד - אין הפצת המעינות חוצה.

ובפרט אין די טעג פון חנוכה - וואס מצותו איז להדליק נרות חנוכה, "נר מצוה ותורה אור", "על פתח ביתו מבחוץ", ובפשטות - אז אויך אין חוץ זאל זיין ניכר בגלוי אז דאס איז א אידישע שטוב, א חסידי'שע שטוב, ובכללות - א בית תורה, תפלה ומעשים טובים.

ויה"ר - והוא העיקר - אז מ'זאל זוכה זיין לחנוכת ביהמ"ק השלישי, מקדש אד' כוננו ידיך, תיכף ומיד ממש.

[אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

לעילוי נשמת

הרה"ג הרה"ח מזקני התמימים מוהר"ר **אלי'**

בן הרה"ח ר' **שמעון אהרן** ז"ל

סימפסאן

מראשי חוזרי דא"ח בליובאוויטש

אצל כ"ק אדמו"ר הרש"ב נ"ע

שימש כעשר שנים בקדש פנימה

אצל כ"ק אדמו"ר הריי"ץ נ"ע

ומקושר לרבותינו נשיאנו עד יום האחרון

נפטר בשיבה טובה נר חמישי דחנוכה כ"ט כסלו ה'תשל"ז

■

נדפס ע"י

בנו הרה"ת ר' **ארי' זאב** וזוגתו מרת **חנה באשע**

ובנם הרה"ת ר' **יוסף יצחק** וזוגתו מרת **שיינא יענטא**

ומשפחתם שיחיו

סימפסאן

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ ויגש
ה' טבת
ה'תנש"א

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי' תהא שנת אראנו נפלאות
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ ויגש, ה' טבת ה'תנש"א.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין "ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה", שחי מבחר שנותיו במצרים]:

א. און דער טעם אויף דעם איז, ווייל "האבות הן הן המרכבה, שכל אבריהם כולם היו קדושים ומובדלים מעניני עוה"ז ולא נעשו מרכבה רק לרצון העליון לבדו כל ימיהם" (תניא פכ"ג), עאכו"כ יעקב אבינו, בחיר שבאבות, דעריבער איז ער בתכלית הביטול צו דעם רצון העליון בכל זמן ובכל מקום, אפילו אין מצרים.

און פון יעקב אבינו ווערט עס נמשך צו יעדער איד, כידוע אז נשמת יעקב איז "כלולה מכל הנשמות שבישראל מעולם ועד עולם", בא "זרעו בחיים", וואס דורך דעם איז "אף הוא בחיים", אז אפילו אין מצרים מלשון מיצרים וגבולים, וכל הגליות נקראות על שם מצרים – האט א איד בכח אז ביי אים זאל זיין "ויחי", חיים אמיתיים.

ווי ס'איז אויך מרומז אין דעם נאמען יעקב, אותיות יו"ד עקב: אפילו ווי א איד איז בבחי' י', א נקודה בעלמא, ובזה גופא – "ידו אוחזת בעקב עשו", איז ער אין א מעמד ומצב פון "ויחי יעקב".

[בענין הסמיכות דפ' ויחי לפ' ויגש, בלי הפסק ביניהם]:

וידוע דער גודל הדיוק אין יעדער פרט אין תורה און אין א ספר תורה, ביז אפילו בנוגע צו אן אות וא"ו אין א ספר תורה, אז אין דעם תלוי די כשרות פון כל הספר תורה כולה, כידוע די דברי הזהר (ח"ג עג, א) וועלכע מ'זאגט אין "מענה לשון", ווען מ'גייט אויף די ציונים פון קדושי עליון, ועאכו"כ פון נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר, וואס בא זיי איז מקויים געווארן בפשטות דער "עפר אתה ואל עפר תשוב" (תשוב בעבר), כאטש אז דער גוף הגשמי בלייבט בלי שינוי כלל, אבער מקומו איז בעפר.

ובפרט בא די וואס ס'איז שוין דורך מער ווי י"ב חודש, און כמה עשיריות שנים, ביז אז – בנוגע צו כ"ק מו"ח אדמו"ר – איז שוין דורך ארבעים שנה זינט דער הסתלקות, וואס דעמולט ווערט דער "נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע".

[בענין חודש טבת, הירח שהגוף נהנה מן הגוף]:

ווי מ'לערנט עס אפ פון דעם וואס שטייט אין מגילת אסתר, פארבונדן מיט נס פורים, באופן של נפלאות (בהתאם לשנת נפלאות אראנו), כידוע אז נס פורים איז א נס גדול ביותר, העכער פאר אנדערע נסים (דערפאר איז ענינו – שמחה, ענין הגילוי און שמחה פורץ גדר), וואס דערפאר איז כל המועדים בטלים לע"ל (ע"ד שרגא בטיהרא מאי אהני) לבד מפורים (וי"ג – אויך חנוכה). וואס די הכנות צו פורים הויבן זיך אן בכללות אין חודש טבת נאך חנוכה.

[בענין מזמור פ"ט בתהלים]:

און דערנאך קומט מען צו "תפלה למשה", און דערנאך – "ישב בסתר עליון", אז אלע ענינים אין "סתר עליון" – חסדים הנסתרים וכו' – ווערן נמשך אין אן אופן פון "ישב" (התיישבות) ביז למטה מטה, בגילוי לעיני

בשר, באופן פון אראנו נפלאות.

און דורך דעם ווערט אויפגעטאן בכל העולם – "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו", דער גילוי כח הפועל בנפעל, ניט נאר פאר דעם מגיד (כידוע דער סיפור בזה) נאר "וראו **כל בשר**" (מיט אלע פירושים ורמזים בזה), **ביז אז מ'זעט ווי דער יש הנברא ווערט איין זאך מיט דעם יש האמיתי.**

ולהוסיף בדיוק הלשון "אראנו" לשון נסתר (און ניט "אראך"), **אז די ראי' נעמט דורך די גאנצע מציאות פון דעם מענטשן, סיי די כחות הגלויים און סיי די כחות הנסתרים. ועד"ז אין עבודת האדם – אין לימוד התורה: אויך אין דער צייט ווען ער לערנט ניט תורה** (ווייל ער איז מקיים א מצוה שהזמן גרמא וכיו"ב), **און די תורה איז ביי אים בבחי' נסתר – אויך דעמולט איז דא די פעולה פון דעם לימוד לפני זה** (כמדובר לעיל).

ועוד והוא העיקר – אז עס ווערט בפועל די שלימות הגילוי פון "אראנו נפלאות" בגאולה האמיתית והשלימה, וועלכע איז שלא בערך צו דעם מצב איצטער, און תורה חדשה מאתי תצא, וועלכער איז שלא בערך צו די תורה בזמן הזה, ווייל **אפילו לאחרי די התגלות און הדפסה און פרסום פון די כתבי־יד וכו', קומט עס ניט צו די גילויי פון פנימיות התורה לע"ל וועלכע מ'וועט הערן פון עצמות ומהות, "מאתי" דורך משיח צדקנו, וועלכער וועט זיין סיי א מלך און סיי א רב, ווי דער צ"צ איז מבאר אין ספר המצוות שלו מצות מינוי מלך** [וואס איצטער איז שוין **לאחרי מאתיים שנה להולדתו, נוסף צו דעם וואס ס'איז נאך ארבעים שנה, ווען "נתן ה' לכם לב לדעת גו'"**].

[בענין להודות ולהלל לשמך הגדול:]

ביז אז מ'פועל'ט א תוספת גדלות וקדושה בא דעם אויבערשטן כביכול, כפירוש התוספות (ברכות ג, א) **"יהא שמי', שם י"ה, רבא".**

• • •

[בענין חנוכת בתים חדשים, בתי תורה תפלה וצדקה:]

ב. דער ענין איז אויך שייך צו קינדער, טף – דורך דעם וואס זיי ברענגען אריין צו זיך אין חדר א סידור, א חומש (אדער אן אנדער ספר פון תושב"כ ותושבע"פ) און א צדקה פושקע – מאכט ער דעם חדר פאר א חדר של תורה, תפלה וצדקה.

אפילו אויב ער האט שוין פון פריער א חומש, סידור און צדקה פושקע אבער דאס ליגט במקום אחר, אין ביהכנ"ס וביהמ"ד, בכדי צו מזכה זיין אנדערע אידן אין מצות צדקה לדוגמא, זאל ער האבן נאך ספרים בא זיך אין שטוב, בכדי מחנך זיין ביתו מחדש אלס בית תורה תפלה וצדקה.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז אפילו אויב ער האט א קליינער שטוב בגשמיות – האט ער בכח צו דערפון מאכן א גרויסער שטוב ברוחניות, דורך דעם וואס ער ברענגט אריין אין דעם קליינער שטוב בגשמיות גרויסע זאכן ברוחניות, תורה תפלה וצדקה, וואס דורך דעם וואס ער האט א צדקה פושקע אין שטוב פועל'ט דאס און דאס איז מעורר אלע די וואס קומען דארט אריין אז זיי זאלן מקיים זיין מצות צדקה וועלכע איז שקולה כנגד כל המצוות!

ולהוסיף דער קשר פון צדקה מיט חנוכה – ע"פ דעם מנהג הידוע פון

געבן חנוכה געלט.

וואס דאס איז דער טעם אויף דעם חידוש דעם יאר, וואס מ'האט געגעבן חנוכה געלט במוצאי זאת חנוכה – בכדי מזכה זיין די וואס האבן דאס נאך ניט באקומען און מקיים געווען.

וואס דאס איז אויך מעורר, אז נאך ימי חנוכה איז א זמן מסוגל אויף מוסיף זיין אין נתינת הצדקה, צדקה צו מוסודות אדער צו יחידים (כולל ביום השבת – דורך אכילה ושתי' וכו'), א מצוה כללית וואס איז דא בכל היום כולו, אויך בלילה. והגם אז לילה לאו זמן צדקה הוא, האט מען שוין געדערט כמ"פ אז מ'דארף געבן צדקה אויך בלילה צו אן עני אדער גבאי צדקה וועלכער קומט דאס בעטן. [און דאס וואס די משנה זאגט "שלש אבעיות כו'", איז דאס בכדי מאכן לייכטער פאר די עניים, אבער ס'איז פארשטאנדיק אז כל היום זמנו הוא, וכמ"ש נתן תתן לו, אפילו מאה פעמים, וואס דאס איז כולל אויך מער פאר מאה].

ג. דער ענין האט אויך א קשר מיט פרשת השבוע – "ויגש אליו יהודה", ע"פ הידוע אז יהודה און יוסף זיינען כנגד תלמוד ומעשה, וואס כללות המעשה איז מעשה הצדקה:

ס'איז פארשטאנדיק אז יוסף (תלמוד) און יהודה (מעשה) האבן ביידע ענינים, כמובן דערפון וואס יוסף "הוא המשביר לכל עם הארץ" (מעשה הגמ"ח), און יהודה איז געווען דער גדול שבאחיו כמ"ש "וירד יהודה מאת אחיו – שהורידוהו מגדולתו כשראו בצרת אביהם, אמרו אתה אמרת למכרו אילו אמרת להשיבו היינו שומעים לך"; נאר דער ענין העיקרי פון יוסף איז תלמוד און דער ענין העיקרי פון יהודה איז מעשה (ע"ד המבואר בנוגע צו יששכר און זבולון).

און לע"ל וועט זיין די שלימות החיבור פון ביידע ענינים, "ויגש אליו יהודה", אחד באחד יגשו,

ובפרט דורך דער עבודה איצטער אין חנוכת הבית, כולל – די הארה "על פתח ביתו מבחוץ" מיט דעם אור פון "נר מצוה ותורה אור", און דערפון קומט מען צו סיום הכתוב – "ודרך חיים תוכחת מוסר", וועלכער איז העכער פאר ביידע ענינים (סור מרע און עשה טוב) – כמבואר אין קונטרס עץ החיים – דער גילוי האור דלע"ל, אור נצחי, שלמעלה מאור היום ("ותורה אור"), ביז דער גילוי המאור, און גילוי שני המאורות הגדולים ווי עס וועט זיין לע"ל (שלמעלה פון די שני המאורות ווי זיי זיינען געווען בתחלת הבריאה, קודם מיעוט הלבנה) – "והי' אור הלבנה כאור החמה ואור החמה יהי' שבעתים כאור שבעת הימים", ועד"ז בא אידן הדומין ומונין ללבנה,

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, און דעמולט וועט זיין תורה חדשה מאתי תצא, ותיכף ומיד ממש [און זיכער וועט מען פארצייכענען (במוצאי שבת זה) די חידושי תורה וואס מ'וועט הערן פון דעם אויבערשטן, ווייל אפילו ווען ס'איז ניטא דער ענין השכחה (ווי עס וועט זיין לע"ל) איז שייך דער ענין הכתיבה, ע"ד ווי דאס איז געווען קודם כתיבת תושבע"פ, אז הגם יס'איז ניט געווען שכחה, האט מען געשריבן מגילות וכו',

והקיצו ורננו שוכני עפר, און די אלע האמורים לעיל בתוכם, און כ"ק

מו"ח אדמו"ר בראשנו, וואס שמו איז יוסף ע"ש "יוסיף ה' שנית ידו לקנות את שאר עמו גו'", קיבוץ פון אידן בכל קצוי תבל,

ותיכף ומיד ממש.

* * *

ד. ס'איז רגיל אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ויה"ר אז דאס זאל זיין א הכנה קרובה צו דער עלי' מלמטה למעלה פון אלע אידן - פון גלות אין גאולה, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, און מ'גייט אלע אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הבית, לחנוכת ביהמ"ק השלישי, ועוד והוא העיקר - תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל. אח"כ הורה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'". אח"כ התחיל לנגן "על נסך ועל נפלאותך ועל ישועתך".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

------ • ------

לעילוי נשמת

הר״ר **ישראל** ב״ר **משה** ע״ה

שנייד

נפטר ח׳ טבת תשמ״ח

■

נדפס ע״י אשתו

מרת **יהודית** תחי׳ **שנייד**

בנותיו

מרת **שרה גיטל** ובעלה ר׳ **שמואל דוב** הכהן ומשפחתם שיחיו **כהן**

מרת **רייזל** ובעלה הרה״ת ר׳ **שמואל יחיאל** ומשפחתם שיחיו **מלמוד**

מרת **עטל** תחי׳ **גלדמן**

מרת **דרייזיל** שתחי׳ **שנייד**

הכתובת להשיג ה״התנחות״

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב״ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחות
ש"פ שמות,
י"ט טבת
ה'תנש"א

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי' תהא שנת אראנו נפלאות
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ שמות, י"ט טבת ה'תנש"א.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין דברי המשנה "בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים"]:

א. און "הטועה בדבר משנה חוזר", אין משנה איז ניט שייכות קיין טעות, ס'איז לכתחילה קיין טעות ניט.

[בענין ספרו "משנה תורה" של הרמב"ם]:

דער רמב"ם האט געשריבן דעם ספר בלשון הקודש, און אויך די הקדמה צום ספר איז בלשון הקודש - אע"פ וואס די הקדמה (וועלכע איז ניט א חלק פון די הלכות פון פנים הספר) האט ער לכאורה געקענט שרייבן בלשון אחר - ווייל אויך די הקדמה איז נוגע צו דעם עצם ספר, און נוגע להלכה, ביז אז דארטן זיינען פאראן כמה ענינים עיקריים נוגע צו דעם ספר הלכות עצמו, אנהויבנדיק פון שלשלת קבלת התורה, די ארבעים דורות פון משה רבינו.

[בהטעם שצ"ל "הבאים מצרימה" (עכ"פ לרגע אחד), אף שישראל הוא למעלה מענינים מצרים]:

בכדי עס זאל זיין לשמש את קוני צו מאכן א דירה לו יתברך בתחתונים. וואס דערצו דארף מען האבן אז די נשמה זאל יורד זיין למטה איין מצרים, אין תחתונים, ווארום בכדי דארטן אויפטאן דעם בירור, קען מען זיין כ'ווייס וואו, נאר דוקא במקום המתברר.

[באופן העבודה של בני ישראל בגלות]:

וויבאלד אז אידן זיינען העכער פאר גלות (און דערפאר שטייט "הבאים מצרימה" לשון הוה), איז פארשטאנדיק אז די עבודה פון אידן אין גלות דארף זיין אין אן אופן וואס איז העכער פאר די הגבלות פון גלות, ועאכו"כ ניט מאכן דערפון א דרך אין עבודה ח"ו!

דערפון איז אויך מובן, אז וויבאלד אמיתית מציאותו פון א אידן איז טוב, העכער פאר דעם העלם והסתר פון גלות, דארף דער יחס צו אים זיין מתוך אהבה וחסד, צו מגלה זיין אין אים זיין טוב.

והגם אז עס שטייט "יצר לב האדם רע מנעוריו", איז ניט די אמת'ע מציאות פון א אידן; דאס איז א פסוק וואס שטייט פאר מתן תורה, משא"כ נאך מ"ת, ווען ס'איז בטל געווארן די גזירה בין עליונים ותחתונים, און דער אויבערשטער האט בוחר געווען אין עם ישראל [נאך דעם "לקחת לו גוי מקרב גוי" ביציאת מצרים], און ס'איז געווארן התקשרות עצמית צווישן אידן מיט דעם אויבערשטן, וועלכע קיין זאך קען ניט משנה זיין ח"ו. און דער רצון האמיתי פון יעדער איד איז צו מקיים זיין דעם רצון פון דעם אויבערשטן (כפס"ד הרמב"ם), און יעדער קס"ד באופן אחר איז היפך האמת והיפך המציאות, אפילו היפך המציאות פון עוה"ז הגשמי.

דהגם אז עולם הזה ווערט אנגערופן עלמא דשיקרא, איז דאס אבער נאר בחיצוניות, און וויבאלד אז א שינוי החוזר לברייתו "לאו שמי' שינוי", איז אויך בשעת השינוי איז דאס ניט קיין אמת'ע מציאות.

[בענין "מעשה ידי להתפאר"]:

און זייענדיק "מעשה ידי" של הקב"ה, איז פארשטאנדיק דער יחס וואס

מ'דארף האבן צו אידן. - אפילו אויב מ'וועט זאגן אז וויבאלד דער אויבער־שטער איז א כל יכול, קען דאך זיין "מעשה ידי" באופן אחר ח"ו - איז נוסף אויף דעם עיקר: זייענדיק "מעשה ידי" של הקב"ה, דארף מען ניט זאגן דעם אויבערשטן וואס ער זאל טאן מיט זיינע "מעשה ידי", איז דער פסוק ממשיך "(מעשה ידי)להתפאר", אז דער אויבערשטער ברימט זיך מיט אידן, זיי זיינען תפארתו של הקב"ה!

[בענין ראיית רע בהשני שזהו כמו המביט בראי:]

ויש להוסיף: א שפיגל ווערט דורך דעם וואס מ'שמירט א ביסל זילבער אויף א גלאז. דער אונטערשייד צווישן א גלאז און א שפיגל איז, אז דורך א גלאז קען מען זעען דעם צווייטן און דעם ארום כמו שהם לאמיתתם, משא"כ אין א שפיגל זעט מען נאר זיך אליין. דער רמז בזה אין עבודה: בשעת מ'באקומט א ביסעלע כסף, כסף מלשון "נכסוף נכספתי", גלוסט - שוחד פון אהבת עצמו וישות עצמו ("אדם קרוב אצל עצמו"), און מ'שמירט פאראנדער דאס ביסעלע כסף, פועל'ט דאס אז אנשטאט זען דורך דעם גלאז א צווייטן און די וועלט ארום זיך ווי זיי זיינען באמת, זעט ער זיך אליין!...

[בהשייכות דכל ישראל להאבות:]

ווי מ'זאגט אין אנהויבס פון תפלת העמידה ג' פעמים בכל יום: "אלקינו ואלקי אבותינו אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב", ובהמשך לזה - "גומל חסדים טובים", חסדים טובים דוקא - בטוב הנראה והנגלה, און דערנאך - "ומביא גואל לבני בניהם כו'", און מ'איז מסיים - "מגן אברהם", וואס ענינו של אברהם איז - מדת החסד, ביז אז ער האט משפיע געווען חסד אפילו צו ערביים, וועלכע זיינען זיך משתחוה לאבק שע"ג רגליהם, איז אפילו צו זיי האט ער משפיע געווען חסד, אכילה ושתי' בפשטות, ווארום דאס איז ענינו של אברהם. - און אפילו ווען די ערביים האבן ניט געוואלט דאנקען דעם אויבערשטן אויף דעם - איז אברהם באמת ניט געווען שייך צו אן אנדער אופן ההנהגה ווי חסד, און א הנהגה באופן אחר איז נאר געווען בכדי ארויס־ברענגען אז זיי זאלן בענטשן דעם אויבערשטן, און קומען צו פארשטיין אז דער אויבערשטער איז "א-ל עולם", דורך דעם וואס אברהם האט מפיץ געווען די ז' מצוות בני נח, כולל אויך דעם ענין הצדקה, ובאופן אז אברהם מגייר את האנשים ושרה מגיירת את הנשים.

ועד"ז דארף זיין די עבודה פון יעדער איד - באופן של צדקה וחסד, אפלערנענדיק זיך פון אברהם אבינו.

און דורך דעם ברענגט מען אויך ארויס בגלוי די צדקה וחסד פון דעם אויבערשטן צו אידן, אז תמורת זה וואס צדקה עשה הקב"ה לישראל שפיזרן לבין האומות, איז דאס נאר לרגע קטן, "לרגע קטן עזבתיך", און די כוונה בזה איז עס זאל זיין די צדקה וחסד "עזוב תעזוב עמו", עזוב תעזוב אפילו מאה פעמים (ע"ד ווי "נתן תתן" אפילו מאה פעמים), וואס מאה איז כולל אלע ענינים, ע"ד ימאה ברכות.

און דער כלי אויף דער המשכה פון מאה איז דורך דעם ענין הביטול וואס יעדער איד האט - "ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואך מעמך כי אם ליראה גו'", א"ת מה אלא מאה.

ולהוסיף, אז דער ענין היראה ווערט אויך אויפגעטאן דורך רעמים וברקים - וועלכע זיינען געווען לאחרונה במיוחד סיי דא און סיי אין ארץ הקודש, וואס "לא נבראו רעמים אלא לפשוט עקמומיות שבלב" (ברכות נט, א), כולל דורך דער ברכה אויף דעם - "שכוחו וגבורתו מלא עולם", עושה מעשה בראשית".

ויה"ר אז דורך דעם וואס אידן זיינען מתפלל אויף דער גאולה, זאל עס מקויים ווערן בפועל, ע"ד דער סיפור חז"ל (ב"מ פה, ב) אז בתפלת ר' חייא ובניו "אמר משיב הרוח ונשיב זיקא, מוריד הגשם ואתא מיטרא, כי מטי למימר מחי' המתים רגש עלמא" - כן תהי' לנו, אז דורך דער תפלה פון אידן בתפלת מוסף "הן גאלתי אתכם אחרית כבראשית", "גאלתי" לשון עבר, און די תפלות ובקשות פון אידן בכל הזמנים, כולל בעת דער התוועדות - זאל קומען די גאולה האמיתית והשלימה במעשה בפועל, ותיכף ומיד ממש.

* * *

[בענין הפיכת הצומות האלו לששון ולשמחה כו']:

ב. אנהויבנדיק פון דעם צום פון עשרה בטבת, וואס די כוונה בזה איז - יהפכו און עס זאל נתגלה ווערן די שלימות פון עשירי יהי' קודש, פארבונדן מיט דער שירה העשירית און פרה העשירית וכו', בגאולה האמתית והשלימה.

ובפרט אז עשרה בטבת איז דריי חדשים נאך עשירי בתשרי, דער סיום פון די עשרת ימי תשובה (ווען מ'זאגט אז "דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב", אפילו ביחיד), און אידן האבן געטאן תשובה שלימה, און דערנאך במוצאי יוהכ"פ איז מען מקיים "לך אכול לחמך בשמחה" (צוליב די שמחה דערפון וואס ס'איז געווען סליחה מחילה וכפרה כו'), און דערפון קומען מען דערנאך צו זמן שמחתנו פון חג הסוכות, ווען מ'האט דעם ציווי פון "ושמחת בחגיך", און א סוכה באשיצט פון אלע ענינים בלתי רצויים, כמ"ש "למחסה ולמסתר מזרם וממטר", און אויך בשעת ער שלאפט [דהגם אז מנהג חב"ד ומנהג פון כמה חסידים איז ניט צו שלאפן אין סוכה, איז אזוי דער דין אין שו"ע. וע"ד דער ביאור פון ראגאטשאווער בנוגע צו א נדר בתורה וואס הותר מעיקרו].

ולהוסיף, אז סוכות איז אויך פארבונדן מיט אוה"ע, כידוע די הפטורה פון סוכות בנוגע צו דער פעולה פון סוכות אויף אוה"ע, פארבונדן אויך דערמיט וואס לע"ל וועלן אוה"ע ברענגען אידן אין ארץ הקודש אזוי ווי מ'ברענגט א :מנחה בכלי טהור".

כן תהי' לנו בגאולה האמיתית והשלימה, און דעמולט וועט זיין "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", "בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה" - תורה חדשה מאתי תצא, "אתי" פון אותיות אל"ף ביז תי"ו, ע"ד "אחרית כבראשית" (ווי מ'זאגט אין כתר בתפלת מוסף),

ביז אז מ'איז מסיים "הללוי'", ביז דער הללוי' אין דעם שיר חדש לשון זכר - גאולה שאין אחרי' גלות.

* * *

[כ"ק אדמו"ר שליט"א פנה אל האורחים שיחיו ואמר:]

ג. די אורחים וואס זיינען דא וועלן מסתמא זאגן "לחיים" און זינגען א ניגוטן שמח, און דער קהל וועט זיך מצטרף זיין צו זיי ממש זאגן לחיים און זינגען דעם ניגון.

און דער עיקר - אז דער אויבערשטער זאל זאגן לחיים - לחיים, לחיים ולברכה.

[האורחים והקהל שיחיו אמרו לחיים. וניגנו ופרצת].

* * *

[בענין טענת משה "והצל לא הצלת"]:

ד. דערפון האט מען דעם לימוד פאר יעדער איד (וועלכער האט אין זיך בחי' משה) - אז יעדער איד דארף בעטן דעם אויבערשטן אויף דער גאולה, אחכה לו בכל יום שיבוא (בכל רגע ורגע שבכל יום), כאטש אז דער אויבערשטער אליין וויל זיכער ברענגען די גאולה.

[בענין הילולא דהרמב"ם]:

ובקשר דערמיט יש לעורר עוד הפעם וועגן קביעות עתים בלימוד ספר "משנה תורה" להרמב"ם.

- והגם אז דער נאמען ("משנה תורה") איז ניט אזוי נתקבל געווארן בא אידן (אזוי ווי דער נאמען "שולחן ערוך" לדוגמא), האט דער רמב"ם אליין אים אבער אזוי אנגערופן, און ער איז ראוי שנסמוך עליו, און דער עיקר - אז עס זאל זיין "סומך ה' לכל הנופלים", ביז אז עס זאל בכלל ניט זיין קיין נופלים.

ובפרט ע"פ וואס מ'האט גערעדט אז דער סדר הפסוקים איז פריער "פדה אלקים את ישראל מכל צרותיו", און ערשט דערנאך "והוא יפדה את ישראל מכל עונותיו", כל עונותיו, כולל זדונות, אז אויך פון זיי ווערט די פדי' באופן אז מ'איז זיי מהפך צו א מציאות חדשה לגמרי - זכיות ממש.

[לאחרי שניגנו ניגון, הורה כ"ק אדמו"ר שליט"א להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'"].

* * *

ה. ס'איז רגיל אז די וועלכע האבן צוגעשטעלט משקה המשמח בקשר מיט התוועדויות שמחות, זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך.

ובקשר מיט דעם יום הילולא פון דעם רמב"ם - וועט מען זיכער מאכן התוועדויות בכל מקום ומקום שאפשר, און די וואס האבן שוין מחליט געווען דאס מאכן - וועלן זיכער מוסיף זיין אין דעם, צוזאמען מיט א הוספה אין תורה ומצוות בכלל, כולל - אין קביעות עתים בלימוד ספר הרמב"ם באופנים השונים - ג' פרקים ליום אדער אין די אנדערע אופנים.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל.

אח"כ אמר: די וואס דארפן א ברכה אחורנה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

לע"נ

הרה"ת הרח"ס ר' נחום הלוי ז"ל

ב"ר ישראל הלוי ז"ל

לאבצאווסקי

נלב"ע כ"ז טבת תשמ"ב

ומ"כ בהר הזיתים אשר בירושלים תובב"א

ת. נ. צ. ב. ה.

•

נדפס ע"י

זוגתו מרת איטא תחי'

ובניו

הרה"ת ישראל הלוי וזוגתו מרת פעשא שיחיו

הרה"ת שניאור זלמן הלוי וזוגתו מרת שרה שיחיו

הרה"ת יוסף יצחק הלוי וזוגתו מרת מאטיל שיחיו

הרה"ת שלום דובער הלוי וזוגתו מרת חנה חי' שיחיו

הרה"ת מנחם מענדל הלוי וזוגתו מרת מרים שיחיו

הרה"ת שמואל הלוי וזוגתו מרת שרה אידלא שיחיו

לאבקאווסקי

ובתו מרת לאה ובעלה הרה"ת ישראל העשיל שיחיו

גרינבערג

ובני משפחותיהם שיחיו

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ וארא,
כ"ו טבת, מבה"ח שבט
ה'תנש"א

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי' תהא שנת אראנו נפלאות
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ וארא, כ"ו טבת, מבה"ח שבט ה'תנש"א.

הנחות הת' בלתי מוגה

[בענין שם ישראל:]

א. אע"פ וואס ישראל איז אותיות "לי ראש", וואס דאס גייט אויף דעם אויבערשטן, און ישראל ר"ת יש ששים ריבוא אותיות לתורה, ענין התורה - איז דער נאמען בפשטות ע"ש "כי שרית עם אלקים ואנשים ותוכל", די מלחמה ופעולה בעולם.

[בענין הקרבת קרבנות התלויות בביהמ"ק שאינן נוהגות בזמן הזה:]

ואדרבה: ברוב השבתות ויו"ט האט מען ניט הקרבת הקרבנות, ווארום רוב השבתות ויו"ט במספר זיינען בזמן הגלות. וכמה מצוות וואס זיינען יע פאראן בזמן הזה "זיינען נאר מדרבנן.

[בענין לימוד התורה בכל זמן, ביום ובלילה:]

ואדרבה - אמחז"ל "אין רנה של תורה אלא בלילה שנאמר קומי רוני בלילה", "לא איברא ליליא אלא לגירסא", און פון גירסא קומען ארויס כמה ענינים להלכה למעשה.

[בענין התניא והשו"ע של אדה"ז, נגלה ופנימיות התורה:]

און אין ספר התניא זיינען פאראן ענינים של נגלה, אנהויבנדיק דערפון וואס דאס איז "מיוסד על הפסוק כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך בלבבך לעשותו", א פסוק בתורה וועלכער עס לערנען אויך די וועלכע לערנען נאך ניט תניא. און דער שולחן ערוך - וועלכער דער אלטער רבי האט מבהר ע"פ הוראת המגיד - הויבט זיך אן מיט די פיר ענינים אין עבודת ה', "לעשות רצון אביך שבשמים".

[בענין לימוד תורת אדה"ז - נגלה ופנימיות - עם ביאורי רבותינו נשיאינו:]

פון צ"צ איז שוין דא געדרוקט נגלה בריבוי ובפרסום; און אויך פון מיטעלן רבי'ן האט מען געדרוקט זיינע פסקי דינים.

אבער שוין אין תורת החסידות (באופן פון "רחובות הנהר") פון דעם מיטעלן רבי'ן - וועלכער איז געווען געדרוקט בחייו [וכידוע די השתדלות וואס ער האט אין דעם אליין ארייגעלייגט בכל שלבי ההדפסה, וואס וויסנדיק דאס - גיט דאס צו, כטבע בן אדם, אין דעם געשמאק פון דעם לימוד] - זיינען אויך פאראן ענינים שבנגלה, אנהויבנדיק אין די הקדמות צו זיינע ספרים, וואו עס זיינען דא ענינים בנוגע למעשה (נוסף אויף ענינים בנוגע לדיבור, עקימת שפתיו הוה מעשה, און מחשבה).

[בענין ופרצת:]

ביז "ופרצת" בתוך "ופרצת", וע"ד ווי עס שטייט בנוגע צו לידת פרץ "פרצת עליך פרץ". ולפנ"ז ולאח"ז איז געווען לידת זרח, כמדובר לעיל (שיחת ש"פ וישב), אז פון סיפור לידתם קומט ארויס אז ס'איז געווען כאילו צוויי מאל: פריער "ויתן יד", און דערנאך לידת פרץ, און דערנאך - "ואחר יצא אחיו אשר על ידו השני ושמו זרח", מלשון זריחה, וכמ"ש "זרח

בחושך אור לישרים", אז נאך דעם גמר ושלימות פון "ספר הישר" (ספר בראשית), "זה ספר אברהם יצחק ויעקב שנקראו ישרים", ווערט עס נמשך באופן ישר צו די דורות שלאח"ז, כולל די דורות בחושך הגלות, ובפרט בדורנו זה, אז בא זיי ווערט "זרח בחושך אור לישרים".

כולל ובמיוחד דורך דער עבודה פון יפוצו מעינותיך חוצה, אז מ'איז מפיץ די מעינות עצמן אין חוצה, כמדובר כמ"פ דער דיוק אין די דריי לשונות (יפוצו, מעינותיך, חוצה). - ולהעיר מהקשר צו דעם וואס דער שבת איז בתוך הג' ימים נאך כ"ד טבת. וואס אין דעם זיינען פאראן צוויי אופנים: מעלי שבתא באדטייט פון יום רביעי, חמישי וששי (און שבת איז ניט נכלל אין די ג' ימים), און דערנאך איז דא ווי מ'רעכנט יום חמישי, יום ששי און יום השבת (ווען עס ווערט דער ויכולו מלשון שלימות אין כל ימי השבוע).

און דער עיקר איז, אז פון די ג' ווערט דער "חוט המשולש (וואס) לא במהרה ינתק", וואס פון דעם לשון איז משמע אז ס'איז שייך עס זאל זיין "ינתק", במה דברים אמורים - בלי עבודה; אבער לאחרי הריבוי מעשינו ועבודתינו, ובמיוחד איז אויפמאכן דעם חוט המשולש, דורך די ג' לבושים פון מחשבה דיבור ומעשה, ווערט עס זיכער באופן אז "לא ינתק".

ביז מ'האט דעם ביהמ"ק השלישי, און דארטן גופא - אין קדש הקדשים, וואס באשייט פון דריי קדושות (קדש - אחד, קדשים - שנים).

און פון דעם "ויבא יעקב שלם עיר שכם" ווערט נמשך די שלימות אויך אין שכם, אין עולם, ביז עס ווערט "אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה' לעבדו שכם אחד", ביז "והיתה לה' המלוכה", וואס "שכם" איז בחי' חיצוניות, און מלוכה איז בחי' פנימיות (כידוע אז א מלך איז לב קהל ישראל, וואס א לב איז ענין הפנימיות).

[בענין "שדי"]:

ועוד ועיקר - אז דער אויבערשטער זאגט "די" צו דעם גלות, ובפרט אז ס'איז שוין כלו כל הקצין, און כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט אז מ'האט שוין אלץ פארענדיקט, מ'דארף נאר האבן דעם "מכה בפטיש".

ובמילא איז די שאלה "עד מתי"?! עס דארף שוין קומען די גאולה, ובאופן פון "וארא", כהדגשת שנה זו - שנת "אראנו נפלאות", די הדגשה און הוספה פון דעם ווארט "אראנו", וואס דער אויפטו פון דער גאולה העתידה איז לימוד התורה באופן של ראי' דוקא (נוסף אויף דעם לימוד בזמן הזה באופן של שמיעה), דורך משיח צדקנו, וועלכער וועט זיין א רב און א מלך, ער איז סיי פון די שבעה רועים (פנימיות), און סיי פון די שמונה נסיכי אדם (מקיף).

און פון פ' וארא קומט מען צו פ' בא, בא אל פרעה, ע"ש וואס "אתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין".

[בענין הילולא דאדה"ז]:

און דערנאך קומט עס אן בא די אפשטאמיקער פון דעם אלטן רבי'ן, ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו. - וכאן המקום להעיר וועגן דעם מלוה מלכה במוצאי שבת זה פאר די "צאצאי אדמו"ר הזקן", און זיכער וועט מען אין דעם מוסיף זיין.

* * *

ב. פון פ' וארא קומט מען דערנאך צו פ' בא, בא אל פרעה, ומבואר בזהר (כנ"ל) אז פרעה איז על שם "אתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין" [ולהוסיף, אז דער פירוש הזהר איז בהתאם צו ענין הזהר, מלשון והמשכילים יזהירו כזהר הרקיע, א גילוי אור וואס איז העכער פאר תורה אור בכלל], ביז אז דערפון ווערט נמשך אור לכל הארץ. - "המאיר לארץ ולדרים עלי'".

ויש לקשר זה מיט דער קביעות פון ר"ח שבט בשנה זו, ביום רביעי שבו נתלו המאורות, "להאיר על הארץ".

[בענין הלימוד ממאור הקטן:]

מ'זעט בפשטות אז בשעת דער משפיע זאגט דעם מקבל אז ער (דער משפיע) איז א מאור הגדול און דער מקבל איז א מאור הקטן, לייגט זיך דאס ניט אלעמאל ביי אים. ווי מ'ווייסט עס פון זיך אליין: הגם אז דער אויבערשטער האט באשאפן בעולם א מאור הגדול און א מאור הקטן, במילא מוז דאך זיין איינער וואס איז א מאור הקטן, במילא איז אפשר ביסטו דער מאור הקטן און דער צווייטער איז דער מאור הגדול - טראכט מען אבער צו זיך, אז איפכא מסתברא: אפשר בין איך דער מאור הגדול און דער צווייטער איז דער מאור הקטן!

[בענין חמור אבי שכם:]

ואע"פ אז ער איז חמור מיט אלע פירושים שבזה (מלשון חומר וכו'), איז וויבאלד אז יעקב האט מיט אים געהאט צוטאן בהשגח פרטית, איז דאס בכדי ער זאל זיך דערפון אפלערנען אין זיין עבודת ה'.

ועד"ז איז מובן אז יעדער איד דארף זיך אפלערנען פון דעם ענין פון חמור, כולל דער לימוד אין דעם הסבלנות צו טראגן שווערע משאות, "חמור למשא". און טאמער ער ווייסט ניט וואס ער דארף לערנען - דארף ער גיין אין שטאל פון חמורים, און דארטן זען א חמור וועלכער טראגט א משא, און זיך דערפון אפלערנען! און אויב אים פאסט ניט גיין אין שטאל - זאל ער גיין אין ביהכנ"ס און זאגן א קאפיטל תהלים און זיך מתחנן זיין פאר דעם אויבערשטן אז ער זאל ניט דארפן גיין אין שטאל, נאר ער זאל קענען בלייבן בביתו (דירת אדם) און דערפון מאכן א דירה לו יתברך בתחתונים, וואס אין א דירה (ניט ווי אין א שטאל) געפינט זיך דער דר בו בכל עצמותו און מיט זיינע נכסים העיקריים. - די אנדערע נכסים קענען אפשר זיין אין א שטאל, אבער די ענינים עיקריים האלט ער אין זיין דירה, כולל די אבנים טובות ומרגליות וועלכע מ'באהאלט אין כותלי הדירה.

[בענין אגה"ק לארה"ז:]

חלק רביעי פון תניא, ע"ד דער לשון הרביעי פון די ד' לשונות של גאולה, כנגד גאולה העתידה.

* * *

[בענין תניא פרק לב:]

ג. און איצטער איז דאס א חלק פון המשך הלימוד צווישן פרק לא און פרק לג. דהגם אז מ'קען לערנען פרק לב באזונדער, אזוי ווי מ'קען לערנען פרק

לא און פרק לג און אנדערע פרקים באזונדער, ווי מ'לערנט עס אין שיעורי חת"ת, איז אבער אין סדר לימוד ספר התניא, דארף מען לערנען די פרקים בהמשך אחד.

[בהמשך לענין תפלת אב הרחמים]:

ובהמשך התפלה זאגט מען "אשרי יושבי ביתך גו'", "פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון", וכיודע דער פירוש בזה פון מפרשים (מפראשין אמיתיים וועלכע זיינען נתקבל געווארן בא אידן וועלכע גלויבן אין תושבע"פ), אז "אתה פותח את ידך ומשביע לכל חי לפי רצונו ותאותו" (מצו"ד), ד.ה. אז דער אויבערשטער פארנעמט זיך מיט טאן גוטס צו כל חי, ובידוק הלשון "כל חי" (און ניט "אדם"), אז אפילו אויב איינער פירט זיך ווי א בעל־חי, וועלכער האט א רצון צו זיך באוועגן און איבערגיין פון איין מקום ומצב צו א צווייטער מקום ומצב וכיו"ב), איז דער אויבערשטער "פותח את ידך" און גיט דעם בעל־חי לפי רצונו, ביז אין אן אופן ניט פון נתינה סתם, נאר "משביע לכל חי רצון", באופן של שביעה!

ועאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן עמו ישראל.

[בענין "פרה אלקים את ישראל מכל צרותיו", "והוא יפדה את ישראל מכל עונותיו"]:

ובאופן פון פדה דוקא, וואס פדיון איז פארבונדן מיט ענין הצדקה, און פדיון פטר חמור, וועלכער איז מרמז אויף חומר הגוף, און ביחד עם זה איז בכור מרמז אויף "בני בכורי ישראל", אז אפילו ווי זיי שטייען אין חומר הגוף זיינען זיי "בני בכורי ישראל".

[בענין גודל ענין אהבת ישראל של הקב"ה, ובפרט בזמננו זה]:

ובפרט לאחרי וואס ס'איז דורך שנת הקהל, וואס הקהל (אהבת ואחדות ישראל) איז מבטל סיבת הגלות, און שנת תשמט ידיך, און שנת נסים, און איצטער - שנת אראנו נפלאות.

ולאחרי כל זה איז א זיכערע זאך אז דער אויבערשטער שטייט ווי א מלך בשדה, און איז מראה פנים שוחקות לכולם ומקבל כולם בסבר פנים יפות, מתוך צחוק ושמחה.

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט שמו השני פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, יצחק - מלשון צחוק ושמחה.

און יצחק איז פארבונדן במיוחד מיט דער גאולה העתידה ע"י דוד מלכא משיחא, וועלכע וועט בענטשן אויף דער כוס של ברכה, כוסי רוי'.

און דאס קומט תיכף ומיד ממש, נאך פאר תפלת מנחה, וואס אליהו לא נענה אלא בתפלת המנחה, און מ'וועט דעמולט מקריב זיין קרבנות על המזבח למטה, ניט נאר ווי ס'איז בזמן הזה אז אלינו איז מקריב קרבנות במזבח שלמעלה.

* * *

ד. ס'איז רגיל בכגון דא אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, בכדי אז מהם יראו וכן יעשו רבים.

ובפרט אז כמה פון די מאורעות זיינען פארבונדן מיט מאכן התוועדויות

בקשר מיט דעם יום ההילולא פון דעם אלטן רבי'ן, בכ"ד טבת.

ובהמשך לזה - יש לעורר אז מ'זאל ממשיך זיין מאכן די התוועדויות בקשר מיט דעם יום ההילולא אויך במוצאי שבת קודש, יום השלישי פון כ"ד טבת, און אויך - ביום הראשון בשבוע (יום הרביעי פון כ"ד טבת).

ויה"ר אז דאס זאל נאכמער ממהר זיין די גאולה האמיתית והשלימה, ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

——— • ———

לזכות

הבחור הת' **דניאל מנחם** שי'

לאורך ימים ושנים טובות

לרגל הבר מצוה שלו

יום ו', ג' שבט

הי' תהא שנת אראנו נפלאות

FRIDAY, JANUARY 18 1991

◆

נדפס ע"י הוריו

ר' **יהודה** וזוגתו מרת **שרה רות** שיחיו

בנימין

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ בא,
ד' שבט
ה'תנש"א

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי' תהא שנת אראנו נפלאות
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

סיום ההתוועדות:

די וואס האבן צוגעשטעלט משקה בקשר מיט פעולות טובות און התוועד־ויות זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, און מוסיף זיין אין אלע החלטות טובות,

און מ'זאל זוכה זיין צו דער עלי' מלמטה מלמעלה פון כל עניני העולם, בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל. אח"כ הורה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה כו'".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

לזכות

הילדה **טובה לאה** תחי'

לאורך ימים ושנים טובות

נולדה יום ש"ק פ' בא, ד' שבט

ה' **תהא** שנת **אראנו** **נפלאות**

ולזכות אחי'

חנני' י"ט ליפא שיחי'

לאורך ימים ושנים טובות

◆

נדפס ע"י הוריהם

הרה"ת ר' **בנימין יועץ** וזוגתו מרת **עדינה מירל נעכא** שיחיו

שטיינמץ

זקניהם

הרב ר' **אפרים** וזוגתו מרת **רייס** שיחיו **שטיינמץ**

הרב ר' **ישראל** וזוגתו מרת **חנה** שיחיו **פרידריך**

מרת **לאה** תחי' **שטיינמץ**

הרה"ח הרה"ת ר' **יעקב א.** וזוגתו **ציפע** שיחיו **פרידריך**

מרת **איידל** תחי' **קסלר**

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד חנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ יתרו
י"ח שבט
ה'תנש"א

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי' תהא שנת אראנו נפלאות

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ יתרו, י"ח שבט ה'תנש"א.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין "אחת דיבר אלקים שתים זו שמעתי"]:

א. נאכדעם וואס מ'ווייסט אז "(אחת דיבר אלקים) שתים זו שמעתי" - קומט דורך דעם צו א נייע השגה והכרה אין דעם "אחת דיבר אלקים".

ובפשטות: "אחת דיבר אלקים" מצ"ע איז קיין חידוש ניט, ווייל היות אז "ה' אחד ושמו אחד" איז פארשטאנדיק אז אויך דיבורו איז - "אחת". דער חידוש איז - אז "**אחת** דיבר אלקים (און אעפ"כ) **שתים זו שמעתי**" (און ניט אחת).

און לאחרי זה וואס "שתים זו שמעתי", און נאך א שתים וואס האט אין זיך א תוקף מיוחד היות אז דאס קומט פון "אחת דיבר אלקים" - ואעפ"כ איז מען מגלה אין דעם "שתים" - דער ענין אז דאס קומט פון "אחת (דיבר אלקים)", און אז דאס איז באמת (ניט שתים, נאר) "אחת", וואס דאס גיט צו א חידוש אין דער הכרה פון דעם "אחת גו'".

[בענין גילוי פנימיות התורה לע"ל]:

וואס מעין זה איז דא אויך איצטער. אבער אעפ"כ, איז דער לימוד פנימיות התורה איצטער - אפילו לאחרי די אלע ענינים ושקו"ט בפנימיות התורה, בענין עשר ספירות, בענין אחדות א"ס, ביז צו די ענינים שלמעלה מכל גדר כו' - איז דאס אלץ אפילו ניט בבחי' טעימה, ווארום טעימה הייסט - א טעימה גשמית,

נאר אעפ"כ, איז דער לימוד בזמן הזה א הכנה - בבחי' תלמודו בידו - צו דעם לימוד פנימיות התורה לע"ל. וע"ד ווי דאס איז בנוגע צו לימוד הנגלה.

און דאס האט א שייכות במיוחד מיט שבת, וואס דעמולט איז דער עיקר הלימוד - בפנימיות התורה, כידוע הנהגת האריז"ל בזה.

[ולהעיר מהשייכות פון פקו"נ דוחה שבת מיט דעם משל פון דעם אלטן רבי'ן אויף גילוי החסידות, אז דאס איז בדוגמא צו דעם אבן טוב בכתר המלך וואס מ'צורייבט און מ'מישט צוזאמען מיט וואסער בכדי ראטעווען דעם בן המלך].

[בענין ש"מלך המשיח בא ועומד על גג ביהמ"ק כו'"]:

וואס דערפון איז מובן אז דער ביהמ"ק איז מוכן וראוי אז א בן אדם זאל שטיין על גג ביהמ"ק, ועאכו"כ מלך המשיח - וואס זייענדיק א מלך דארף דאס זיין ראוי לכבוד המלך.

און די סימנים וואס שטייען לפנ"ז אין מדרש זיינען נתקיים געווארן נעכטן און אייערנעכטן וכו',

וואס ביום לפני זה איז געווען ט"ו בשבט, ראש השנה לאילנות, וואס "האדם עץ השדה", און די גמרא אין תענית (ז, א) לערנט אפ אז דאס גייט אויף א

תלמיד חכם, וואס דאס ווייזט אז דער ת"ח שטייט בהרחבה - מיט די שבעה מינים שנשתבחה בהם ארץ ישראל.

[בענין מ"ש בס"פ יתרו:]

"מזבח אדמה תעשה לי": די גמרא זאגט אין כתובות (י, ב), אז "מזבח" איז "מזיח מזין מחבב ומכפר", ד.ה. אז פעולת המזבח איז אויף ביידע אופנים: א פעולה חיובית פון השפעת טוב וברכה ("מזין, מחבב"), און אן ענין שלילי - מחילה וכפרה ("מזיח, מכפר"). און "מזבח אדמה" איז מרמז בעבודת ה' אויף דעם ענין הביטול - "ונפשי כעפר לכל תהי'".

* * *

[בענין נו"ן שערי בינה חסר אחת, שכולם ניתנו, אלא ששער הנו"ן נמשך לאחרי עבודת האדם:]

ב. וע"ד המבואר בנוגע צו מלאכת שבת, אז עס שטייט אין משנה "אבות מלאכות ארבעים חסר אחת", אז עס זיינען דא ארבעים מלאכות, נאר די מלאכת הארבעים איז מותרת בשבת זייענדיק מלאכת שמים, און דאס ווערט נמשך מלמעלה.

[בענין קמץ אל"ף א כנגד הא' ד"אנכי", הכולל כל התורה כולה:]

ולהעיר אז אין די דרושי ר"ה בסידור עם דא"ח ווערט געבראכט (א דוגמא פון) קמץ אל"ף א, כאטש אז דאס איז ניט אזוי נוגע צום כללות הענין המבואר שם.

[בענין כל התורה שנכלל בלימורו של כל א':]

וכידוע דער ביאור אין דברי חז"ל, אז התינוק במעי אמו [ולהעיר מהשייכות צו שירת הים, וועלכע עס האבן געזאגט אלע אידן, אויך די עוברין במעי אמם] מלמדין אותו כל התורה כולה, וכיון שבא לאויר העולם בא מלאך וסטרו על פיו ומשכחו כל התורה, דלכאורה: וואס איז די תועלת פון דעם לימוד אויב משכחו? איז דער ביאור אין דעם: דאס וואס משכחו איז בכדי דער לימוד זאל זיין ביגיעה וכח עצמו; אבער דורך דעם וואס מ'לערנט מיט אים (במעי אמו) כל התורה כולה, גיט דאס אים כח צו זיין א כלי צו לערנען און פארשטיין תורה אויך ווי זי איז למעלה ממדידה והגבלה, ווי דאס ווערט נתגלה דורך יגיעתו, כמאחז"ל "יגעת ומצאת", אז דורך זיין יגיעה דערגרייכט ער ביז "מצאת", א מציאה שבתורה וואס איז שלא בערך צו דער יגיעה.

[בענין הוספה בלימוד התורה בהבנה והשגה:]

ביז באופן פון לאפשה לה (בלשון הזהר), צו מחדש זיין בתורה, כל א' כפי יכלתו.

וואס דאס איז אויך דער ביאור אין דעם דין אז "מבטלין תלמוד תורה למקרא מגילה", דלכאורה איז מקרא מגילה אויך "תלמוד תורה"? נאר לפי ערך יכולת האדם צו לערנען בהבנה והשגה און מחדש זיין בתורה, איז מקרא מגילה ביטול תורה [הגם אז אויך אין מקרא מגילה איז דא הבנה והשגה, סיי בא דעם קורא, און סיי בא די שומעים. וכ"ק אדמו"ר שליט"א חייך, ואמר]:

כמובן אויך פון דעם מנהג ישראל אז בהזכרת המן (ובפרט לויט מנהג חב"ד - הזכרת המן בצירוף א טיטול) איז מען קורא בבוז, אדער מ'קלאפט מיט די פיס, וואס דערפון איז מובן אז מ'האט אין דעם קצת הבנה!].

[בענין הוספה בלימוד התורה:]

ביז ווי מ'וועט לערנען תורה בא משיח צדקנו, כידוע אז משיח איז סיי א מלך און סיי א רב, ער וועט לערנען תורה מיט אלע אידן,

כולל - מיט תינוקות של בית רבן, וואס זיי ווערן אנגערופן "משיחי" - "אל תגעו במשיחי, אלו תינוקות של בית רבן" (שבת קיט, ב). וואס לאחרונה דארף אין דעם זיין א הדגשה מיוחדת אז זיי זאלן לערנען באופן פון "תורתו אומנתו", ווארום עס זיינען דא אזוינע וואס טענה'ן אז מ'דארף טראכטן וועגן תכלית און פרנסה, און דערפאר דארף מען מיט זיי לערנען אויך אנדערע ענינים. און מ'ברענגט נאך דערצו א ראי' פון גמרא, אז "הרבה עשו כר' ישמעאל ("הנהג בהן מנהג דרך ארץ") ועלתה בידן, כרשב"י ("אפשר אדם חורש כו' תורה מה תהא עלי'") ולא עלתה בידן" (ברכות לה, ב).

אבער היות אז אידן זיינען "אתם המעט מכל העמים", דארף בא זיי זיין די השתדלות אז זייער הנהגה זאל זיין באופן פון "מעט", צו זיך פירן ווי רשב"י באופן אז "תורתו אומנתו"! ובפרט שטייענדיק בסוף זמן הגלות, ווען מ'גרייט זיך צו דער גאולה ווען ביי אלע אידן וועט זיין "תורתם אומנתם" (ביז אז אויך בא אוה"ע וועט זיין דעם מצב אז "לא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד").

ויה"ר אז פון דעם דיבור בזה זאל דאס שוין ארויס בפועל, אז אלע אידן, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, גייען אין ארץ הקודש, ובפרט קומענדיק פון חמשה עשר בשבט, פארבונדן מיט די מינים שנשתבחה בהן ארץ ישראל, "ארץ חאה ושעורה וגפן ותאנה ורמון, ארץ זית שמן ודבש", און צוויי מאל ארץ (ונוגע להלכה, אז "אף שכל המוקדם בפסוק קודם לברכה", פונדעסטוועגן איז זית קדם לשעורה, "לפי שארץ השני שבפסוק הפסיק הענין, וכל הסמוך לו חשוב מן המאוחר מארץ הראשון"), און ברוחניות הענינים - גייט דער ערשטער ארץ אויף רצון, און דער צווייטער ארץ - אויף פנימיות הרצון,

און אין ארץ הקודש גופא גייט מען אין ירושלים עיר הקודש, לביהמ"ק השלישי, און דארטן איז דא דער גפן שבביהמ"ק, "גפן זהב היתה עומדת על פתח ההיכל כו'" (תמיד כט, סע"א),

ב"ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה".

[כ"ק אדמו"ר שליט"א הורה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'"].

* * *

ג. די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח, זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וועלכע ענינים און התוועדויות דאס רעדט זיך, דמצוה לפרסם עושי מצוה, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ויה"ר אז בקרוב ממש זאל מען שוין מסיים זיין עבודת הגלות, און זוכה זיין צו דער התוועדות הכי גדולה - "קהל גדול ישובו הנה", אין הנה אלא לשון שמחה, בגאולה האמיתית והשלימה,

און מ'גרייט זיך צו דער קריאת התורה בתפלת המנחה (מיט די אלע קרואים און ברכות לפני' ולאחרי') "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם",

ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

לזכות

הילד **מנחם מענדל** שיחי'

לאורך ימים ושנים טובות

לרגל האפשערניש שלו

יום עש"ק י"ז שבט

הי' תהא שנת **אראנו נפלאות**

ולזכות אחיו ואחיותיו שיחיו

◆

נדפס ע"י הוריהם

הרה"ת ר' **חיים עזרא** וזוגתו מרת **דינה פערלא** שיחיו

צפתמן

זקניהם

מרת **בלומה** תחי' **צפתמן**

הרה"ח הרה"ת ר' **יעקב** וזוגתו מרת **רבקה** שיחיו **גאנזבורג**

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 03-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ תרומה
ב' אדר
ה'תנש"א

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי' תהא שנת אראנו נפלאות

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ תרומה, ב' אדר ה'תנש"א

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין פס"ד הרמ"א (בסוף חלק או"ח) "טוב לב משתה תמיד"]:

א. ואין ענין יוצא מדי פשוטו. אע"פ וואס אין דעם זיינען פאראן פירושים ע"ד הרמז והדרוש והסוד, קומט לכל לראש דער פירוש הפשוט. ובפרט אז דאס איז א פס"ד להלכה, און – וואס איז שייך אויך צו א קטן, וואס ביי אים איז דא נאר דער לימוד ע"ד הפשט.

- באמת איז יעדער איד בבחי' קטן (בערך צו אורייתא וקוב"ה), וכמ"ש "כי נער ישראל ואוהבהו", וואס דער פירוש אין דעם איז ניט אז הגם ער איז א קטן איז "אוהבהו", נאר אדרבה: דוקא דערפאר וואס ער איז א קטן איז "אוהבהו". און דאס איז שייך אויך בנוגע צו א גדול און א גדול שבגדולים, ואדרבה: צוליב גודל הבנתו פארשטייט ער און איז נאכמער מכיר אין גדלות ה' און (במילא) אין שפלות האדם, ובפרט אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו.

ב. ותן לחכם ויחכם עוד, ווי יעדערער קען מוסיף זיין אין דעם – בקיום עבודתו מתוך שמחה, ובאופן פון מרבין בשמחה בחודש אדר, ביז א שמחה שלמעלה מכל מדידה והגבלה,

ווארום עבודת האדם בכלל, אפילו ווען דאס איז מתוך שמחה, איז היות אז דער אדם איז מדוד ומוגבל, איז די עבודה במדידה והגבלה. אויך ווען ער טוט זיין עבודה באופן פון "בכל לבבך ובכל נפשך", און אפילו "בכל מאדך" – איז דאס פארט אפעגמאסטן לויט זיין מדידה והגבלה; משא"כ דורך שמחה, ביז מרבין בשמחה פון חודש אדר - איז מען פורץ אלע מדידות והגבלות.

און היות אז "איני מבקש אלא לפי כחן", האט מען זיכער דעם כח אויף דעם, ובפרט אז "הבא לטהר מסייעין אותו", ביז אז עס ווערט נמשך דער למעלה ממדידה והגבלה שלמעלה, "מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה", און "הגדושה" (ווי עס שטייט אין סידור הבעש"ט), וואס ווייזט אויף א המשכה שלמעלה ממדידה והגבלה (גדוש), ד.ה. אז דורך דער עבודה פון א אידן צו מוסיף זיין אין קדושה (הוספה מחול אל הקודש) אויך לגבי די קדושה שלמעלה, באקומט מען די המשכה מידו "הגדושה" של הקב"ה, למעלה מכל מדידה והגבלה.

ביז – אז דורך דער עבודה (מתוך שמחה הפורץ גדר) אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו, דערגרייכט מען און איז מ'איז ממשיך פון עליון שאין עליון למעלה ממנו, ביז אז מ'טוט אויף אן עלי' אויך למעלה, כידוע דער משל אז דורך דער עבודה למטה מטה, הויבט מען אויף און מ'טוט אויף אן עלי' אויך למעלה, וכמבואר בלקו"ת (נצבים מה, א) עה"פ "ושקל בפלס הרים וגבעות במאזנים" – "כמשל כף מאזנים ש... בכף זו ונותנים משא בכף השני' להכריע כו'", וואס דורך דעם וואס מ'לייגט א משא אויף איין כף, איז דורך ירידתו למטה, ווערט אויפגעהויבן דער כף השני למעלה מעלה.

ביז אז מ'טוט אויף – דורך דער עבודה למטה פון "ועשו לי מקדש" - אז עס זאל זיין "ושכנתי בתוכם", דער "ושכנתי" פון עצמות א"ס ב"ה למטה,

בביהמ"ק השלישי, ותיכף ומיד ממש.

* * *

[בענין עבודת הקרבנות בביהמ"ק]:

ג. וואס ענינם איז – "אדם כי יקריב מכם קרבן לה'", די הקרבה פון א אידן (אלס א נשמה בגוף בריא) צו דעם אויבערשטן, דוקא ווי ער איז נשמה מוגבלת אין א גוף מוגבל ווערט ער א קרבן לה', "ריח ניחוח לה'".

און דאס איז דא בא יעדער איד ניט קוקנדיק אויף זיין דרגא, כמאחז"ל (מנחות קי, א) "נאמר בעולת בהמה אשה ריח ניחוח כו', לומר לך אחד המרבה ואחד הממעיט כו'", ד.ה. אז סיי דער "מרבה" און סיי דער "ממעיט" האט בחי' "אחד".

און דאס ווערט אזוי אויך נמשך בעולם, אז עס ווערט "והי' ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי' ה' אחד ושמו אחד".

* * *

[כ"ק אדמו"ר שליט"א פנה לקבוצת האורחים שי' (מעיר מאנטריאל), ואמר בצרפתית (ולהלן תרגום באידית)]:

ג. צו דעם שבת זיינען אהערצו אנגעקומען א קבוצה פון אורחים וועלכע רעדן פראנצויזיש. וועלן זיי זיכער זאגן א "לחיים" גדול, און זינגען דער ניגון וועלכע איז טראנספארמירט געווארן פון צרפת און אנגעקומען אהער – והתחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן הניגון ("האדרת והאמונה לחי עולמים").

* * *

[בענין "ואתה תצוה"]:

ד. "ואתה תצוה את בנ"י ויקחו אליך שמן זית זך גו' להעלות נר תמיד", און דערנאך שטייט – "יערוך אותו אהרן ובניו מערב ועד בוקר".

וכידוע דער ביאור אין דעם, אז "תצוה" איז מלשון צוותא והתקשרות, און די עבודה פון אידן באשטייט אין ממשיך זיין פון "נר תמיד" בבחי' "ערב ועד בוקר", אין נה"ב (ערב) און נה"א (בוקר).

[כ"ק אדמו"ר שליט"א הורה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'"].

* * *

[בענין ההכנות ל"מבצע פורים"]:

וכידוע וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט, אז אע"פ וואס "אחכה לו בכל יום שיבוא" (אז יבוא בכל יום) – דארף א איד (ע"פ תורה) זיך גרייטן און מאכן אלע פאסיקע הכנות אויף זיין עבודה מארגן און איבער־מארגן וכו'.

[סיום השיחה]:

ה. ס'איז רגיל אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים,

און דער עיקר – מקיים זיין די אלע החלטות טובות. און דורך דער עצם החלטה באקומט מען שוין גלייך דעם שכר, ביז דער שכר פון דער גאולה

האמיתית והשלימה,

ותיכף ומיד ממש, תיכף ומיד שלנו, אנהויבנדיק דא אין ברוקלין, אין דעם בית הכנסת ובית המדרש ובית חסדים טובים פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, ובהתאם לשמו "יוסף יצחק": "יוסף ה' שנית ידו לקנות שאר עמו" מכל איי הים, ומתוך צחוק ושמחה (יצחק) וועלכע איז פורץ אלע גדרים,

און אלע אידן וועלן עולה זיין "עם ענני שמיא" און קומען אין ארץ הקודש, שעתידה תתפשט בכל הארצות, ובירושלים עיר הקודש, ולהר הקודש ולקדש הקדשים, ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"א שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל].

* * *

[בהמשך להתעוררות עוה"פ בענין "מבצע פורים", בבחי' אין מורזין אלא למזורזין]:

ו. וכאמור לעיל פס"ד הרמ"א בסוף חלק אורח חיים - "טוב לב משתה תמיד", און זיכער וועט מען דאס מקיים זיין ביז באופן לפנים משורת הדין,

און צוזאמען דערמיט קומען די אלע פיר חלקי השולחן ערוך, ביז סיומו - חלק חושן משפט,

און דערפון איז מען זוכה צו דעם "חושן מפשט" כפשוטו - דער אורים ותומים פון דעם כהן גדול, בביהמ"ק השלישי, און מיר אלע, בתוך כלל ישראל, געפינען זיך דארטן "עומדים צפופים ומשתחווים רווחים", ותיכף ומיד ממש.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א התחיל לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל].

* * *

ז. אויף מסיים זיין מיט די דברים האמורים לעיל בקשר מיט ישיבת תומכי תמימים - אז קומענדיקע וואך, ביום הרביעי שבו "נתלו המאורות", איז דער יארצייט פון דעם מנהל פועל בדורנו פון ישיבת תומכי תמימים.

ויה"ר אז נאך לפני זה זאל זיין "והקיצו ורננו שוכני עפר", והוא בתוכם, וכל הדור שלפנ"ז בתוכם, כולל ועאכו"כ - די דורות שלפנ"ז בתוכם.

און עס זאל זיין "הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל" - אז דער אויבערשטער איז מבטל אלע ענינים המבלבלים צו אידן און זייער עבודה, כולל אויך - ביטול פון אלע ענינים המבלבלים צו מוסדות תורה, ובפרט די מוסדות וואו מ'איז עוסק אין לימוד נגלה דתורה צוזאמען מיט פנימיות התורה, אלס א תורה אחת. און דוקא באופן פון אפהיטן חינוך על טהרת הקודש. און צוזאמען דערמיט - באופן פון יפוצו מעינותיך חוצה, וואס דורך דעם איז "אתי מר" דא מלכא משיחא,

וכאמור ובהדגשה - תיכף ומיד ממש.

[אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

לזכות

החתן הת' ר' **ישראל**

והכלה מרת **נחמה** שיחיו

רפופורט

לרגל חתונתם בשעטומ"צ

יום שני, ד' אדר

ה' **תהא שנת אראנו נפלאות**

◆

נדפס ע"י הוריהם

הרה"ת ר' **ראובן** וזוגתו מרת **חוה גיטל** שיחיו

רפופורט

הרה"ת ר' **צבי יעקב** וזוגתו מרת **מאשא** שיחיו

ראסלער

זקניהם

ר' **חיים אליעזר** וזוגתו מרת **רוחמה מרים** שיחיו

בראווערמאן

מרת **הינדא** תחי' **רפופורט**

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448. FAX# (718) 774-7FAX

שיחת
ש"פ תצוה
ט' אדר
ה'תנש"א

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
תהי' תהא שנת אראנו נפלאות

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ תצוה, ט' אדר ה'תנש"א

הנחות הת' בלתי מוגה

[בענין האין ערוך של יובל שנים]:

א. וואס דאס איז ע"ד ווי דער אויפטו פון דער גאולה האמיתית והשלימה, וואס דעמולט וועט זיין אן עלי' שלא בערך, וכשמו - גאולה אמיתית והשלימה, וואס דער לשון אמיתית קומט ניט צו שולל זיין היפך האמת (דמאי קמ"ל), נאר אין אמת עצמו - שלימות האמת, שלא בערך, ביז שלא בערך לגבי שלא בערך.

[בענין קריאת שם בת בעת קריאת התורה]:

און, ווי דער מנהג איז - פארבינדט מען עס אויך מיט נתינת הצדקה, נוסף צו די קריאת התורה בביהכנ"ס וביהמ"ד ובית גמ"ח וצדקה, במילא האט מען אלע דריי קוים פון תורה תפלה וצדקה.

[בענין המשכן]:

וואס דאס איז מעשה ידי משה, שנצחיים הם. וואס בשבוע שעברה איז געווען ז' אדר, יום לידת משה רבינו ויום פטירתו, ווען משה האט דערגרייכט די שלימות פון "מלאו ימי ושנותי", ע"ד השלימות פון "בא בימים" בא אברהם אבינו, אז ער איז געקומען מיט אלע זיינע טעג בשלימות (און נאכמער דערפון בא משה - ווארום ביי אברהם האט געפעלט ה' שנים בכדי פטירתו זאל זיין בשיבה טובה, ער זאל ניט זעען עשו'ן).

און אזוי אויך בא יעדער איד - ובפרט מצד בחי' משה שבו - ווערט ער געבענטשט מיט אריכות ימים ושנים טובות, מאה ועשרים שנה, ביז מאה ושמונים שנה (ווי ס'איז געווען בא יצחק, וואס ער איז פארבונדן מיט דער גאולה), ביז - חיים נצחיים בעולם הבא, אלס נשמות בגופים, לעד ולעולמי עולמים, בגאולה האמיתית והשלימה, אויף וועלכע מ'זאגט "הן גאלתי אתכם אחרית כבראשית", ותיכף ומיד ממש.

• • •

[בהמשך לפ' תצוה]:

דערפון קומט מען דערנאך צו "כי תשא את ראש בני ישראל" (ווי מ'גייט לייענען בתפלת מנחה), נשיאת ראש פון אידן, דורך "כופר נפש", צדקה,

ביז עס ווערט מקויים צדקתו של הקב"ה מיט אידן - "ויקהל" - קהל גדול ישובו הנה, און "פקודי" - ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל,

און דערנאך קומט מען צו "ויקרא אל משה", אז דער אויבערשטער רופט און רעדט צו יעדער איד, און דורך דעם אל"ף זעירא אין "ויקרא", דער ענין הביטול, ווערט מען פארבונדן מיט דעם אל"ף רבתי פון "אדם" אין דברי הימים, ווי אדם איז געווען קודם החטא,

און תיכף ומיד קומט די גאולה, וואס דעמולט ווערט דער גאנצער גלות בבחי' "דברי הימים" פון אידן, ווארום ס'איז אן ענין שבעבר ("גאל ישראל" לשון עבר), און דאס ווערט נמשך אין זמן (ימים) און באופן פון "דברי (הימים)",

דאע"פ וואס דיבור איז בלשון קשה (ניט ווי אמירה בלשון רך), איז דאס פארבונדן מיט "מקשה אחת" פון "מנורת זהב כולה", עד ירכה עד פרחה.

און דערנאך קומט פ' צו, וואס איז אויך מלשון צוותא וחיבור (אזוי ווי "תצוה"), און עס ווערט נמשך אין דעם ארט וואו ס'איז שייך "חסרון כיס", וואס דאס איז דוקא אין עולם הזה וואו געלט איז תופס מקום, אבער דערפון ווערט דער "עשר בשביל שתתעשר", און דארטן טוט מען אויף דעם "צו" - צוותא וחיבור - בנוגע צו קרבנות.

און דערנאך פ' שמיני, וואס איז פארבונדן מיט דער גאולה; און אין דער פרשה רעדט זיך וועגן דער כלות הנפש פון נדב ואביהוא, ווי ס'איז געווען קודם הציווי, ולאחרי הציווי ווערט דאס אויפגעטאן אלס נשמות בגופים, אז ווייענדיק א נשמה בגוף האט מען אויך דעם ענין פון כלות הנפש פון נדב ואביהוא, ביז - פון אלעזר ואיתמר, ביז - פון משה ואהרן.

ולאחר ביטול ענין של צער קומט מען צו פ' קדושים, קדושים (פרושים) תהיו, "יכול כמוני" בגיחותא, ווארום יעדער איד איז פארבונדן מיט עצמותו ית', און פועל'ט בעולם באופן פון קדושה והפרשה.

ביז מ'קומט צו דער גאולה האמיתית והשלימה, ביז צו דער דרגא וואס איז העכער סיי פאר גלות און סיי פאר גאולה, און מ'האט ביידע מעלות, אויך די מעלה פון גלות - דער ענין פון אתכפיא און אתהפכא.

און אין דעם אלעם קומט נאכמער צו בזמן זה - בפ' ואתה תצוה, ט' אדר, און דערצו - איז בשבוע שעברה, בו' אדר, געווען דער יארצייט און הילולא פון דעם מנהל פועל פון ישיבת תומכי תמימים, און למחרתו - ז' אדר, יום הלידה ויום פטירת משה רבינו, ווען "מלאו ימי ושנותי", און אויך די שלימות פון תורה (דורך דעם וואס דעמולט איז פארענדיקט געווארן כתיבת הספר תורה, לויט ביידע דיעות אין גמרא ב"ב), ביז "לעיני כל ישראל", און אזוי ווערט בא יעדער איד - שלימות העבודה בכל יום ויום אלס נשמה בגוף,

און דערנאך ערב שבת ח' אדר, פארבונדן מיט שמיני (גאולה), און דערנאך ט' אדר.

ביז מ'דערגרייכט צו דער דרגא וואס איז למעלה מכל המספרים און מכל הענינים.

• • •

ג. ס'איז רגיל אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים, אז זיי וועלן אויך מוסיף זיין אין החלטות טובות, נוסף אויך דעם וואס זיי (די מכריזים) אליין וועלן מוסיף זיין בזה.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל. אח"כ הורה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה כו'". אח"כ התחיל לנגן "ניעט ניעט ניקאווא".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

לזכות

החתן **משה שמואל** שי' **מרזוב**

והכלה מרת **מנוחה** תחי' **הבר**

לרגל בואם בקשרי השידוכין

יום שני, י"א לחודש שמרבים בו בשמחה

ה' **תהא** שנת **אראנו נפלאות**

לבנין עדי עד ולאריכות ימים ושנים טובות

◆

נדפס ע"י הוריהם

הרה"ת ר' **שמואל** הלוי וזוגתו מרת **רחל לאה** שיחיו

הבר

הרה"ת ר' **פנחס זאב וולף** וזוגתו מרת **נעמי** שיחיו

מרזוב

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד. טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN, N.Y. 11213

שיחת
ש"פ אחרי קדושים
י"ג אייר
ה'תנש"א

יוצא לאור על ידי
"וועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי' תהא שנת אראנו נפלאות
שנת הצדי"ק לכ"ק אדמו"ר שליט"א

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ אחרי-קדושים, י"ג אייר ה'תנש"א

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין עבודת ספיה"ע בבירור המדות]:

א. יעדע וואך ווערט אויפגעטאן שלימות הבירור פון איין מדהף די ערשטע וואך – מדת החסד, די צווייט וואך – מדת הגבורה וכו', וואס אין די מדות איז תלוי הנהגת האדם – ווי עס שטייט אין ספרים וועלכע זיינען מבאר פרטי מהלך נפש האדם, אז בשעת נפשו איז אין א צנועה של חסד איז זיין הנהגה באופן מסויים, אונבשעת נפשו איז אין א תנועה פון צמצום וגבורה איז זיין הנהגה באופן אחר, ביז באופן הפכי.

[בהשאלה על "הסתכל בשלשה דברים", שכל א' יכול לספור השלשה דברים]:

אפילו א קליין קינד אין זיין קלייניגקן סידור'ל – קען ציילן און זען אז עס זיינען דא שלשה דברים.

[בענין נתינת הצדקה, מזון ובגדים]:

בשעת דער אויבערשטער בענטשט א אידן מיט שירות – איז ער מוסיף אין צדקה, ועד"ז "נתן מלחמו לדל", ועד"ז פון זיינע בגדים, ביז אז ער גיט אמאל דעם צווייטן א בגד וואס איז טייערער און שענער ווי דער בגד וואס ער אליין טראגט, וויסנדיק, ידע אינש בנפשי', אז ער אליין איז ניטא אזוי ראוי לזה (במילא איז פאר אים גענוג א בגד ע"ד הרגיל).

[בענין הלימוד בעבודת ה' מהמאורעות האחרונות בעולם בעניני צדקה כו']:

אמאל האט מען זיך אפגעלערנט לימודים אין עבודת ה' און אז יש בעה"ב לבירה זו דוקא דורך לערנען וועגן דעם אין ספרי מוסר; היינט לעבן מיר אין א צייט ווען מ'דארף ניט אנקומען נאר צו ספרי מוסר וכיו"ב, ווארום מ'זעט עס בגלוי אין די מאורעות בעולם, וואס זיינען גלוי לעין כל, און ווי געדרוקט אין די צייטונגען פרטי הדברים, וואס יעדערער לייענט דאך היינט צייטונגען,

– לצערנו ולדאבוננו, איז היינט א צייט ווען מ'קומט אפילו ניט פרעגן צי מ'מעג פטר'ן די צייט צו לייענען צייטונגען אדער ניט – מיטן חשבון, אז בכדי זיין א "בן- בכל יום – דארף ער וויסן די חדשות פון דעם טאג, כטבע בן אדם אז ער ווערט נתפעל פון חדשות דוקא...

אמאליקע צייטן, ובפרט בא אידן וואס האבן געלעבט אין די קליינע שטעטלעך – וואו עס זיינען בכלל ניט געווען קיינע צייטונגען – האט מען ניט געוואוסט וועגן די נייעס וואס טוט זיך אין דער וועלט. דער איינציקער מאל ווען מ'האט זיך א ביסל דערוואוסט איז געווען, ווען א משולח פון ירושלים עיר הקודש אדער ארץ הקודש איז אנגעקומען אין שטעטל קלייבן געלט פאר די מוסדות אין ארץ הקודש, האט ער דערציילט די מענטשן אין שטעטל וועגן די נייעס אין אין ארץ הקודש און ירושלים עיר הקודש. און וויבאלד אז ער אין זיין נסיעה צו זיי איז ער דורך כמה מדינות און שטעט – האט ער זיי דערציילט אויך וועגן די מאורעות וואס ער האט געזען און געהערט. ווארום דאס האט צוגעגעבן אז זיי זאלן אים געבן נאך געלט –

הערנדיק וועגן דער דרך ארוכה וואס ער איז דורך בכדי אנקומען צו דעם שטעטל!

[בהמשך הלימוד מפ׳ אמור]:

ובהמשך הפרשה רעדט זיך וועגן הקרבת קרבנות החג וכו׳, וואס דאס האט אויך א שייכות מיט דער גאולה - ווייל דעמולט וועט מען מקריב זיין די קרבנות אין בית המקדש השלישי, כולל דעם קרבן עומר און קרבן שתי הלחם פון חג השבועות, ועד״ז די קרבנות פון דעם שבת - דער קרבן תמיד של בין הערביים, נוסף אויף די קרבנות פון ״מוספין כהלכתן״. נאך א קשר פון פ׳ אמור מיט דער גאולה - ע״פ מאחז״ל עה״פ ״אמור גו׳ ואמרת״ - ״להזהיר גדולים על הקטנים״:

״להזהיר״ איז אויך פון לשון זוהר ואור, ״זוהר הרקיע״. ועפ״ז איז ״להזהיר גדולים על הקטנים״ כולל דעם פירוש, אז דורך די השפעה פון די גדולים אויף די קטנים - קומט צו ליכטיקייט בא די גדולים. וע״ד ווי עס וועט זיין אין דער גאולה - ״והשיב לב אבות על בנים, על ידי בנים״.

[בענין הכרזת מנהיג המדינה לחזק ענין החינוך, והצלחת החינוך תלוי׳ בהכרת הילד בבורא עולם ומנהיגו]:

כולל אויך - דורך ארויסהעלפן בתי ספר דתיים (פאראקיאל-סקולס), כולל - אידישע בתי ספר, וואו מ׳איז מחנך קינדער באמונה ותפלה לה׳, כולל אויך ווען זיי גייען אהיים פון בית ספר זיך אפצורוען.

[סוף השיחה]:

ויה״ר - והוא העיקר - אז פון דעם דיבור בכל ענינים אלו זאל מען זוכה זיין בפועל ממש צו דער גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו,

ותיכף ומיד ממש, ומתוך שמחה וטוב לבב - טאנצט מען מקבל זיין פני משיח צדקנו, צוזאמען מיט א ניגון של שמחה, און די התחלה בזה איז דורך משיח צדקנו עצמו, אלס א דוגמא חי׳ צו אלע אידן. און מיט א ניגון הקפות פון שמחת תורה, ווען מ׳זאגט די אלע י״ז פסוקים פון ״אתה הראת״, אנהויבנדיק פון ״אתה הראת לדעת כי ה׳ הוא האלקים אין עוד מלבדו״, און מ׳איז מסיים ״כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״,

ובפשטות - אז מ׳גייט אין ציון וירושלים בפשטות, בגאולה האמיתית והשלימה. ועוד ועיקר - תיכף ומיד ממש, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו.

[ניגנו ניגון ההקפות דרלוי״צ ז״ל].

* * *

[בהמשך להיארצייט די״ג אייר]:

ב. ויה״ר אז עס זאל זיין ״הקיצו ורננו שוכני עפר״ ובתוכם - דער בעל היארצייט פון דעם טאג, צוזאמען מיט אלע בעלי יארצייט, יום בשנה,

אזוי - אז ״לשנה הבאה בירושלים״, ווי מ׳האט מכריז געווען בא סדר של פסח דאזלינן מיני׳, ובפרט שטייענדיק בשנת ״אראנו נפלאות״.

און עס ווערט מקויים דער ״ולא ינתשו עוד מעל אדמתם גו׳״ (בלשון ההפטורה פון דעם שבת) בגאולה האמיתית והשלימה [דהגם אז די נבואה איז געזאגט געווארן בזמן הבית, איז וויבאלד אז אין די גאולות שלאח״ז

איז דאס ניט מקויים געווארן, דארף מען זאגן אז דאס גייט אויף דער גאולה האמיתית והשלימה].

[בהמשך ליום זה, מלכות שבנצח, נצחון של מלכא משיחא]:

און די גאולה קומט תיכף ומיד ממש, און מ׳וועט דעמולט מפלפל זיין בנוגע צו דעם המשך פון ספירת העומר לאחרי הגאולה - אויב דאס קען זיין מיט א ברכה מן התורה (כמדובר בהתוועדות שלפנ״ז). ויש לומר, אז וויבאלד ספירת העומר ווערט דורך מנין וספירה, איז אין דעם ענין המנין ניט נוגע דער אופן המנין און ווער איז מונה; בשעת ס׳איז דא א מנין בפועל דורך די ה׳ מוצאות הפה - איז דאס א מנין בפועל, אויך ביחס צו א מנין מן התורה.

* * *

[כ״ק אדמו״ר שליט״א פנה אל קבוצת האורחים שי׳, ואמר:]

ג. די אורחים וואס זיינען דא פון טורונטו קאנאדא - וועלן מסתמא זאגן ״לחיים״, און זיכער וועט דער גאנצער קהל מיטהאלטן מיט זיי, און זינגען א ניגון שמח, און דאס זאל זיין די הכנה צו דעם ניגון פון משיח צדקנו.

* * *

[בהמשך להוספה בלימוד התורה בעניני גאולה ובנתינת הצדקה]:

ד. און אויך א הוספה בנוגע צו כל עניני תפלה ובפרט קריאת שמע, וואס ענינו - איז קבלת עול מלכות שמים - ה׳ אלקינו ה׳ אחד״. פארבונדן אויך מיט ״אתה אחד״ בתפלת מנחה. [וואס אח״ד איז בגימטריא י״ג (כנ״ל). און ״אחד באחד יגשו״ - י״ג אייר און י״ג תשרי (דער יום ההילולא פון דעם רבי׳ן מהר״ש)].

ה. די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין און מכריז זיין און מזמין זיין צו די התוועדויות וכיו״ב. און זיכער וועט זיי דער קהל ווינטשן הצלחה מיט אלע גוטע זאכן.

ויה״ר אז דאס זאל נאכמער ממהר זיין די גאולה האמיתית והשלימה, ומתוך שמחה וטוב לבב.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. אח״כ הורה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״].

* * *

ו. ס׳איז רגיל צו רעדן וועגן אן ענין וואס איז פארבונדן מיט זמן מנחה, און דער יום שלאחרי זה. ובנדו״ד - דער טאג פון י״ד אייר, פסח שני, וואס הויבט זיך אן דעם מוצאי שבת.

והגם אז דאס איז ניט שייך צו דעם שבת עצמו, פונדעסטוועגן רעדט מען אמאל אפילו בנוגע צו ענינים וואס קומען לאחרי א משך זמן, ועאכו״כ אן ענין וואס קומט במסיבות צו יום השבת. וואס שבת מיני׳ מתברכין כולהו יומין, ועאכו״כ יום ראשון בשבוע.

די הוראה פון פסח שני איז - כפתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר - אז עס איז ניטא קיין פארפאלן. דערפון איז מובן די הוראה בפועל ביום שבת זה: יעדערער זאל מאכן א חשבון הנפש צי ער האט מתקן ומשלים געווען אלע ענינים וואס דארפן תיקון והשלמה זינט פסי שני בשנה שעברה, און מ'זאל נאך ארייננכאפן און משלים זיין די עבודה נאך אין דעם שבת. און די ענינים וואס מ'קען ניט טאן שבת, זאל מען זיי משלים זיין אין די ימים שלאח"ז, ומה טוב - ביום פסח שני, וועלכער הויבט זיך אן דעם מוצאי שבת.

ויה"ר אז מ זאל זוכה זיין צו דער גאולה נאך פאר מוצאי שבת קודש - סעודתא דדוד מלכא משיחא, און נאך פאר תפלת מנחה, וואס אליהו לא נענה אלא בתפלת המנחה, און נאך פאר תפלת מנחה און קריאת התורה - נאך בהמשך דער התוועדות פון חסידים וואס קומט איצטער פאר, וידוע דער פתגם פון דעם אלטן רבי'ן איבערגעגעבן דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר בנוגע צו גודל המעלה פון א התוועדות חסידים.

ויה"ר אז הקיצו ורננו שוכני עפר, און מ'וועט דאס אלץ הערן פון דעם אלטן רבי'ן און פון כ"ק מו"ח אדמו"ר אליין.

[סיום השיחה, נכלל בשיחה המוגהת].

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

———— * ————

לעילוי נשמת

מרת **חוה** ע"ה

בת הרה"ח ר' **מאטל** ע"ה

שקלאר

נפטרה י"ג ניסן ה'תשמ"ב

ת.נ.צ.ב.ה.

•

נדפס ע"י

בנותיה

מרת **יהודית** ובעלה הרה"ת ר' **אברהם יצחק** שיחיו **בלאך**

מרת **שיינא רבקה** ובעלה הרה"ת ר' **יוסף ליב** שיחיו **לרנר**

מרת **לאה** ובעלה הרה"ת ד"ר **יצחק** שיחיו **בלאק**

מרת **שטערנא חנה** שתחי' **איזרעל**

בנה

הרה"ת ר' **משה יוסף** וזוגתו מרת **רחל** שיחיו **שקלאר**

ומשפחותיהם שיחיו

הכתובת להשיג ה"הנחות"

בארץ הקודש: ועד חנחות התמימים (אצל מכון לוי יצחק) ת.ד. 32, כפר חב"ד.
טלפון 0-3-9606887.

בחוץ לארץ: VAAD HANOCHOS HATMIMIM, 788 EASTERN PARKWAY,
BROOKLYN, N.Y. 11213
TELEPHONE# (718) 774-6448, FAX# (718) 774-7FAX

לזכות

הרה״ח **יוסף יצחק** בן **אלטע נחמה גיטל**

וזוגתו **רבקה** בת **מתי׳ה**

וב״ב

בלה ובעלה **חיים זאב** בן **יהודית**

וילדיהם **חנה, שלמה מרדכי ואפרים צבי בלוי**

מנחם מענדל דוב, חנה ורחל

יוזביץ

לזכות

יוסף יצחק בן **הינדא מלכה**
שטערנא שרה בת **רבקה בלימא**
חי' מושקא בת **שטערנא שרה**
ובעלה **מנחם מענדל** בן **מארייאשא באדאנע שרה** גראנער
ובתם **חנה** בת **חי' מושקא**
ובנם **לוי** בן **חי' מושקא**
ובתם **דבורה לאה** בת **חי' מושקא**
שלום דובער בן **שטערנא שרה**
חנה בת **שטערנא שרה**
ובעלה **שניאור זלמן** בן **אסתר הדסה** ראסקין
ובתם **חי' גנעשא בת חנה**
דוד בן **שטערנא שרה**
פייגא בת **שטערנא שרה**
ובעלה **אליהו צבי** בן **פערל** גורעוויטש
דבורה לאה בת **שטערנא שרה**
מנחם מענדל בן **שטערנא שרה**
נעכא רייזל בת **שטערנא שרה**
שניאור זלמן בן **שטערנא שרה**
פנינה יהודית בת **שטערנא שרה**

לו

לברכה והצלחה רבה בכל מעשה ידיהם
למעלה מן המשוער
ושיזכו לגרום רק נחת רוח
לכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו

לזכות

שלום דובער הלוי בן **אסתר** ומשפחתו

שליט״א

לזכות

מושקא בת **דבורה לאה**

מנחם מענדל בן **דבורה לאה**

אליעזר בן **דבורה לאה**

מוקדש

לחיזוק ההתקשרות

להוד כ״ק אדמו״ר זי״ע